STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05076

LIKUTE AMARIM -- TANYA

Shneur Zalman

Permanent preservation of this book was made possible
by Estelle Kogut
in memory of
Charles & Anna Kogut

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ספרי׳ — אוצר החסידים — ליובאוויטש

לקוטי אמרים

-תניא-

ערשטער טייל

איבערזעצט אין אידיש

צווייטע אויסגאַבע

ארויסגעגעבן דורך
„אוצר החסידים"
770 איסטערן פּאַרקוויי ברוקלין, נ. י.
אין יאָר פינף טויזענט זיבן הונדערט און זעכצען
פון דער וועלט באַשאַפונג

אינהאלט פארצייכנונג:

פאָרוואָרט פון דעם אַרויסגעבער 4

לקוטי אמרים:

הסכמות .... 6[4] — 10[ג]

פאָרוואָרט פון דעם זאַמלער .... [6]ו — 16[8]

ערשטער טייל: ספר של בינונים [ה]ט — 298[עה]

הוספות ותיקונים:

פאַקסימיליא פון כתב יד פון תניא .... קנ

פאַקסימיליא פון דעם שער בלאַט פון דער ערשטער

אויסגאַבע פון תניא .... קנא

פאר דער באקוועמליכקייט פון די וועלכע וועלן זיך נוצן מיט דער דאָזיגער איבערזעצונג, האָבן מיר איינגעטיילט די זייטן אַזוי, אַז יעדערע צוויי עמודים פון דער איבערזעצונג ענטהאַלטן דעם תוכן פון איין עמוד פון די געווענליכע אויסגאבן פון תניא (לויט הוצאת ווילנא תרע״ב). כדי נאָך מעהר צו פארגרינגערן, האָבן מיר צוגעשטעלט לעבן יעדן זייט־נומער אויך דעם אַנטשפרעכענדן עמוד־נומער פון דער דערמאָנטער אויס־גאַבע, אין חצאי רבוע [ ].

פאַר די באַקוועמליכקייט פון די לערנער איז צוגעגעבן געוואָרען, צום סוף עמוד, אייניגע מראי מקומות אויף די פסוקים און מאמרי רז״ל.

TANYA

Published and Copyrighted 1956 *by*

KEHOT Publication Society

770 Eastern Parkway Brooklyn 13, N. Y.

Tel.: HYacinth 3-9250-1 — PResident 8-4600

Printed in U. S. A.

●

EZRA LINOTYPING & PRINTING

238 Belmont Ave. Brooklyn 7, N. Y.

קובץ שלשלת האור

היכל שלישי | ספר | שער ראשון

לקוטי אמרים

— תניא —

ערשטער טייל

וועלכער ווערט אָנגערופן

ספר של בינונים

פון כבוד קדושת אדוננו מורנו ורבנו הגאון הגדול האלקי, אור עולם, מופת הדור, נזר ישראל ותפארתו, קדוש ה׳ מכובד מרנא ורבנא שניאור זלמן נשמתו בגנזי מרומים

— איבערזעצט אין אידיש —

אַרויסגעגעבן דורך
„אוצר החסידים״
770 איסטערן פּאַרקוויי ברוקלין, נ. י.
אין יאָר בקדוש ישראל יגילו לפ״ק

פאַרוואָרט פון דעם אַרויסגעבער

ב"ה.

ענטשפּרעכענדיג דעם רוף פון פאַרשיידענע זייטן, גיבן מיר דאָ אַרויס אַ אידישע איבערזעצונג פון דעם „תניא", דעם בערימטען ספר פון אַלטן רבי'ן כ"ק אדמו"ר ר' שניאור זלמן מליאַדי, אויך גערופן „דער רב".

די דאָזיגע איבערזעצונג איז די ערשטע קאָמפּלעטע און צוזאַמענגעפּאַסטע. אַ טיילווייזע איבערזעצונג (פון אָנהויב ביז פּרק ל"ד פון ליקוטי אמרים) פון י. סגל איז פאַרעפענטליכט געוואָרן אין פאָרטזעצונגען אין דעם חודש זשורנאל „הקריאה והקדושה" אין ניו יאָרק (אין די נומערן פון אייר תש"ב ביז אלול תש"ה).

דער ספר התניא רעכענט זיך פאַר דעם יסוד פון חסידות בכלל און חסידות חב"ד בפרט, און ווערט ביי חסידים אויך אָנגערופן „תורה שבכתב פון חסידות", וואָרום יעדער וואָרט אין תניא איז געוואויגן און געמאָסטן, יעדן איינציגן וואָרט דאַרף מען גרינדליך לערנען און פאַרשטיין, און עס ליגן דערין כוונות. פאַראַן אפילו אַזעלכע ערטער וואָס ביי זיי איז דער ענדגילטיגער אָפּטייטש ניט קיין איינהייטליכער, און עס באַשטייען איבער זיי חילוקי דיעות צווישן די וועלכע לערנען חסידות.

די דאָזיגע אייגנשאַפט פון דעם „תניא" מאַכט עס כמעט אוממעגליך צו געבן אַן אַבסאָלוט פּינקטליכע איבערזעצונג אויף אידיש, וואָרום אפילו מיט די גרעסטע אָנשטרענגונגען קען מען ניט גענוי מכוון זיין צום אָרי־גינאַל.

עס איז דעריבער קלאָר אַז אויך די דאָזיגע איבערזעצונג, וועלכע ווערט דאָ פאַרעפענטליכט, קען ניט האָבן קיין אַנשפּרוך אויף הונדערט פּראָצענטיגער פּונקטליכקייט. צו ערקלערן דעם ריכטיגן טייטש פון „תניא" אויף אידיש, אָדער אויף וועלכער ס'איז אַנדערער שפּראַך, וואָלט זיך געפאָדערט אַן אויספירליכער פירוש, אין וועלכן עס וואָלטן גיכער געקענט ערקלערט ווערן די אַלע ענינים וועלכע קענען בשום אופן ניט ווידערגעגעבן ווערן אין אַן איבערזעצונג.

טראָץ די אַלע שוועריקייטן האָבן מיר באַשלאָסן נאָכצוקומען די בקשות פון פאַרשיידענע זייטן, און אַרויסצוגעבן די דאָזיגע איבערזעצונג, כדי צו פאַרגרינגערן דאָס לערנען תניא צווישן ברייטע מאַסן וואָס לשון הקודש אַליין איז פאַר זיי צו שווער, און זיי נויטיגן זיך דעריבער אין אַזאַ אידישער איבערזעצונג.

אַלס הוספה — איז דאָ צוגעגעבן געוואָרען צום סוף פון ספר: א) פאַקסימיליא פון כתב יד פון תניא. ב) פאַקסימיליא פון דעם שער בלאַט פון דער ערשטער אויסגאַבע פון תניא.

מיר זיינען זיכער אַז די ברייטע מאסן וועט די דאָזיגע אויסגאבע צו־ניצקומען און זיי דערנעהנטערן און צובינדן צום לימוד החסידות, וואָס דורך דעם וועט דערנעהנטערט ווערן דער צוזאָג פון משיח צדקנו צו מורנו הבעש"ט אַז ער וועט קומען ווען „יפוצו מעינותיך חוצה"־וואָס יעמאלט וועט זיין די גאולה האמתית והשלמה במהרה בימינו. אמן.

מערכת „אוצר החסידים".

די באַשרייבונג פון אַלטן רבי'נס לעבען, זע: בית רבי, ברוקלין ה'תשי"ג.

ספרי׳ — אוצר החסידים — ליובאוויטש

קובץ שלשלת האור

היכל שלישי · שער ראשון

ספר

לקוטי אמרים

ערשטער טייל

ווּעלכער ווערט אָנגערופן

ספר של בינונים

צונויפגעקליבען פון ספרים און פון סופרים, קדושי עליון, נשמתם עדן, באַגרינדעט אויף דעם פסוק „כי קרוב אליך הדבר מאד בפיך ובלבבך לעשותו״, גיט צו ערקלערן ווי אַזוי עס איז זייער נאָהענט, אין אַ לאַנגען און קורצען וועג, מיט דעם אויבערשטענס הילף.

דערצו איז צוגעשטעלט געוואָרן די אגרת התשובה, פון אדוננו מורנו ורבנו נשמתו עדן, אויף אַ לאַנגן און קורצן וועג, וואָס ענטהאַלט אַלע ענינים פון תשובה, ווי אויך אגרת הקודש, וואָס ער האָט געשריבן בכתב ידו הקדושה ולשונו הטהור.

אָט די אַלע זיינען באַהעפט געוואָרן צוזאַמען תמים מלמעלה עיר וקדיש משמיא נחית

וואָס דאָס איז ער

כבוד קדושת אדוננו מורנו ורבנו הגאון הגדול האלקי, אור עולם, מופת הדור, נזר ישראל ותפארתו, קדוש ה׳ מכובד מרנא ורבנא **שניאור זלמן** נשמתו בגנזי מרומים

איבערזעצונג פון דעם אריגינאלן שער בלאַט.

הסכמה

פון הרב החסיד המפורסם איש אלקי קדוש יאמר לו

מוהר"ר משולם זוסיל מאניפאלי

הנה, ווען איך האָב געזעהן די שריפטן פון דעם רב, דעם גאון, ג־טליכער מענטש, קדוש וטהור, דעם לייכטנ־דיגן שפיגל און דאָס גוטע וואָס ער האָט געטאָן, און וואָס ג־ט האָט געמאַכט וואונדערליך זיין חסד און אַריינגעגעבן אין זיין ריינעם האַרץ דאָס אַלץ צו מאַכן, צו ווייזן דעם פאָלק פון ג־ט זיינע הייליגע וועגן, און זיין ווילן איז געווען, ניט אַרויפצוברענגען יענע שריפטן אין דרוק, ווייל זיין דרך איז ניט אַזוי. נאָר צוליב דער צושפרייטונג פון יענע קונטרסים צווישן אַלע אידן אין פילערליי אָפּשריפטן פון די הענט פון פאַר־שיידענערליי שרייבערס, און צוליב דער פילפאַכיגקייט פון פאַרשידענע אָפּשריפטן האָבן זיך זייער שטאַרק פאַרמעהרט די שרייב־פעהלערן, און ער איז געווען געצוויטיקט צו ברענגען יענע קונטרסים אין דרוק. און ג־ט האָט דערוועקט דעם גייסט פון די שותפים ה"ה הרבני המופלג הותיק מוהר"ר **שלום שכנא** במהור"ר **נח** און ה"ה הרבני המופלג הותיק מהור"ר **מרדכי** במהור"ר **שמואל הלוי**, אריינצוברייגגען יענע קונטרסים אין דרוק אין סלאַוויטא, איז אויף דער גוטער פעולה האָב איך געזאָגט יישר כח. זייער האַרץ האָט זיך אָבער געשראָקן פון די פילערליי דרוקן ארום און ארום וואָס זייער דרך איז צו שאַדן און קאַליע מאַכן די ריכטיגע. דעריבער האָבן מיר באַשטימט אין אונזער הארצן צו געבן אַ הסכמה

אַז קיינער זאָל ניט אויפהויבן זיין האַנד און זיין פוס אויף צו ברענגען די אויבן־דערמאָנטע דרוקערס קיין שום היזק חס ושלום, דורך השגת גבול אויף וועלכן אופן עס זאָל ניט זיין. און קיין מענטש טאָר ניט דרוקן דעם אויבנדערמאָנטן ספר אָהן דעם וויסן פון די אויבנדערמאָנטע דרוקערס ביז אַ צייט פון פינף יאָהר פון דעם אונטן־פאַרצייכענטן טאָג, און ווער עס וועט פאָלגן מיינע דאָזיגע רייד, זאָל אויף איהם קומען די ברכה פון גוטס. דאָס זיינען די ווערטער פון דעם וועלכער פאָדערט דאָס פאַר דעם כבוד פון דער תורה, היינטיגן טאָג, דינסטאָג, דעם טאָג ביי וועלכן עס שטייט צוויי מאָל „כי טוב". פרשת תבא, אין דעם יאָהר **פדותינו***) לפרט קטן **).

הקטן משולם זוסיל מאניפאלי

---

*) (אונזער אויסלייזונג) — באַטרעפט — פינף הונדערט פופציג זעקס.

**) מיינט — ניט דערמאָנענדיג די טויזענטער (פון די יאָרן).

פון הרב החסיד המפורסם איש אלקי קדוש יאמר לו
מהור"ר **יהודא ליב הכהן**

א מענטשנ'ס חכמה באַלייכט דאָס פנים פון דער וועלט.
ווען איך האָב געזעהן די הייליגע הענט פון דעם **מחבר הרב הגאון** דעם ג־טליכן מענטש, קדוש וטהור, חסיד און עניו, וואָס שוין לאַנג איז אַנטפּלעקט געוואָרן זיינע באַ־העלטעניש, זיצענדיק אין דער ישיבה פון חכמה ביי **אדונינו מורינו ורבינו, דעם וועלט-גאון**, און ער האָט געשעפּט וואַסער **מבאר מים חיים***), און איצט וועט זיך פרייען **ישראל**, ווען עס זיינען אַנטפּלעקט געוואָרן זיינע הייליגע רייד, וועלכע זיינען צוזאַמענגענומען געוואָרן צו ברענגען צום דרוק, אויף צו לערנען ג־ט'ס פאָלק הייליגע וועגן, אַזוי ווי איטליכר וועט זעהן אין די אינוויניקייט פון זיינע רייד, און דאָס באַוואוסטע דאַרף קיין ראי' ניט האָבן, נאָר צוליב דעם חשש פון קאַליע מאַכן די זאַך, עס זאָל ניט ברענגען קיין היזק צו די דרוקערס, בין איך געקומען צוצוגעבן שטאַרקייט און אַ וואָרענונג אַז קיינער זאָל ניט אויפהויבן זיין האַנט און זיין פוס, צו דרוקן, ביז אַ צייט פון פינף יאָהר נאָך דעם אונטן־פאַרצייכענטן טאָג, און ווער עס וועט פאָלגן מיינע דאָזיגע רייד, זאָל אויף איהם קומען די ברכה פון גוטס. דאָס זיינען די רייד פון דעם וועלכער רעדט דאס פאר דעם כבוד פון דער תורה, היינט, דינסטאָג, פרשה תבא תקנ"ו לפרט קטן.

יהודא ליב הכהן

---

*) (פון דעם ברונים פון קוועליגע וואַסער), מבאר — אַנדייטונג אויפן נאָמען פון מעזעריטשער מגיד — דוב בער. מים חיים — אויף תורת החסידות, וועלכע ווערט אָנגערופן דברי אלקים חיים.

פון די רבנים שיחיו, די זיהן פון דעם גאון, דעם מחבר
זכרונו לברכה נשמתו עדן.

היות עס איז ביי אונז מוסכם געוואָרן צו געבן רשות
און ערלויבעניש אַרויפצוברענגען צום דרוק פאַר
אַ זכרון פאַר אידן, דאָס וואָס עס איז פאַרשריבן, די ווערטער
פון יושר און אמת, דברי אלקים חיים, פון אדוננו אבינו
מורנו ורבנו זכרונו לברכה, וועלכע זיינען אָנגעשריבן
מיט זיין אייגענער כתב ידו הקדושה, און אין זיין הייליקער
שפראַך, וואָס אַלע זיינע ווערטער זיינען ווי ברענענדיקע
פייער קוילן, וואָס זיי צוואַרעמען די הערצער, זיי צו דערנעהנ־
טערן צו זייער פאָטער וואָס אין הימל, און זיי זיינען אָנ־
גערופן געוואָרן מיט׳ן נאָמען אגרת הקודש, וואָס די מעהרסטע
פון זיי זיינען געווען בריוו, געשיקט פון כבוד קדושתו,
אָנצווייזן דעם פאָלק פון ג־ט דעם וועג אין וועלכן זיי זאָלן
גיין און די מעשה וועלכע זיי זאָלן טאָן. און מחמת וואָס אין
מערערע ערטער האָט ער זיך געשטעלט אָנצייכענונגען
אין זיין ספר לקוטי אמרים, און דברי תורה זיינען אָרים
אויף איין פלאַץ און רייך אויף אַן אַנדער פלאַץ, און איבער־
הויפט צוליב דער זאַך וואָס איז ניי צוגעקומען אין אים,
דער „קונטרס אחרון" אויף עטליכע פרקים, וואָס ער האָט
אָנגעשריבן בעת ער האָט צוזאַמענגעשטעלט דעם ספר לקוטי
אמרים — אַ פלפול און אַ טיפזיניגע אַריינטראַכטונג וועגן
מאמרים פון זוהר און עץ חיים און פרי עץ חיים, וואָס זיי
ווייזן זיך אויס ווי זיי וואָלטן זיך ווידערשפּראָכן איינער דעם
אַנדערן, און מיט׳ן גייסט פון זיין פאַרשטאַנד פאַרענטפערט ער
זיי, יעדן דיבור אויף זיינע אופנים, וואָס ער האָט געשריבן
אין לקוטי אמרים, — האָבן מיר געזעהן אַז עס איז פאַסיג

און ריכטיג זיי צוזאַמענשטעלן מיט דעם ספר לקוטי אמרים און אגרת התשובה פון כבוד קדושת אדוננו אבינו מורנו ורבנו זכרונו לברכה. דעריבער זיינען מיר געקומען אַרויפ־צולייגן אַ גרויסן איסור און אַ גזירה פון נידוי, חרם און שמתא דרבנן וואָס האָט ניט קיין רפואה, אַז קיינער זאָל ניט אויפהויבן זיין האַנד צו דרוקן אַזוי ווי זייער צורה, אָדער איינס אָהן דעם צווייטן, צייט פינף יאָהר פון דעם אונטן־דערמאָנטן טאָג. אָבער אַזאַ זאַך דאַרף מען מעלדן, אַז בעוונותינו הרבים האָבן זיך אויסגעלאָזט און עס זיינען אויסגעגאַנגען זיינע אייגענע כתבי ידו הקדושה וואָס זיינען געווען מיט אַ גרויסער גענויקייט, עס האָט ניט געפעהלט און עס איז ניט געווען איבעריג קיין איין אות, און עס איז ניט געבליבן מעהר ווי דאָס ביסל פון אַ סך וואָס איז צו־נויפגעקליבן געוואָרן איינציגווייז פון די פאַרשפרייטע אָפ־שריפטן צווישן די תלמידים, און אויב עס וועט זיך געפינען וועלכער־ס׳איז טעות — איז שגיאות מי יבין — וועט אויס־קומען אַז דער דייטליכער גרייז איז פון דעם טעות פון דעם שרייבער, און די כוונה וועט זיין אַ קלאָרע.

היינט דאָנערשטאָג, כ״ב אייר תקע״ד, לפ״ק.

נאום **דוב בער** בן אדוני אבי מורי ורבי הגאון החסיד קדוש ישראל כבוד מרנא ורבנא **שניאור זלמן** זכרונו לברכה, נשמתו בגנזי מרומים.

ונאום **חיים אברהם** בן אדוני אבי מורי ורבי הגאון החסיד מרנא ורבנא **שניאור זלמן** זכר צדיק לברכה, נשמתו בגנזי מרומים.

ונאום **משה** בן אדוני אבי מורי ורבי הגאון החסיד מרנא **שניאור זלמן** זכרונו לברכה, נשמתו בגנזי מרומים.

וואס איז אַ בריוו וועלכער איז געשיקט צו אַלע אנשי שלומינו יצ״ו.

צו אייך, מענטשן, רוף איך. הערט זיך צו צו מיר, די וואס יאָגן זיך נאָך גערעכטיגקייט, וועלכע זוכן ג־ט, און ג־ט זאל צוהערן צו אייך, פון גרויס ביז קליין אלע אנ״ש פון אונזער מדינה און די וועלכע זיינען נאענט צו איהר, איטליכער אויף זיין אָרט זאָל קומען לשלום און לעבן ביז אייביג, נצח סלה ועד אמן כן יהי רצון.

הנה, דאָס איז באַוואוסט אַז עס איז אַ געוואוינהייט באַ מענטשן, באַ אַלע אנ״ש, צו זאָגן: אַז עס איז ניט גלייך הערן מוסר־רייד צו זעהן און לייענען אין ספרים, וואָרום דער וואָס לייענט, לייענט נאָך זיין וועג און זיין וויסן, און לויט דער השגה און דעם פאַרנעם פון זיין שכל, ביי וואָס ער האָלט, און אויב זיין שכל און זיין וויסן זיינען צומישט און גייען אַרום אין דער פינסטער אין דינען ג־ט, קומט איהם אָן שווער צו דערזעהן דאָס ליכט וואָס עס איז גוט, וואָס איז באַהאַלטן אין ספרים, כאָטש דאָס ליכט איז זיס פאַר די אויגן, און איז א היילונג פאַר דעם נפש, און אויסער דעם זיינען די ספרים פון יראה, וועלכע זיינען געבויט אויפ׳ן מענטשליכן שכל געוויס ניט גלייך פאַר איטליכן נפש, ווייל ניט אלע שכלים און דיעות זיינען גלייך, און דער שכל פון איין מענטש ווערט ניט נתפעל און דערוועקט זיך ניט פון דעם וואָס דעם צווייטנס שכל ווערט נתפעל און דערוועקט, און אַזוי ווי די רז״ל האָבן געזאָגט(א)

א) ברכות נ״ח, ע״א.

אַנטקעגן דער ברכה פון „חכם הרזים" וואָס מען דאַרף מאַכן אויף זעקס הונדערט טויזענט אידן, וואָס זייערע דיעות זיינען ניט גלייך איינע צו דער צווייטער, וכו׳ (ב), און אַזוי ווי דער רמב"ן ז"ל שרייבט דאָרט אין מלחמות אין דעם פירוש פון ספרי, ביי יהושע'ן, וואָס ביי איהם שטייט (ג) „איש אשר רוח בו", וואָס ער קאָן צו גיין צו דעם גייסט פון יעדן איינעם וכו׳ נאָר אפילו אין די ספרי היראה, וואָס זייער יסוד איז אין די הררי קודש, די מדרשים פון חז"ל, וואס דער גייסט פון ג-ט רעדט אין זיי, און זיין ווארט איז אויף זייער צונג, און תורה און הקב"ה זיינען דאָך אינגאַנצען איינס, און אַלע זעקס הונדערט טויזענט נשמות פון כללות ישראל, און זייערע פרטים און פרטי פרטים ביז צו דעם פונק וואָס געפינט זיך ביי דעם קל שבקלים און די גאָר נידעריגע מענטשען וואָס אין אונזער פאָלק, בני ישראל, זיינען זיי אַלע פאַרבונדען מיט דער תורה, און די תורה — זי איז די וואָס פאַרבינדט זיי צו דעם אויבער־שטן, אַזוי ווי עס איז באַקאַנט אין זוהר הקדוש. איז דאָס אַלץ געזעדט געוואָרן אין אַלגעמיין, פאַר כלל ישראל. און כאָטש די תורה איז געגעבן געוואָרן גע'דרש'ענט צו ווערן אין כלל און פרט און פרטי פרטות פאַר איטליכן באַזונדרן נפש פון אידן, וואָס זי איז איינגעוואורצלט אין איהר, איז אָבער ניט יעדער מענטש זוכה צו דערקענען זיין פרטית'דיקן ארט אין דער תורה. והנה, אויך אין די הלכות פון איסור און היתר, וועלכע זיינען אַנטפלעקט פאַר אונז און פאַר אונזערע קינדער, האבן מיר געפונען און געזעהן מחלוקת פון תנאים און

ב)—און אַזוי ווייטער.

ג) במדבר כ"ז, כ"ח: אַ מענטש וואָס ביי איהם איז פאַראַן גייסט.

אמוראים פון ברעג צו ברעג ממש, און סיי די און סיי די זיינען דברי אלקים חיים — לשון רבים, לויט דעם נאָמען פון דעם מקור פון לעבן פאר די נשמות פון אידן, וועלכע טיילן זיך איין אין אַלגעמיין אויף דריי קוין: רעכטס און לינקס און מיטל, וואָס דאָס זיינען חסד און גבורה וכו׳ און די נשמות, וואס זייער שורש איז פון דער מדה פון חסד, כו׳, אַזוי ווי עס איז באַוואוסט, און כל שכן און קל וחומר ביי די זאַכן וועלכע זיינען פאַרבאָרגן און אַנטפּלעקט נאָר צו ג־ט אונזער ג־ט, וואָס דאָס זיינען יראה און אהבה(ד) וואָס איז אין דעם מוח און האַרץ פון יעדן איינציגן לויט זיין מאָס, לויט ווי ער מעסט אָפּ אין זיין האַרץ, אַזוי ווי עס שטייט אין זוהר הקדוש אויפן פּסוק (ה) „נודע בשערים בעלה״ וגו׳.

נאָר איך רעד וועגן די וואָס ווייסן מיר און קענען מיר, וואָס דאָס זיינען איטליכער פון אנ״ש, וואָס אין אונזער מדינה און די וואס זיינען נאָענט צו איהר, וואס די רייד פון ליבשאפט זיינען געווען אפט צווישן אונז, און זיי האבן אנטפלעקט פאר מיר אלע פארבארגענקייטן פון זייער האַרץ און זייער מוח אין עבודת ה׳ וואָס איז אָפּהענגיג אין האַרצן. צו זיי זאָל אַריינקאַפּען מיינע רייד, און מיין שפּראַך איז די פּען פון׳ם שרייבער אין די דאָזיגע קונטרסים וועלכע ווערן אָנגערופן מיט׳ן נאָמען לקוטי אמרים(ו), וועלכע זיינען צוזאַמענגעקליבן פון ספרים און סופרים, קדושי

ד) דחילו ורחימו.
ה) משלי כ״ו, כ״ג.
ו) געקליבענע רייד.

עליון נשמתם עדן, וועלכע זיינען באַריהמט ביי אונז, און אַ טייל פון זיי זיינען מרומז צו חכמים אין די הייליגע בריוו פון אונזערע רביים אין דעם הייליגן לאַנד תובב״א (ז), און אַ טייל פון זיי האָב איך געהערט פון זייער הייליגן מויל, בעת זיי זיינען געווען דאָ־הי מיט אונז, און זיי אַלע זיינען ענטפערס אויף פילערליי שאלות וואָס עס פרעגן אַן עצה אַלע אנ״ש פון אונזער מדינה, תמיד איטליכער לויט זיין ערך, צו־צופאַסן עצות פאַר זייער נפש אין עבודת ה׳, אַזוי ווי די צייט ערלויבט מעהר ניט צו ענטפערן איטליכן באַזונדער אויף זיין שאלה. און אויך דאָס פאַרגעסן טרעפט זיך. דעריבער האָב איך פאַרצייכענט די אַלע ענטפערס אויף אַלע די שאלות, עס זאָל אָפּגעהיט ווערען פאַר אַ צייכען, עס זאָל זיין פאַר איטליכען אַ זכרון פאַר זיינע אויגן, און ער זאָל זיך שוין מעהר ניט שפּאָרן אַריינצוגיין און צו ריידן מיט מיר ביחידות. וואָרום אין זיי וועט ער געפינען רוה פאַר זיין נפש און אַ ריכטיגע עצה פאַר יעדער זאַך וועלכע איז ביי איהם שווער אין עבודת ה׳, און פעסט זאָל זיין האַרץ פאַרזיכערט אין ג־ט וועלכער מאַכט אַלץ גאַנץ פאַר אונז. און דער וואָס זיין דעת איז קורץ צו פאַרשטיין אַ זאַכליכע עצה פון די דאָזיגע קונטרסים, זאָל ער ערקלערן זיינע רייד פאַר די גרויסע אין זיין שטאָט, און זיי וועלן איהם געבן צו פאַרשטיין. און צו זיי איז מיין בקשה אַז זיי זאָלן ניט צולייגן קיין האַנד צום מויל, צו פיהרן זיך מיט פאַלשע ענוה און שפלות ח״ו,

---

ז) תבנה ותכונן במהרה בימינו אמן — זאָל זי אויפגעבויט ווערן און אויפגעריכט ווערן אין גיכן אין אונזערע טעג, אמן.

און ווי עס איז באַוואוסט די ביטערע שטראָף וואָס קומט דעם וועלכער האַלט אָפּ שפּייז, און די גרויסקייט פון דער באַלוינונג, פון דעם מאמר רז״ל(ח) אויף דעם פסוק „מאיר עיני שניהם ה׳״(ט) — וואָרום ג־ט וועט מאַכן לייכטן זיין פנים צו זיי, דאס ליכט פון דעם פנים פון דעם מלך פון לעבן, און דער וואָס באַלעבט די לעבעדיגע זאָל אונז מזכה זיין און זאָל אונז מאַכן דערלעבן די טעג וואָס איינער וועט שוין מעהר ניט דאַרפן לערנען איינער דעם צווייטן וגו׳ וואָרום אַלע וועלן מיר וויסן וגו׳ וואָרום עס וועט זיין פול די וועלט פון וויסן ג־ט וגו׳ אמן כן יהי רצון.

והנה נאָכדעם וואָס די אויבנדערמאָנטע קונטרסים האָבן זיך צושפּרייט צווישן די אַלע אויבן־דערמאָנטע אנ״ש אין פיל אָפּשריפטן דורך די הענט פון פאַרשידענע און אַלערליי שרייבערס, איז דורך די פילפאַכיגקייט פון די אַלערליי העת־קות, האָבן זיך זייער און זייער געמערט ווי געמערט די שרייב־פעהלערן, און דעריבער האָט באַווילוגט דער גייסט פון די אַדעליגע מענטשן וואָס זיי זיינען אויבן, אויף דעם צווייטן זייט אויסגערעכענט געוואָרן, זיך מטריח צו זיין מיט זייער גוף און זייער פאַרמעגן, צו ברענגען די אויבנדערמאָנטע קונטרסים צום דרוק, אויסגערייניגט פון יעדן אָפּפאַל און שרייב־פעהלער און גוט איבערגעקוקטע, זאָג איך אויף דעם גוטן ווערק יישר כח, און וויבאַלד אַז עס איז א בפירוש׳ער פסוק „ארור מסיג גבול

ח) זע תמורה ט״ז, ע״א.

ט) משלי כ״ט י״ג: ג־ט מאַכט לייכטן זייער ביידנס אויגן.

רעהו״ (י) און „ארור״ האָט אין זיך קללה און נידוי ח״ו וכו׳, דעריבער „כיהודה ועוד לקרא״ קום איך נאָר צו־צוגעבן, אָנצוואַרפן אַ שטרענגען פאַרבאָט אויף אַלע דרוקערס, ניט צו דרוקן די אויבנדערמאָנטע קונטריסים, ניט אַליין און ניט דורך זייער כח אָהן דעם רשות פון די אויבן־דערמאָנטע, צייט פינף יאָהר פון דעם טאָג וואָס עס וועט פאַרענדיגט ווערן דער דרוק, און צו די וועלכע פאָלגן וועט זיין גוט און עס זאָל אויף זיי קומען די ברכה פון גוטס. דאָס זיינען די ווערטער פון דעם זאַמלער פון די אויבן־דערמאָנטע „ליקוטי אמרים״.

י) דברים כ״ז י״ז: פאַרשאָלטן זאָל זיין דער וועלכער גייט אַריין אין דעם צווייטנס גרעניץ.

פרק א תניא — מיר האָבן געלערנט [סוף פ״ג דנדה]:

משביעים אותו תהי צדיק ואל תהי רשע ואפילו כל העולם כולו אומרים לך צדיק אתה היה בעיניך כרשע — מען באַשווערט איהם (א): דו זאָלסט זיין אַ צדיק און זאָלסט ניט זיין קיין רשע, און אפילו אויב די גאַנצע וועלט זאָגט דיר אַז דו ביסט אַ צדיק — זאָלסטו אין דיינע אויגן זיין ווי אַ רשע. און מען דאַרף פאַרשטיין: מיר האָבן דאָך געלערנט [אבות פרק ב׳]: ואל תהי רשע בפני עצמך — דו זאָלסט ניט זיין קיין רשע ביי דיר אליין. און אויך, אויב ער וועט ביי זיך אין די אויגן זיין ווי אַ רשע, וועט איהם דאָך זיין שלעכט אויפ׳ן האַרצן און ער וועט ניט קענען דינען ג־ט מיט שמחה און מיט אַ צופרידן האַרץ, און אויב עס וועט איהם דערפון אינגאַנצן ניט שלעכט זיין אויפ׳ן האַרצן — קען ער דאָך קומען צו קלות חס ושלום. נאָר דער ענין איז: מיר געפינען אין דער גמרא (ב) פינף איינטיילונגען: צדיק וטוב לו — אַ צדיק וועמען ס׳איז גוט, צדיק ורע לו — אַ צדיק וועמען ס׳איז שלעכט, רשע וטוב לו — א רשע וועמען ס׳איז גוט, רשע ורע לו — א רשע וועמען ס׳איז שלעכט, און אַ בינוני — אַ מיטעל־מענטש. און אין דער גמרא ערקלערט מען: צדיק וטוב לו צדיק גמור, אַ פולשטענדיגער צדיק. צדיק ורע לו — אַ צדיק וועלכער איז ניט פולשטענדיג. און אין רעיא מהימנא פרשת משפטים ערקלערט ער צדיק ורע לו, וואָס דאָס שלעכטס וואָס איז פאַראַן אין איהם איז אונטערגעוואָרפן צו דעם גוטס וכו׳. און אין גמרא סוף פ״ט דברכות (ג) שטייט: צדיקים

א) דעם מענטשן, איידער ער ווערט געבוירן. ב) ברכות ז׳, ע״א.
ג) ס״א, ע״ב.

איז דער יצר טוב זייער שופט כו׳, רשעים — איז דער יצר הרע זייער שופט, בינונים — איז דער און דער זייער שופט וכו׳. האָט רבה געזאָגט: אַזאַ, ווי איך איז אַ בינוני, האָט איהם אביי געזאָגט: לאָזט דאָך רבי, קיינעם ניט לעבען(ד) וכו׳. און צו פארשטיין דאָס אַלץ מיט אַ ריכטיגער ערקלערונג און אויך וואָס איוב האָט געזאָגט [בבא בתרא פרק א׳](ה) רבונו של עולם, דו האָסט באשאפן צדיקים, דו האָסט באַשאַפן רשעים כו׳. עס ווערט דאָך ניט פאַראויסגעזאָגט (ו) „אַ צדיק אָדער אַ רשע״. און אויך צו פאַרשטיין דעם מהות פון דער מדריגה פון אַ בינוני, וואָס קען דאָך געוויס ניט זיין אַז ער האָט העלפט זכיות און העלפט זינד, ווייל אויב אַזוי — ווי האָט זיך געקענט רבה אַזוי טועה זיין אין זיך און זאָגן אַז ער איז אַ בינוני? און עס איז באַוואוסט אַז זיין מויל האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט פון לערנען, אַזוי ווייט אַז אפילו דער מלאך המות האָט אויף איהם קיין שליטה ניט געקענט האָבן. איז ווי אַזוי האָט ער געקענט האָבן אַ טעות און מיינען אַז ער האָט אַ העלפט זינד חס ושלום? און נאָך־מער — וואָרום בשעת ער טוט עבירות, ווערט ער אָנגערופן רשע גמור(ז) [און אויב ער האָט דערנאָך תשובה געטאָן ווערט ער אָנגערופן צדיק גמור], און אפילו דער וואָס איז עובר אויף אַ גרינגען איסור מדברי סופרים, ווערט אָנגערופן רשע, אַזוי ווי ס׳שטייט אין דער מסכת יבמות פרק ב׳, און אין דער מסכת נדה פרק קמא, און אפילו דער וואָס ס׳איז איהם מעגליך צו פאַר־ווערן (ח) און ער האָט ניט פאַרווערט — ווערט ער אָנגערופן

ד) אויב דו זאָגסט אַז אפילו דו ביסט אַ בינוני. ה) ט״ז, ע״א.
ו) ווענן דעם מענטשן איידער ער ווערט געבוירן צי ער וועט זיין... ז) אַ פולשטענדיגער רשע. ח) דעם צווייטען פון עובר זיין אויף אַ דין.

רשע [שבועות פרק ד'] (ט), און כל שכן און קל וחומר ווער ס'איז מבטל וועלכע ס'איז מצות עשה וואָס ער וואָלט געקענט מקיים זיין, אַזוי ווי דער וואָס קען זיך עוסק זיין אין תורה און ער איז זיך ניט עוסק, וואָס אויף אַזאַ האָבן די חכמים געדרשנ'ט „כי דבר ה' בזה וגו' הכרת תכרת וגו'" (י), איז דאָך פשוט אַז ער ווערט אָנגערופן רשע, נאָך מעהר פון דעם וואָס איז עובר אַ איסור דרבנן, איז אויב אַזוי, מוז מען דאָך זאָגן אַז דער בינוני האָט ניט אין זיך אפילו די עבירה פון ביטול תורה, און דערפאַר האָט רבה געהאַט אַ טעות אין זיך צו זאָגן אַז ער איז אַ בינוני*. און דאָס וואָס מיר זאָגן אומעטום, אַז „העלפט אויף העלפט" ווערט אָנגערופן בינוני, און דער וואָס האָט אַ מערהייט פון זכיות ווערט אָנגערופן צדיק, דאָס איז נאָר אַן אַנטליהענער נאָמען בנוגע דעם ענין פון באַלוינונג און שטראָף (יג), ווייל אַ מענטש ווערט גע'משפט לויט זיין רוב (יד), און ער ווערט אָנגערופן „צדיק" גערעכט אין זיין משפט, וויבאַלד ער איז זוכה אין דעם

הגהה

(און דאָס וואָס ער זאָגט אין זוהר חלק ג' דף רל"א אַז יעדער וואָס זיינע זינד זיינען ווייניג וכו' (יא), דאָס איז די שאלה פון רב המנונא צו אליהו'ן אָבער לויט דעם ענטפער פון אליהו'ן דאָרט איז דער פשט פון צדיק ורע לו אזוי ווי ער זאָגט אין רעיא מהימנא פרשת משפטים וואָס ווערט געבראַכט פריער און די תורה האָט זיבעציגערליי פנים (יב).

ט) ל"ט, ע"ב. י) במדבר ט"ו, ל"א: וואָרום ער האָט מבזה געווען ג־ט'ס וואָרט — ווער ער פאַרשניטן ווערן. יא) ווערט אַזאַ אָנגערופן צדיק ורע לו. יב) ערקלערונגען. יג) שכר ועונש. יד) פון זיינע מעשים.

דין. אָבער וואָס איז שייך צו די אמת׳קייט פון דעם שם התואר והמעלה פון די מעלת און מדריגות פון פאַרנאַנדערטיילונג פון צדיקים און בינונים, האָבן די רז״ל געזאָגט (טו) אַז ביי די צדיקים איז דער יצר טוב זייער שופט, אַזוי ווי ס׳שטייט (טז): „ולבי חלל בקרבי״ — וואָרום ער האָט קיין יצר הרע ניט, ווייל ער האָט איהם גע׳הרג׳ט דורך פאַסטען. אָבער יעדערער וואָס איז ניט צוגעקומען צו די מדרגה, איז כאָטש זיינע זכיות זיינען מעהר ווי זיינע זינד — איז ער גאָר־ניט אין דער מעלה און מדרגה פון צדיק. און דערפאַר האָבן די רז״ל געזאָגט אין מדרש (יז) אַז דער אויבערשטער האָט געזעהן די צדיקים אז זיי זיינען ווייניג, האָט ער זיך געשטעלט און איינ־געפלאַנצט זיי אין איטליכן דור וכו׳, און אזוי ווי דער פסוק זאָגט (יח): „וצדיק יסוד עולם״. נאָר די ערקלערונג פון דעם ענין לויט דעם וואָס הרב ר׳ חיים וויטל ז״ל שרייבט אין שערי הקדושה [און אין עץ חיים שער נ׳ פ״ב] אַז ביי איטליכן אידן — סיי אַ צדיק סיי אַ רשע — איז פאַראַן צוויי נשמות — אַזוי ווי ס׳שטייט (יט) „ונשמות אני עשיתי״ וואָס דאָס זיינען צוויי נפשות. איין נפש וואָס נעמט זיך פון דער זייט פון קליפה און סטרא אחרא און זי איז די וואָס טוט זיך אָן אין דעם מענטשנ׳ס בלוט אויף מאַכן לעבן דעם גוף, און אַזוי ווי ס׳שטייט (כ): „כי נפש הבשר בדם היא״ און פון איהר קומען אַלע שלעכטע מדות פון די פיר

טו) ברכות מ״א, ע״ב. טז) תהלים ק״ט, כ״ב: און מיין האַרץ איזליידיג אין מיר. יז) זע יומא ל״ח, ע״ב. יח) משלי ז׳, כ״ה: דער צדיק איז דער פונדאַמענט פון דער וועלט. יט) ישעי׳ נ״ז, ט״ז: און נשמות (לשון רבים) האָב איך געמאַכט. כ) ויקרא י״ז, י״א: וואָרום דער נפש פון דעם פלייש איז אין דעם בלוט.

שלעכטע יסודות וועלכע זיינען אין איהר, דאָס זיינען כעס און גאוה — פון דעם יסוד פון פייער, וואָס שטייגט ארויף אין דער הויך, און די תאווה פון פארגעניגן פון דעם יסוד פון וואַסער, וואָרום וואַסער מאַכט וואַקסן אַלע מיני תענוג, און לייכטזינעקייט און ליצנות און באַרימעריי און דברים בטלים פון דעם יסוד פון רוח (כא). און פוילקייט און אומעטיגקייט — פון דעם יסוד פון ערד. און אויך די גוטע מדות וועלכע זיינען אין דער נאַטור פון אַלע אידן פון זייער געבורט, אזוי ווי רחמנות און גמילות חסדים — נעמען זיך פון איהר, ווייל ביי אידן איז דער נפש וואָס פון קליפה, נעמט זיך פון קליפת „נוגה״, אין וועלכער עס געפינט זיך אויך גוטס, און זי איז פון דעם סוד פון „עץ הדעת טוב ורע״. אנדערש אָבער זיינען די נפשות פון די פעלקער, זיי נעמען זיך פון די אנדערע קליפות טמאות וואָס אין זיי איז גאָר קיין גוטס ניטאָ, אַזוי ווי ס'שטייט אין עץ חיים שער מ״ט פ״ג אַז דאָס גאַנצע גוטס וואָס די גוים טוען — טוען זיי אַלץ צוליב זיך אליין, און אַזוי ווי עס איז דאָ אין גמרא אויף דעם פסוק (כב) „וחסד לאומים חטאת״, — אַז די אַלע צדקה און גוטסקייט וואָס די גוים טוען — איז דאָס נאָר כדי זיך גרויסצוהאַלטן כו׳.

פרק ב און דער צווייטער נפש ביי אידן איז אַ טייל פון דעם אויבערשטען ממש, אַזוי ווי עס שטייט (א) „ויפח באפיו נשמת חיים״, און „אתה נפחת בי״ (ב) — און ווי

כא) ווינד. כב) משלי י״ד, ל״ד: און דאָס גוטס פון די פעלקער איז זינד. בבא בתרא י׳ ע״ב.

א) בראשית ב׳ כ׳: און ער האָט אַריינגעבלאָזן איז זיינע נאָזלעכער אַ נשמה פון לעבן.

ב) אין ברכות השחר: דו האָסט זי (די נשמה) אין מיר אַריינ־געבלאָזן.

עס שטייט אין זהר (ג) „דער וואָס בלאָזט בלאָזט אַרויס פון זיין אינווייניג", ד. ה. פון זיין אינערליכקייט און פון זיין פנימיות, ווייל די אינערליכקייט און די פנימיות פון דעם חיות וואָס אין דעם מענטשן ברייננגט ער אַרויס דורך זיין בלאָזן מיט כח: אַזוי על דרך משל זיינען די נשמות פון אידן אויפגעגאַנגען אין (ד) מחשבה, אַזוי ווי עס שטייט(ה) „בני בכורי ישראל" (ו) „בנים אתם לה' אלקיכם". ד. ה. אזוי ווי אַ קינד נעמט זיך פון פאָטער'ס מוח, אַזוי — כביכול — נעמט זיך די נשמה פון יעדן אידן פון זיין מחשבה און זיין חכמה יתברך. וואָס ער איז אַ חכם — אָבער ניט מיט אַזאַ חכמה וואָס איז באַוואוסט, נאָר ער און זיין חכמה זיינען איינס, און אַזוי ווי דער רמב"ם זאָגט* אַז ער איז דאָס וויסן, און ער איז דער וואָס ווייסט כו'. און די זאַך איז ניט אין די מעגליכקייטן פון אַ מענטש צו פאַרשטיין עס צו זיין גרונטי־קייט כו', אַזוי ווי עס שטייט(י) „החקר אלו־ה תמצא", — און עס שטייט(יא) כי לא מחשבותי עס זיינען פאַראַן צעהנדליגער

הגהה

און עס האָבן איהם מודה געווען די חכמי הקבלה, אזוי ווי עס שטייט אין „פרדס" פון דעם רמ"ק (ז) און אויך לויט דער קבלה פון דעם אר"י ז"ל איז די זאַך אויסגעהאַלטען לויט דעם סוד פון דעם אַנטאָן זיך פון אור אין סוף ב"ה דורך פיל צמצומים אין די כלים פון חכמה־בינה־דעת (ח)

ג) מאן דנפח מתוכיה נפח. ד) דעם אויבערשטנס. ה) שמות ד', כ"ב: מיין עלטערער זון איז ישראל. ו) דברים י"ד, א': קינדער זיינט איהר צו ג־ט אייער ג־ט. ז) הרב ר' משה קורדובירו. ח) חב"ד. ט) תהלים ק"א, כ"ד: דו האָסט זיי אַלעמען געמאַכט מיט חכמה.

י) איוב י"א, ז': קענסטו דען געפינען די פאַרשונג פון ג־ט?

יא) ישעי' נ"ה, ח': וואָרום מיינע מחשבות זיינען ניט אייערע מחשבות.

מחשבותיכם״ וגו׳. און כאָטש טויזענטער פאַרשידענע אײַנטײלונגען פון מדריגות ביי נשמות גבוה מעל גבוה אָהן אַ סוף אַזוי ווי די גרויסקייט פון דער מעלה פון די נשמות פון די אבות און משה רבינו ע״ה אנטקעגן די נשמות פון די־אונזערע דורות פון עקבי דמשיח׳, וואָס זיי זיינען די בחינה פון עקביים(יב) ממש אַנטקעגן דעם מוח און דעם קאָפּ. און אזוי זיינען פאַראַן אין יעדן דור פיהרערס פון טויזענטער אידן וואָס זייערע נשמות זיינען די בחינה פון קאָפּ און מוח (יג) אַנטקעגען די נשמות פון די מאַסן און די עמי־הארץ. און אזוי אויך ביי נפשות אנטקעגען נפשות, ווייל יעדער נפש באשטייט פון נפש, רוח און נשמה. פונדעסטוועגען איז דער שורש פון איטליכער נפש רוח און נשמה, זיי אַלע, פון דעם אָנהויב פון אַלע מדריגות ביז דעם סוף פון אַלע מדריגות וואָס איז אָנגעטאָן אין אַ גוף פון עמי הארצים און קל שבקלים — נעמט ער זיך פון דעם „מוח העליון״ וואָס דאָס איז די חכמה עילאה כביכול, ווי דער משל פון דעם זוהן וועלכער נעמט זיך פון דעם פאָטער׳ס מוח, וואָס אפילו די נעגל פון זיינע פיס זיינען

ה ג ה ה

פון אצילות, אָבער ניט העכער פון אצילות, און אזוי ווי עס ווערט ערקלערט אויף אַן אַנדער אָרט אַז אין סוף ב״ה איז דערהויבן און דערהויבט זיך מיט אַן אומענדליכער הויכקייט העכער און העכער פון דעם מהות און דער בחינה פון חכמה—בינה—דעת, ביז וואַנען די מהות און די בחינה פון חכמה בינה דעת, רעכענט זיך ווי קערפּערליכע עשיה ביי איהם יתברך, אַזוי ווי עס שטייט(ט) „כולם בחכמה עשית״:

יב) פיאָטעס.
יג) אין פאַרגלייך.

געוואָרן פון דעם זעלבן טראָפּן ממש, דורך דעם וואָס ער פאַרזאַמט זיך ניין חדשים אין דער מוטער'ס בויך, און גייט אַראָפּ פון מדריגה צו מדריגה אויף ענדערן זיך און עס זאָל ווערן פון עם נעגל. און פונדעסטוועגן איז ער נאָך אַלץ צוגעבונדן און פאַראייניגט מיט אַ וואונדערליכער און שטאַרקער פאַראייניגונג, מיט זיין ערשטן מהות און עצמות, וואָס ער איז געווען דער טראָפּן פון דעם פאָטער'ס מאַרך, און אויך איצט, ביים זוהן, ציען די נעגל זייער יניקה און חיות פון דעם מוח וואָס אין קאָפּ, ווי עס איז פאַראַן אין דער גמרא [נדה דאָרט] (יד) „פון דעם פאָטער'ס „וויים מאַרך־טראָפּן" נעמען זיך די אדערן, די ביינער און די נעגל", [און ווי עס שטייט אין „עץ חיים" שער החשמל וועגן דעם סוד פון די לבושים פון אדם הראשון אין גן עדן, אז די נעגל זיינען געווען פון דער בחינה פון „מוח תבונה"]. און אזוי ממש איז — כביכול — מיט דעם שורש פון יעדער נפש רוח און נשמה פון כלל ישראל למעלה, אַראָפּגייענדיג פון מדריגה צו מדריגה, דורך דער אַראָפּנידערונג פון די וועלטן: — (טו) אצילות, בריאה, יצירה און עשיה, פון זיין חכמה יתברך. אזוי ווי עס שטייט: „כולם בחכמה עשית"(טז), איז דערפון געוואָרן די נפש, רוח און נשמה פון די עמי־הארצים און מינדערווערטיגע, און פונדעסטוועגן זיינען זיי נאָך אלץ צוגעבונדן און פאראייניגט מיט אַ וואונדערליכער, און שטאַרקער פאראייניגונג צו זייער ערשטן מהות און עצמות, וואָס זי איז אַ המשכה פון חכמה עילאה, וואָרום די יניקה און

יד) סוף פרק ג׳: לובן שממנו גידים ועצמות וצפרנים. טו) אבי״ע.
טז) תהלים ק״א כ״ד: דו האָסט זיי אלעמען געמאַכט מיט חכמה.

חיות פון נפש, רוח און נשמה פון די עמי הארץ איז פון דעם נפש, רוח און נשמה פון די צדיקים און חכמים, — די פיהרער פון אידן, וואָס אין זייער דור. און מיט דעם וועט מען פאַרשטיין וואָס די רז״ל זאָגען אויפ׳ן פסוק (יז) „ולדבקה בו״, אַז דער וואָס איז באַהעפט צו אַ תלמיד חכם, פאַררעכענט איהם די תורה גלייך ווי ער וואָלט זיך באַהעפט צו דער שכינה ממש, ווייל דורך באַהעפטן זיך צו תלמידי חכמים ווערן פאַרבונדן די נפש, רוח און נשמה פון די עמי הארץ, און זיי זיינען פאַראייניגט מיט זייער ערשטן מהות און זייער שורש וואָס אין חכמה עילאה, וואָס ער יתברך און זיין חכמה זיינען איינס און ער איז דאָס וויסן כו׳ [און די וועלכע זינדיגן און ווידערשפעניגן קעגן די תלמידי חכמים, איז די יניקה פון זייער נפש רוח און נשמה פון דער „בחינת אחוריים״ (יח) פון דעם נפש, רוח און נשמה פון די תלמידי חכמים]. און דאָס וואָס ס׳שטייט אין זהר און אין זהר חדש אַז דער עיקר איז אָפּהענגיג אַז ער זאָל זיך פיהרן הייליג בשעת תשמיש דוקא, אנדערש אָבער זיינען די קינדער פון עמי־הארץ, כו׳ — מיינט דאָס ווייל עס איז ניט פאַראַן אַ נפש, רוח און נשמה וואָס זי האָט ניט אַ לבוש פון דער עצמות פון זיין פאָטער און זיין מוטער. און אַלע מצות וואָס ער טוט איז דאָס אַלץ דורך יענעם לבוש כו׳, און אפילו דער שפע וואָס מען גיט איהם פון הימל — איז דאָס אַלץ דורך אָט־דעם לבוש. און אויב ער וועט זיך פיהרען הייליג — וועט ער אַראָפּברענגען אַ הייליגן לבוש פאר זיין קינד׳ס נשמה, און אפילו זי איז אַ גרויסע

יז) דברים ל׳, כ׳: זיך צו באַהעפטן אין איהם.
יח) וואָס מען גיט אומגעוואונטשן.

נשמה, דאַרף זי אָנקומען דערצו אַז זיין פּאָטער זאָל זיך הייליגן כו׳ אָבער די נשמה אליין — איז אַמאָל די נשמה פון אן אומענדליך הויכן מענטשן קומט אויס צו זיין אַ זוהן פון אַ פאַראַכטעטן און נידעריגן מענטש כו׳, אַזוי ווי דער אריז״ל זאָגט דאָס אַלץ אין „לקוטי תורה״ פרשת וירא און אין „טעמי המצות״ פרשת בראשית.

פרק ג **והנה**, יעדע איינציגע בחינה און מדרגה פון אָט די דריי: נפש, רוח און נשמה, באַשטייט פון צעהן בחינות, אַנטקעגן די צעהן ספירות פון למעלה, וואָס זיי זיינען אראָפּגענידערט געוואָרען פון זיי, וואָס צוטיילן זיך אויף צוויי וואָס דאָס זיינען: דריי „מוטערס״ און זיבן „טאָפּעלע״(א) ד. ה. חכמה, בינה און דעת — און די „זיבן טעג פון דעם בויען״ (ב) ד. ה. חסד, גבורה, תפארת כו׳, און אַזוי איז אויך אין דער מענטשליכער נפש וועלכע צוטיילט זיך אויף צוויי — שכל און מדות. שכל נעמט אַריין חכמה, בינה און דעת, און די מדות זיינען ליבשאַפט צו ג־ט און שרעק פאַר איהם און מורא האָבן פאַר איהם און באַשיינען איהם כו׳ און חכמה, בינה און דעת (ג) ווערן אָנגערופן די מוטערס און דער מקור צו די מדות ווייל די מדות זיינען די אָפּשטאַמונגען פון חב״ד. און די ערקלערונג פון דעם ענין איז: אַז אָט דער שכל וואָס איז אין דעם פאַרשטאַנדיגן נפש, אָט־דער וועלכער קליגט זיך אין איטליכע זאַך, ווערט ער אָנגערופן מיט׳ן נאָמען „חכמה — כח מה״. און אַז ער ברענגט אַרויס דעם דאָזיגן כח אין פועל אַריין, אַז ער באַטראַכט זיך מיט זיין שכל צו פאַרשטיין

א) שלש אמות ושבע כפולות.
ב) פון דער וועלט.
ג) חב״ד.

אַ זאַך גלייך און טיף, פון אַן ענין פון חכמה, וועלכער עס איז באַגריפן געוואָרן אין זיין שכל, — ווערט דאָס אָנ־גערופן „בינה״ (ד) און זיי (ה) זיינען דער פאָטער און מוטער, פון וועלכע עס ווערט געבוירן ליבשאַפט צו ג־ט און מורא האָבן פאַר איהם און שרעקן זיך פאַר איהם. וואָרום דער שכל וואָס איז אין דעם פאַרשטאַנדיגן נפש, אַז ער באַטראַכט זיך און פארטיפט זיך זייער אין דער גרויסקייט פון ג־ט, ווי ער איז פול אין אַלע וועלטן און נעמט אַרום אַלע וועלטן (ו), און אַלץ אַנטקעגן איהם באַטרעפט ווי גאָרניט, — ווערט געבוירן און אויפגעוועקט אין זיין מוח און מחשבה די מדה פון יראת הרוממות (ז) אויף מורא צו האָבן און שעמען זיך פאַר זיין גרויסקייט יתברך וואָס זי האָט גאָר קיין סוף און תכלית ניט, און אַ שרעק פאַר ג־ט אין זיין הארץ, און דערנאָך וועט זיך זיין האַרץ צופלאַ־קערן מיט אַ שטאַרקער ליבשאַפט ווי פייערדיקע קוילין מיט אַ חשק און ווילן און תשוקה און אַ גלוסטיקער נפש — צו דער גרויסקייט פון אין סוף (ח) ב״ה. און דאָס איז „אויסגיין פון דער נשמה״ (ט) אַזוי ווי עס שטייט (י) „נכספה וגם כלתה נפשי״ וגו׳ און עס שטייט (יא) „צמאה נפשי לאלקים״ וגו׳ און

ד) פאַרשטאַנד.
ה) חכמה און בינה.
ו) ממלא כל עלמין וסובב כל עלמין.
ז) מורא האָבן פאַר ג־טליכער דערהויבענקייט.
ח) דעם אויבערשטן. ט) כלות הנפש.
י) תהלים פ״ד, ג׳: מיין נשמה גלוסט און גייט אויס.
יא) תהלים מ״ב, ג׳: מיין נשמה דורשט צו דעם אויבערשטן.

ס׳שטייט (יב) „צמאה לך נפשי״ וגו׳, און דער דאָרשט נעמט זיין פון דעם יסוד פון פייער, וועלכער געפינט זיך אין דער ג־טליכער נשמה, אַזוי ווי עס זאָגן נאַטור־וויסענשאַפטלער און אַזוי שטייט אויך אין „עץ חיים״ אַז דער יסוד פון פייער איז אין האַרצן און דער מקור פון וואַסער און פייכטקייט איז פון מוח און אַזוי ווי עס שטייט אין „עץ החיים״ שער נ׳, וואָס דאָס איז די בחינת חכמה וועלכע ווערט אָנגערופן „וואַסער וואָס אין דער ג־טליכער נפש״. און די איבעריגע מדות זיינען אַלע אָפּצווייגן פון יראה און אהבה און זייער אָפּשטאַמונג ווי עס ווערט ערקלערט אין אַ אַנדער אָרט. און „דעת״ (יג) איז פון דעם לשון „והאדם ידע את חוה״ (יד) וואָס מיינט צוגעבונדעקייט און באַהעפטונג, וואָס ער בינדט צו זיין וויסן מיט אַ שטאַרקן און זייער אַ פעסטן פאַרבונד, און קאָנצענטרירט שטאַרק זיין מחשבה אין דער גרויסקייט פון אין סוף ברוך הוא, און ווענדט ניט אָפּ זיין וויסן. וואָרום אפילו איינער וואָס איז קלוג און פארשטאַנדיג אין דער גרויסקייט פון אין סוף ברוך הוא, איז אויב ער וועט ניט צובינדן זיין וויסן און וועט ניט קאָנצענטרירן זיין געדאַנק מיט אַ שטאַרקייט און התמדה, וועט ער ניט שאַפן אין זיין נשמה אָט די אמת׳ע יראה און ליבשאַפט, נאָר ניט־ריכטיקע איינבילדונגען. און דעריבער איז דעת די עקזיסטענץ פון די מדות און זייער חיות, און ער נעמט אַריין חסד און גבורה, ד. ה. אהבה מיט איהרע אָפּצווייגונגען און יראה מיט איהרע אָפּצווייגונגען.

יב) תהלים ס״ג׳ ב׳: מיין נשמה דאָרשט צו דיר.

יג) וויסן. יד) בראשית ד׳, א׳: און אדם האָט זיך פאַראייניגט מיט חוה׳ן.

פרק ד און נאָך איז פאַראַן ביי יעדער ג־טליכער נפש דריי לבושים, (א) וועלכע זיינען: מחשבה, דבור און מעשה (ב) פון תרי"ג מצוות פון דער תורה. אז ווען דער מענטש איז פּראַקטיש מקיים די אַלע מצוות מעשיות, און מיט'ן דבור איז ער עוסק אין דערקלערן די אַלע תרי"ג מצוות און זייערע הלכות, און אין מחשבה דערגייט ער אַלץ וואָס ער קען דערגיין אין דעם פרד"ס (ג) פון תורה — ווערן די אַלע זעקס הונדערט און דרייצן איברים פון זיין נפש אָנגעטאָן אין די תרי"ג מצוות פון דער תורה. און באַזונדער די בחינות פון חב"ד וואָס איז פאַראַן אין זיין נפש, ווערן זיי אָנגעטאָן אין פארשטיין די תורה, וואָס ער דערגייט אין פרד"ס, לויט ווי ווייט זיין השגה דערגרייכט, און לויט דעם שורש פון זיין נשמה למעלה. און די מדות, וועלכע זיינען יראה און אהבה און זייערע אָפּצווייגונגען און זייערע אָפּשטאַמונגען, טוען זיך אָן אין דעם קיום המצוות אין מעשה און אין ריידן — וואָס מיינט לערנען תורה, וואָס איז קעגן זיי (ד) אַלע, ווארום אהבה איז דער שורש פון אַלע צוויי הונדערט אַכט און פערציג מצוות עשה, און פון איהר נעמען זיי זיך, און אָהן איהר האָבן זיי ניט קיין אמת'ן קיום, ווייל דער וואָס איז זיי מקיים אויף אַן אמת, איז דער וועלכער האָט ליב דער אויבערשטנ'ס נאָמען, און וויל מיט אַן אמת זיך באַהעפטן מיט איהם. און מען קען זיך ניט אמת'דיק באַהעפטן מיט איהם, סיידן

א) קליידער. ב) טראַכטען, ריידען און טאָן.
ג) ראשי תיבות: פשט, רמז, דרוש, סוד. ד) די מצוות.

דורך מקיים זיין די צוויי הונדערט אַכט און פערציג מצות וועלכע זיינען כביכול, די צוויי הונדערט אַכט און פערציג איברים פון דעם מלך, ווי עס ווערט ערקלערט אין אַן אַנדער אָרט. און די יראה איז דער שורש פון די דריי הונדערט פינף און זעכציג מצוות לא תעשה, וואָרום ער האָט מורא ווידערשפעניגן אין דעם מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא; אָדער נאָך אַ טיפערע יראה פון דעם, וואָס ער שעמט זיך פאַר זיין (ה) גרויסקייט צו ווידערשפעניגן קעגן זיין כבוד און צו טאָן דאָס וואָס איז שלעכט אין זיינע אויגן, די אַלע אומ־ווירדיגע זאַכן וועלכע ג־ט האָט פיינט, דאָס זיינען די קליפות און סטרא אחרא וועלכע ציען זייער יניקה פון דעם מענטשן דאָ אונטען און זייער אָנהאַלטונג אין איהם איז דורך די שס״ה מצות לא תעשה (ו). והנה, אָט די דריי לבושים פון דער תורה און איהרע מצוות, כאָטש זיי ווערן אָנ־גערופן „לבושים״ צו נפש, רוח און נשמה, פונדעסטוועגן איז זייער מעלה אומענדליך העכער און גרעסער פון דער מעלה פון נפש, רוח און נשמה אליין, אזוי ווי עס שטייט אין זהר אַז די תורה און הקדוש ברוך הוא זיינען אַלץ איינס. דאָס מיינט אַז די תורה, וועלכע איז די חכמה און דער רצון פון הקדוש ברוך הוא, און הקדוש ברוך הוא בכבודו ובעצמו זיינען איינס, ווייל ער איז דאָך דער וואָס ווייסט און ער

ה) דעם אויבערשטענס.

ו) וואָס ער איז עובר.

איז דאָס וויסן וכו׳ ווי עס איז אויבן ערקלערט אין נאָמען פון רמב״ם. און כאָטש הקדוש ברוך הוא ווערט אָנגערופן „אין סוף״ און זיין גרויסקייט קען ניט דערפאַרשט ווערן, און קיין מחשבה קען איהם גאָרניט באַנעמען, און אַזוי איז אויך זיין רצון און זיין חכמה, אַזוי ווי עס שטייט (ז) „אין חקר לתבונתו״ און עס שטייט (ח) „החקר אלו־ה תמצא״ און עס שטייט (ט) „כי לא מחשבותי מחשבותיכם״ — איז אויף דעם האָט מען געזאָגט: אַז דאָרט וואו מען געפינט דעם אויבערשטנ׳ס גרויס־קייט, אָט דאָרט געפינט מען זיין ענוות און דער אויבערשטער האָט מצמצם געווען זיין רצון און זיין חכמה אין די תרי״ג מצות פון דער תורה און אין זייערע הלכות און אין די צירופים (י) פון די אותיות פון תורה, נביאים און כתובים און זייערע דרשות וועלכע זיינען אין די אגדות און מדרשים פון אונזערע חכמים ז״ל, כדי אַז יעדע נשמה אָדער רוח און נפש וואָס געפינט זיך אין דעם מענטשליכן קערפער זאָל קענען דערגרייכן מיט איהר פאַרשטאַנד און זיי מקיים זיין — אַלץ וואָס מען קען פון זיי מקיים זיין — אין מעשה, דבור און מחשבה, און דורך דעם וועט זי זיך אָנטאָן מיט אַלע איהרע צעהן בחינות אין די דריי לבושים.

ז) ישעי׳ מ׳, כ״ח: זיין פאַרשטאַנד קען ניט דערפאָרשט ווערן.

ח) איוב י״א, ז׳: צו קענסטו דען דערפאָרשן ג־ט?

ט) ישעי׳ נ״ה, ח׳: וואָרום מיינע מחשבות זיינען ניט אייערע מחשבות.

י) צונויפשטעלונג.

און דעריבער איז די תורה געגליכן געוואָרן צו וואַסער: אזוי ווי וואַסער גייט אַראָפּ פון אַ הויכן פּלאַץ צו אַ ני־דעריגן פּלאַץ, אזוי האָט די תורה אַראָפּגענידערט פון דעם פּלאַץ פון איר כבוד וואָס זי איז זיין רצון און זיין חכמה יתברך, און תורה און הקב״ה זיינען אַלץ איינס און קיין מחשבה קען אים גאָרניט באַנעמען, און פון דאָרט האָט זי גע־רייזט און האָט אַראָפּגענידערט אין די פאַרבאָרגענקייט פון די מדרגות פון מדרגה צו מדרגה דורך די אַראָפּנידערונג פון די וועלטן ביז וואַנען זי האָט זיך אַנגעטאָן אין גשמיות׳דיקע זאַכן און ענינים פון עולם־הזה, וואָס זיי זיינען דער אַלערגרעסטער טייל פון די מצוות פון תורה און זייערע הלכות, און אין די צונויפשטעלונגען פון גשמיות׳דיקע אותיות מיט טינט אויפ׳ן ספר, די פיר און צוואַנציג ספרים פון תורה, נביאים און כתובים, אַזוי אַז יעדע מחשבה זאָל זיי קענען פאַרנעמען, און אפילו די בחינות פון דבור און מעשה, וואָס זיינען נידריגער פון דער מדרגה פון מחשבה, זאָל זיי קענען פאַרנעמען און אָנטאָן זיך אין זיי. און וויבאַלד אַז די תורה און איהרע מצוות׳ טוען אָן די אַלע צעהן בחינות פון דעם נפש און אַלע איהרע זעקס הונדערט דרייצן אברים פון איר קאָפּ ביז איר פוס, איז זי דאָך אינגאַנצן פאַרבונדן מיט דעם בונד פון לעבן מיט ג־ט ממש, און די ג־טליכע ליכ־טיגקייט ממש נעמט זי אַרום און באַקליידט איר פון איר קאָפּ ביז איר פוס, אַזוי ווי ס׳שטייט(יא) „צורי אחסה בו״ און ס׳שטייט(יב)

יא) תהלים י״ח, ג׳: מיין שטיין וואָס אין איהם באַשיץ איך זיך.

יב) תהלים ה׳, י״ג: ווי אַ פּאַנצער וועסט איהם מיט רצון אַרום רינגלען.

„כצנה רצון תעטרנו״. וואָס איז זיין רצון און זיין חכמה יתברך, וואָס זיינען אָנגעטאָן אין זיין תורה און איהרע מצוות. און דעריבער האָט מען געזאָגט (יג): „עס איז בעסער איין שעה אין תשובה און מעשים טובים אויף דער וועלט, פון דעם גאַנצן לעבן פון עולם הבא״ — ווארום עולם הבא איז וואָס מען איז נהנה פון דעם שיין (יד) פון דער שכינה, וואָס דאָס איז דער תענוג פון השגה, און קיין באַשעפעניש, אפילו פון די העכסטע, קען מעהר ניט משיג זיין ווי אַן אָפּשיין פון דער ג־טליכער ליכטיגקייט. און דאָס ווערט דעריבער אָנגערופן מיט׳ן נאָמען „זיו השכינה״. אָבער דעם אויבערשטן בכבודו ובעצמו קען קיין מחשבה אים גאָרניט באַ־נעמען, סיידן אויב זי באנעמט און טוט זיך אָן אין תורה און איהרע מצוות, דאן איז זי אריינגענומען אין זיי און זי טוט זיך אָן אין הקב״ה ממש, וואָרום תורה און הקב״ה זיינען אַלץ איינס. און כאָטש די תורה איז דאָך אָנגעטאָן געוואָרן אין אונטערשטע גשמיות׳דיקע זאַכן, איז דאָס למשל אַזוי ווי איינער וואָס נעמט אַרום דעם קעניג, וואָס ס׳איז קיין אונטערשיד ניט אין דער מדרגה פון זיין נאָענטקייט און זיין באַהעפטונג צום קעניג — צי נעמט ער איהם אַרום בעת ער גייט אָנגעטאָן אין מלבוש צי ער גייט אָנגעטאָן עטליכע מלבושים, — וויבאלד דער קערפּער פון דעם קעניג איז אין זיי.

יג) אבות פרק ד׳ משנה י״ז.
יד) זיו.

און אַזוי אויך דער קעניג נעמט איהם ארום מיט זיין אָרים, אפילו ווען ער איז אָנגעטאָן אין זיינע קליידער. אַזוי ווי ס'שטייט (טו) „וימינו תחבקני", וואָס דאָס מיינט די תורה וועלכע איז געגעבן געוואָרן דורך דער רעכטער האַנט (טז), וועלכע איז די בחינה פון חסד און וואַסער.

פרק ה און כדי מעהר צו ערקלערן(*) דארף מען גוט ערקלערן דעם לשון פון „תפיסא" (א) וואָס אליהו האָט געזאָגט אַז „לית מחשבה תפיסא בך" כו'(ב). הנה יעדער שכל, אַז ער פאַרשטייט און באַגרייפט מיט זיין פאַרשטאַנד אַ שכל'דיקן ענין (ג), באַנעמט דאָך דער שכל דעם שכל'דיקן ענין און נעמט איהם אַרום מיט זיין פאַרשטאַנד, און דער שכל'דיקער ענין ווערט אַריינגענומען און אַרומגערינגעלט און אָנגעטאָן אין דעם שכל וועלכער האָט איהם באַגריפען און איהם פאַרשטאַנען, און אויך דער שכל ווערט אָנגעטאָן אין דעם מושכל אין דער צייט וואָס ער באַגרייפט איהם און באַנעמט איהם מיט זיין פאַר־שטאַנד. למשל, ווען אַ מענטש פאַרשטייט און באַגרייפט גלייך און גרונטיק אַ הלכה אין דער משנה אָדער אין דער גמרא, נעמט דאָך זיין פאַרשטאַנד איהר אַרום און רינגעלט איהר

טו) שיר השירים ח׳, ג׳: און זיין רעכטע האַנד נעמט מיר אַרום.
טז) פון דעם אויבערשטען.
*) דעם אויבענדערמאָנטען ענין.
א) באַנעמען.
ב) קיין מחשבה קען דיר (ג־ט ב"ה) ניט באַנעמען.
ג) מושכל.

אַרום, און אין יענער צייט ווערט אויך זיין שכל אַנגעטאָן אין איהר. והנה, אָט די הלכה איז זיין חכמה און זיין ווילן פון דעם אויבערשטן, וואָס עס איז געווען זיין רצון אַז אויב ראובן וועט, למשל, טענה'ן אזוי און אזוי, און שמעון אָט־אַזוי, זאָל דער פסק דין צווישן זיי זיין אַזוי און אַזוי. און אפילו אויב די זאַך איז קיינמאָל ניט געווען און עס וועט קיינמאָל ניט זיין אַז מען זאָל קומען צום משפט איבער אַזעלכע טענות און תביעות — איז פונדעסטוועגן, וויבאַלד אַז אַזוי איז געווען דעם אויבערשטן ברוך הוא'ס רצון און חכמה, אַז אויב איינער וועט טענה'נען אַזוי און דער צווייטער אָט־אַזוי, זאָל דער פסק דין זיין אָט־אזוי, איז בעת דער מענטש ווייסט און באַגרייפט מיט זיין שכל דעם דאָזיגן פסק לויט ווי די הלכה ווערט אויסגעשטעלט אין דער משנה, אָדער גמרא אָדער פוסקים — איז ער יעמאָלט משיג און באַנעמט און רינגלט אַרום מיט זיין שכל דעם אויבערשטנ'ס רצון און חכמה, וואָס קיין מחשבה קען ניט באַנעמען ניט איהם און ניט זיין ווילן און זיין חכמה, נאָר(ד) דורך זייער(ה) אָנטאָן זיך אין די הלכות וועלכע זיינען פאַר אונז אויסגעשטעלט געוואָרן, און אויך זיין שכל ווערט אָנגעטאָן אין זיי. און דאָס איז אַ וואונ־דערליכע פאַראייניגונג וואָס ניטאָ נאָך אַ פאַראייניגונג ווי זי, און עס איז ניטא קיין גליכן צו דעם אין גשמיות, וואָס מען זאָל ממש ווערן איינס און פאַראייניגט פון יעדער זייט און

ד) ער באַגרייפט עס.
ה) דעם אויבערשטענס רצון און חכמה.

ווינקל, און דאָס איז אַ צוגעגעבענע מעלה, אַ גרויסע און אַ וואונדערליכע אָהן אַ ברעג, וואָס איז אין דער מצוה פון וויסן די תורה און איהר באַגרייפן אויף אַלע מצוות מעשיות און אפילו אויף די מצוות וועלכע זיינען אָפּהענגיג אין ריידן און אפילו אויף די מצוה פון לערנען תורה וועלכע ווערט געטאָן מיט'ן דיבור — ווייל דורך די אַלע מצוות פון דיבור און מעשה טוט דער אויבערשטער אָן דעם נפש און אַ ג־טליכער ליכטיגקייט רינגלט איהר ארום פון איר קאָפּ ביז איהר פוס. און ביי ידיעת התורה איז אויסער דעם וואָס דער שכל ווערט אָנגעטאָן אין דער ג־טליכער חכמה, איז די ג־טליכע חכמה אויך פאַראַן אין איהם, וואָס דער שכל באַגרייפט און פאַרנעמט און נעמט אַרום מיט זיין פאַרשטאַנד וואָס ער קען פאַרנעמען און באַגרייפן פון ידיעת התורה, איטליכער לויט זיין שכל און דעם כח פון זיין וויסן און זיין השגה אין פרד"ס. און וויבאַלד אַז אין ידיעת התורה טוט זיך די תורה אָן אין דעם נפש פון דעם מענטש און אין זיין שכל, און ווערט אַרומגענומען פון זיי, דעריבער ווערט זי אָנגערופן מיט'ן נאָמען „ברויט" און „שפייז" פון דעם נפש, וואָרום אַזוי ווי דאָס גשמיות'דיקע ברויט שפייזט דעם קערפּער ווען ער נעמט איהם אַריין אין זיך אינווייניג אַריין ממש, און ער ווערט דאָרט איבערגעאַנדערשט צו ווערן בלוט און פלייש ווי זיין אייגענע פלייש, און דאן קען ער לעבן און עקזיסטירן, — אָט אַזוי איז מיט דעם וויסן פון תורה און איהר באַגרייפונג אין נפש פון דעם מענטשן וואָס ער לערנט איהר גאָר גוט, מיט אַ פאַרטיפונג פון זיין שכל, ביז וואַנען זי ווערט באַנומען פון זיין שכל און ווערט פאַראיינציגט מיט איהם און זיי ווערן

איינס — ווערט דאָס שפּייז פאַר דעם נפש און עס ווערט לעבן אין איהר פון דעם חיי החיים (ו) אין סוף ברוך הוא, וועלכער איז אָנגעטאָן אין זיין חכמה און זיין תורה וואָס איז אין איהר. און אָט־דאָס מיינט דער פּסוק (ז): „ותורתך בתוך מעי", און אַזוי ווי עס שטייט אין עץ חיים שער מ"ד פרק ג' אַז די לבושים פון די נשמות אין גן עדן זיינען די מצוות, און די תורה איז די שפּייז פאַר די נשמות וועלכע האָבן זיך עוסק געווען אין דער וועלט אין תורה לשמה, און אַזוי ווי עס שטייט אין זהר ויקהל דף ר"י. און „לשמה" מיינט מען כדי צו פאַרבינדן זיין נפש צו ג־ט דורך משיג זיין תורה יעדער איינער לויט זיין פארשטאַנד, אזוי ווי ס'שטייט אין „פרי עץ חיים". [און דער שפּייז, איז אַ בחינה פון „אור פנימי" (ח), און די לבושים זיינען אין דער בחינה פון „מקיפים". און דעריבער האָבן די רז"ל געזאָגט (ט) אַז לערנען תורה איז שקול קעגן אַלע מצוות, ווייל די מצוות זיינען נאָר לבושים און די תורה, איז אַ שפּייז און אויך אַ לבוש פאַר דעם שכל'דיקן נפש, וואָס ער טוט זיך אָן אין איהר דורך פאַרטיפן זיך אין איהר און לערנען איהר, און כל שכן ווען ער רעדט אַרויס מיט זיין מויל, וואָס די פאַרע וואָס קומט אַרויס ביים

ו) דער אויבערשטער וועלכער באַלעבט אַלע לעבעדיקע.

ז) תהלים מ' ט': און דיין תורה איז אין מיינע געדערים.

ח) אַן אינווייניגסטע ליכטיגקייט.

ט) פאה פרק א' משנה א'. זע רמב"ם הל' תלמוד תורה פרק ג' הל' ג'.

רעדן ווערט אַ בחינה פון „אור מקיף״, ווי ס׳ווערט ערקלערט אין „פרי עץ חיים״].

פרק ו והנה דער אויבערשטער האָט באַשאַפן אַלעס „זה לעומת זה״ (א). אַז אַזוי ווי דער נפש האלקית באַשטייט פון צעהן הייליגע ספירות און טוט זיך אָן אין דריי הייליגע לבושים, אַזוי איז דער נפש פון סטרא אחרא וואָס נעמט זיך פון „קליפּות נוגה״, וועלכע טוט זיך אָן אין דעם מענשטנ׳ס בלוט, באַשטייט פון צעהן „קרוינען פון אומריינ־קייט״ (ב), וואָס זיינען זיבן שלעכטע מדות וועלכע נעמען זיך פון די פיער־דערמאָנטע (ג) פיר שלעכטע יסודות און דער שכל פון וועלכן זיי ווערן געבוירן, וועלכער טיילט זיך אויף דריי, וואָס זיי זיינען חכמה, בינה און דעת, דער מקור פון מדות. ווייל די מדות זיינען לויט דעם שכל, וואָרום א קליינער באַגעהרט און האָט האָלט קליינע זאַכן פון אַ נידריגער ווערדע, ווייל זיין שכל איז צו קליין און צו קורץ אויף צו באַגרייפן זאַכן וואָס זיינען טייערער פון זיי. און אַזוי ווערט ער אויך אין כעס און ברוגז׳ט זיך איבער קליינע זאַכן, און אַזוי איז אויך מיט באַריהמען זיך און אַנדערע מדות. און אָט די צעהן טמא׳דיקע בחינות, איז אַז דער מענטש טראַכט אין

א) אַנטקעגען יעדער זאַך אין קדושה איז פאַראַן אַ זאַך אין קליפּה וואָס איז דער קעגען־זאַץ דערצו.

ב) כתרין דמסאבותא.

ג) פרק א׳, ע׳ 20 [10].

זיי אָדער רעדט פון זיי אָדער טוט זיי, איז דאָך זיין מחשבה וואָס אין זיין מוח, און זיינע רייד וואָס אין זיין מויל, און די טאַט־קראַפט וואָס אין זיינע הענט און אנדערע איברים זיינע — ווערן זיי אָנגערופן „קליידער פאר אומריינקייט"(ד) צו אַט די צעהן טמא׳דיקע בחינות, וואָס אין זיי טוען זיי זיך אָן בעת דער מעשה אָדער דיבור אָדער מחשבה. און אַט דאָס זיינען די אַלע מעשים וועלכע ווערן אָפּגעטאָן אונטער דער זון וועלכע זיינען אַלע פוסט און אַ צובראָכענקייט פון גייסט, אַזוי ווי עס שטייט אין זהר פרשת בשלח, אַז זיי זיינען אַ צובראָכענקייט פון גייסט כו׳. און אַזוי זיינען אויך די אלע דבורים און אלע מחשבות וועלכע זיינען ניט צו ג־ט, און צו זיין ווילן און זיין עבודה וואָס דאָס איז דער טייטש פון די ווער־טער „סטרא אחרא", ד. ה. די „אַנדערע זייט" וועלכע איז ניט די זייט פון קדושה, און די זייט פון קדושה מיינט נאָר ווען עס רוהט און ווערט אַראָפּגעטראָגן די קדושה פון הקדוש ברוך הוא, און הקדוש ברוך הוא רוהט נאָר אויף אַזאַ זאַך וואָס איז בטל צו איהם יתברך סיי בפועל ממש, אזוי ווי די מלאכים פון למעלה, סיי בכח, אזוי ווי יעדער איד דאָ אויף דער וועלט, וואָס ער האָט בכח צו זיין בטל ממש צו הקדוש ברוך הוא מיט זיין מסירת נפש פאַר ג־ט׳ס קדושה. און דערפאַר האָבן די רז"ל געזאָגט(ה) אַז אפילו איינער

ד) לבושי מסאבו.

ה) אבות פרק ג׳ משנה ו׳.

וואָס ער זיצט און איז זיך עוסק אין תורה, רוהט די שכינה כו׳, און(ו) אויף יעדע צעהן אידן רוהט די שכינה אלעמאָל. אָבער אלץ וואָס איז ניט בטל צו איהם יתברך נאָר ער איז אַ זאַך אָפּגעטיילט פאר זיך, איז ער ניט מקבל חיות פון דער ג־טליכער הייליגקייט פון דער פנימית פון דער קדושה און איהר מהות און איהר עצם בכבודה ובעצמה, נאָר פון דער בחינה פון „אחוריים״(ז), וואָס זיי זיינען אראָפּ פון מדרגה צו מדרגה צעהנדליגער טויזענטער מדרגות מיט דער אַראָפּנידערונג פון די וועלטן וואָס איינע איז מקבל פון דער צווייטער און פיל פאַרקלענערונגען ביז אַז אזוי פיל ווערט פארקלענערט די ליכטיגקייט און דער חיות, קלענער און קלענער, ביז וואַנען עס קען פאַרקלענערט ווערן און אַנטאָן זיך אין אַ בחינה פון גלות אין דער אָפּגעטיילטער זאך, צו מאכן עס לעבן און עקזיסטירן אַז דאָס זאָל זיין פון גאָרניט אַ זאַך(ח), אַז עס זאָל זיך ניט אומקעהרן צוריק צו ווערן גאָרניט ווי פריער, איידער עס איז באַשאַפן געוואָרן. און דעריבער ווערט די וועלט מיט אַלץ וואָס איז אין איהר אָנגערופן וועלט פון קליפות און „סטרא אחרא״, און דעריבער זיינען אויך אלע מעשים אויף דער וועלט שווערע און שלעכטע, און די רשעים

ו) סנהדרין ל״ט, ע״א: כל בי עשרה שכינתא שריא.

ז) וואָס מ׳גיט אומגעוואונטשען. וועגען דעם זע ווייטער פרק כ״ב.

ח) מאין ליש.

שטאַרקן זיך אין איהר, אַזוי ווי עס שטייט אין עץ חיים שער מ"ב סוף פרק ד'*. די קליפות אָבער טיילן זיך פאַנאַנדער אויף צוויי מדריגות — איינע נידריגער פון דער צווייטער. די אונטערשטע מדרגה איז די דריי קליפות וועלכע זיינען אינגאַנצען טמא און שלעכט און זיי האָבן אין זיך גאָר קיין גוטס ניט. און אין דער „מרכבה" פון יחזקאל הנביא ווערן זיי אָנגערופן „רוח סערה"(ט), און „ענן גדול" (י) וגו', און פון זיי ווערן נשפע און נעמען זיך די נפשות פון אַלע גויים און די עקזיסטענץ פון זייער קערפּער, און די נפשות פון אלע לעבעדיקע באשעפענישן וואָס זיינען טמא און מען טאָר זיי ניט עסן, און דער קיום פון זייער קערפּער און די עקזיסטענץ און דאָס לעבען פון די אַלע פאַרבאָטענע שפּייז פון פלאנצן, ווי למשל ערלה, און כלאי

הגהה

* כאָטש עס זיינען דערין פאַראַן די צעהן ספירות פון דעם עולם העשיה פון קדושה, און אזוי ווי ס'שטייט אין עץ חיים שער מ"ג. און אין די צעהן ספירות פון עשיה זיינען פאַראַן די צעהן ספירות פון יצירה, און אין זיי — די צעהן ספירות פון בריאה און אין זיי — די צעהן ספירות פון אצילות, וואָס אין זיי איז פאַראַן די ליכטיגקייט פון אין סוף ב"ה, קומט דאָך אויס אז די ליכטיגקייט פון אין סוף ב"ה פילט אָן די גאַנצע דאָזיגע אונטערשטע וועלט, דורך זיין אנטען זיך אין די צעהן ספירות פון די פיר וועלטן, אצילות, בריאה, יצירה, עשיה, אַזוי ווי ס'שטייט אין עץ חיים, שער מ"ז פרק ב' און אין ספר גלגולים פרק כ'.

ט) יחזקאל א' ד': אַ שטורם-ווינד.

י) אַ גרויסער וואָלקען.

הכרם כו׳ און ווי עס שטייט אין עץ חיים שער מ״ט פרק ו׳. און אַזוי אויך די עקזיסטענץ און חיות פון אַלע מעשים, דיבורים און מחשבות, פון די אַלע דריי הונדערט פינף און זעכציג מצוות „לא תעשה״ און זייערע אָפּצווייגונגען אַזוי ווי עס שטייט דאָרט סוף פרק ה׳.

פרק ז אבער די באַלעבענדיקע נפש הבהמית וואָס ביי אידן, וואָס איז מצד דער קליפה וועלכע איז אָנגעטאָהן אין דעם מענטשליכן בלוט, ווי אויבן דערמאָנט (א), און די נפשות פון די בהמות, חיות, עופות און דגים טהורים און מ׳מעג זיי עסן, ווי אויך די עקזיסטענץ און דער חיות פון דעם גאַנצן דומם (ב) און דעם גאַנצן צומח (ג) וועלכע מ׳מעג עסן, און אויך די עקזיסטענץ און דער חיות פון איטליכער מעשה, דבור און מחשבה אין ענינים פון דער וועלט, וואָס אין זיי איז ניטאָ קיין צד איסור, ניט קיין שורש און ניט קיין אָפּצווייגונג פון די דריי הונדערט פינף און זעכציג מצוות לא תעשה און זייערע צווייגן, דאורייתא און דרבנן, מעהר ניט וואָס זיי זיינען ניט לשם שמים (ד), נאָר דער ווילן פון דעם גוף, און זיין באגער און זיין גלוסטונג, און אפילו אויב ס׳איז אַ באַדערפעניש פון דעם גוף און זיין עקזיס־טענץ און זיין לעבן ממש, מעהר ניט וואָס זיין כוונה איז ניט לשם שמים — כדי צו דינען ג־ט מיט זיין גוף — זיינען אָט די אַלע

א) פרק א׳, ע׳ 20 [10].
ב) אומבאוועגליכע זאכן.
ג) געוואוקסן.
ד) פאַר דעם אויבערשטענס וועגן.

מעשים דיבורים און מחשבות ניט בעסער פון דער באַלעבענדער נפש הבהמית אַליין, און אַלץ, אַרום און אַרום, ציהט זיין השפעה און נעמט זיך פון דער צווייטער מדרגה וואָס איז פאַראַן אין קליפות און סטרא אחרא, וואָס דאָס איז די פערטע קליפה וועלכע ווערט אָנגערופן „קליפת נוגה", וואָס אין דער וועלט, וועלכע ווערט אָנגערופן "עולם העשי'", וואָס מעהרסטנס, כמעט אינגאַנצן, איז זי שלעכט, נאָר אביסל גוטס איז אַריינגעמישט אין איהר [וואָס פון איהר קומען די גוטע מדות וואָס אין דעם נפש הבהמית וואָס ביי אידן, ווי ס'איז אויבן (ה) ערקלערט געוואָרן] און דאָס איז אַ מיטעלע בחינה צווישן די דריי קליפות וועלכע זיינען אינגאַנצן טמא און צווישן דער בחינה און מדרגה פון קדושה, און דערפאַר ווערט זי אַמאָל אריינגענומען אין די דריי אומריינע קליפות, [אַזוי ווי ס'שטייט אין עץ חיים שער מ"ט, אָנהויב פרק ד' אין נאָמען פון זהר] און אַמאָל ווערט זי אַריינגענומען און גייט אַרויף צו דער בחינה און מדרגה פון קדושה, ד. ה. ווען דאָס גוטס וואָס איז אַריינגעמישט אין איהר ווערט אויסגעקליבן פון דעם שלעכטס און שטאַרקט זיך און גייט אַרויף און ווערט אַריינגענומען אין קדושה, אַזוי ווי — דרך משל — דער וואָס עסט פעטע רינדערנע פלייש און טרינקט שמעקענדיקן וויין כדי צו פאַברייטערין זיין פאַרשטאַנד צו (ו) ג־ט און צו זיין תורה, אַזוי ווי רבא האָט געזאָגט אַז וויין און ריחות כו' (ז), אָדער צוליב כדי מקיים צו זיין די מצוה

ה) פרק א'.

ו) דינען.

ז) מאַכן קליגער. זע יומא עו, ע"א.

פון עונג שבת און יום טוב — יעמאָלט ווערט אויס־געקליבן דער חיות פון דעם פלייש און דעם וויין וואָס האָט זיך גענומען פון דער קליפּת נוגה, און גייט אַרויף צו ג־ט, אַזוי ווי אַן עולה און אַ קרבן. און אַזוי אויך ווען איינער זאָגט אַ פריילין ווערטל, כדי צו שאַרפן זיין פאַרשטאַנד און צו דערפרייען זיין האַרץ צו ג־ט און צו זיין תורה און זיין עבודה, וואָס דאַרפן זיין בשמחה, און אַזוי ווי ס׳האָט געטאָן רבא מיט זיינע תלמידים, אַז ער פלעגט פאַר זיי פריער זאָגן אַ פריילין ווערטל, און די חכמים פלעגן פריילין ווערן. אָבער דער וואָס איז פון די וואָס פרעסן פלייש און זופן וויין כדי אָנצופילן די תאוה פון זיין קערפער און זיין נפש הבהמית, וואָס דאָס איז די בחינה פון דעם יסוד פון וואַסער פון די פיר שלעכטע יסודות וועלכע געפינען זיך אין איהר, וואָס דערפון נעמט זיך די מדה פון תאוה — איז דורך דעם גייט אַראָפּ די חיות פון דעם פלייש און וויין וואָס אין איהם און ס׳ווערט דערוויל אַריינ־גענומען אין דעם פולשטענדיגן שלעכטס וואָס איז אין די דריי קליפּות טמאות, און זיין קערפער ווערט צייטווייליג אַ לבוש און אַ מרכבה (ח) פאַר זיי — ביז וואַנען דער מענטש וועט זיך אומקעהרן און זיך צוריק נעמען צו דער עבודת ה׳ און צו זיין תורה. ווייל וויבאַלד דאָס איז געוועזן כשר׳ע פלייש און כשר׳ע וויין, דעריבער קענען זיי צוריק אומקעהרן זיך און אַרויפגיין מיט איהם, ווען ער קערט זיך אום צו דינען ג־ט, וואָס דאָס מיינט דער אויסדרוק „היתר" און „מותר",

ח) אַ „רייטוואָגן" (וואָס טראָגט יענעם און האָט גאָרניט קיין אייגענעם ווילן).

ד. ה. וואָס ס׳איז ניט צוגעבונדן און איינגעבונדן אין די הענט פון די חיצונים, אַז ער זאָל ניט קענען צוריק אומקעהרן זיך און אַרויף גיין צו ג־ט, נאָר אַ צייכן פון דעם פאַרבלייבט אין דעם גוף, און דעריבער דאַרף דער גוף דורכגיין חיבוט הקבר, ווי עס ווערט שפּעטער ערקלערט (ט). און אַזוי איז אויך די חיות פון די טפּות זרע וועלכע זיינען אַרויס פון איהם מיט אַ בהמה׳שע תאוה, וואָס ער האָט זיך ניט געפיהרט הייליג שעת תשמיש מיט זיין פרוי ווען זי איז טהור, אַנדערש איז אָבער מיט מאכלות אסורות און ביאות אסורות וואָס זיי זיינען פון די דריי אינגאַנצן טמא׳דיקע קליפּות, זיינען זיי געבונדן און אַיינגעבונדן אין די הענט פון די חיצונים אויף אייביג, און זיי קענען ניט אַרויס פון דאָרט ביז וואַנען זייער טאָג וועט קומען און ס׳וועט איינגעשלונגען ווערן דער טויט אויף אייביג, אַזוי ווי ס׳שטייט(י) „ואת רוח הטומאה אעביר מן הארץ״, אָדער ביז ער וועט טאָן אַזאַ גרויסע תשובה אַז זדונות (יא) זאָלן ווערן ווי זכיות ממש וואָס דאָס איז תשובה מאהבה, פון טיפן האַרצן מיט גרויס אהבה און חשק און אַ גלוסטיגן נפש זיך צו באַהעפטן אין איהם יתברך, און זיין נפש דאַרשט צו ג־ט, ווי אַ טרוקענע און וויסטע ערד(יב), וואָרום ביז איצט איז זיין נפש געווען אין אַ טויטער וויסטעניש, וואָס דאָס איז די סטרא

ט) פּרק ח׳.

י) זכרי׳ י״ג, ב׳: און דעם רוח הטומאה וועל איך אָפּשאַפן פון דער וועלט.

יא) בייזוויליגע עבירות.

יב) דאָרשט צו וואַסער.

אחרא, און אינגאַנצן ווייט פון דער ג־טליכער ליכטיגקייט, און דעריבער דאָרשט זיין נפש נאָך שטאַרקער פון דעם דאָרשט פון די נפשות פון די צדיקים, אַזוי ווי די חז״ל זאָגן (יג): דאָרט וואו בעלי תשובה שטייען כו׳ (יד). און אויף דער תשובה פון אַזאַ גרויסער ליבשאַפט האָבן זיי (טו) געזאָגט אַז זדונות ווערן ביי איהם ווי זכיות — וויבאַלד אַז דורך דעם איז ער צוגעקומען צו אָט דער גרויסער אהבה. אָבער תשובה וואָס נעמט זיך ניט פון אַזאַ אהבה, אפילו זי איז אַ ריכטיגע תשובה און ג־ט וועט איהם מוחל זיין, פונדעסט־וועגן ווערן זיי (טז) איהם ניט פאַררעכנט ווי זכיות, און אינגאַנצן, גייען זיי ניט אַרויס פון דער קליפה ביז דער ענדע צייט, ווען ס׳וועט אייגעשלונגען ווערן דער טויט אויף אייביג. אָבער די חיות וואָס אין די טפות זרע וואָס זיינען אַרויס פון איהם לבטלה, כאָטש זי איז דאָך אַראָפּ און איז אַריינגענומען געוואָרן אין די דריי קליפות טמאות, פונדעסטוועגן קען זי אַרויסגיין פון דאָרט דורך אַ ריכטיגער תשובה און דורך גרויס כוונה ביים לייענען קריאת־שמע שעל המטה, ווי עס איז באַקאַנט פון דעם אר״י ז״ל, און ס׳איז מרומז אין דער גמרא (יז) אַז דער וואָס לייענט קריאת־שמע שעל המטה איז גלייך ווי ער האַלט אַ שווערד געשאַרפט פון ביידע זייטן כו׳, אויף צו הרג׳ענען די

יג) ברכות ל״ד, ע״ב.
יד) קענען קיין צדיקים גמורים ניט שטיין.
טו) די רז״ל (ראש השנה כ״ט ע״א).
טז) די זדונות.
יז) ברכות ה׳, ע״א.

גופות פון די חיצונים וועלכע זיינען געוואָרן אַ לבוש פאַר דעם חיות וואָס אין די טפּות און עס גייט אַרויף דער חיות פון זיי (יח), ווי ס'איז באַקאַנט צו די יודעי חן, און דעריבער איז ניט דערמאָנט געוואָרן דער עוון פון זרע לבטלה אין דער תורה צווישן די ביאות אסורות, כאָטש ס'איז נאָך האַרבער פון זיי, און זיין זינד איז גרעסער אין דער בחינה פון פאַרגרעסערן און מרבה זיין טומאה און קליפּות, וואָס ער באַשאַפט און פאַרמעהרט גאָר אַ סך דורך הוצאת זרע לבטלה, נאָך מעהר ווי דורך ביאות אסורות. נאָר, אַז ביי ביאות אסורות גיט ער צו זייער פיל כח און חיות אין אַ טמא'דיקער קליפּה, ביז וואַנען אַז ער קען ניט אַרויסנעמען די חיות פון דאָרט מיט תשובה* סיידן ער וועט טאָן תשובה פון אַזאַ גרויסער אהבה, ביז וואַנען אַז זדונות זאָלן ווערן ביי איהם ווי זכיות. און דערמיט וועט מען פאַרשטיין דעם מאמר רז"ל (יט) אַז וועלכער איז דאָס „אַ פעהלער וועלכן מען קען ניט פאַרריכטן" (כ), דער וואָס לעבט מיט אַן ערוה און האָט געבוירן אַ ממזר,

הגהה

(ווייל זי איז אריינגענומען, גע־וואָרן אין דעם יסוד פון „נקבה" פון דער קליפּה וועלכע באקומט און נעמט אריין די חיות פון קדו־שה. ניט אַזוי איז ביי זרע לבטלה וואָס דאָרט איז דאָך ניט פאַראַן קיין בחינה פון נקבה פון קליפּה, נאָר איהרע כוחות און הערשאַפטן טועןן אָן די חיות וואָס אין די טיפּות, אזוי ווי ס'איז באַוואוסט צו די יודעי חן).

יח) פון אָט־די טיפּות.

יט) חגיגה ט', ע"א.

כ) מעוות לא יוכל לתקן — קהלת א', ט"ו.

וואָס דאַן אפילו אויב ער וועט טאָן גאָר אַ גרויסע תשובה, קען ער אָט די חיות שוין מעהר ניט מעלה זיין אין קדושה, וויבאַלד זי איז שוין אַראָפּ אויף דער וועלט און האָט זיך שוין אָנגעטאָן אין אַ גוף פון אַ בשר ודם.

פרק ח און נאָך איז פאַראַן(א) ביי מאכלות אסורות, וואָס דערפאַר ווערן זיי אָנגערופן מיט׳ן נאָמען „איסור״, ווייל אפילו דער וואָס האָט געגעסן ניט־וויסענדיג אַ מאכל איסור — לשם שמים — אויף צו דינען ג־ט מיט׳ן כח פון אָט־יענעם עסן, און ער האָט טאַקי אַזוי אויסגעפירט און געטאָן און האָט געלערנט און געדאַוונט מיט׳ן כח פון אָט־יענעם עסן, קען ניט דער חיות וואָס אין איהם (ב) אַרויפגיין און אָנטאָן זיך אין די ווערטער פון דער תורה אָדער דעם דאַוונען אַזוי ווי די היתר׳דיגע, צוליעב זיין צוגעבונדנקייט אין די הענט פון דער סטרא אחרא פון די דריי קליפות טמאות, און אפילו ווען דאָס איז אַן איסור דרבנן, וואָרום דברי סופרים זיי־נען נאָך האַרבער ווי דברי תורה כו׳. און דעריבער איז אויך דער יצר הרע און דער כח וואָס גלוסט

א) אן ענין.
ב) אין דעם עסן.

צו דברים האסורים אַ שד פון די גוי׳אישע שדים, וואָס דאָס איז דער יצר הרע פון גויים וואָס זייערע נפשות נעמען זיך פון די דריי קליפות טמאות, אָבער דער יצר הרע און דער כח וואָס גלוסט צו כשר׳ע זאכן, צו דערפילן זיין תאוה — אַט דאָס איז אַ שד פון די אידישע שדים, ווארום ער קען זיך אומקעהרן צו קדושה, ווי אויבן ער־קלערט (ג). פונדעסטוועגן אָבער, איידער ער האָט זיך אומ־געקעהרט צו קדושה איז ער סטרא אחרא און קליפה, און אויך דערנאָך, איז אַ צייכן פון איהם בלייבט באַהעפט אין דעם גוף, ווייל פון איטליכער עסינוואַרג און געטראַנק ווערט תיכף בלוט און פלייש פון זיין פלייש, און דעריבער דאַרף דער גוף אָנקומען צו חיבוט הקבר, אויסצורייניגן איהם און מאַכן איהם טהור פון זיין טומאה וועלכע ער האָט באַ־קומען מיט דעם הנאה־האָבן פון דער וועלט מיט איהרע פאַרגעניגנס פון דער טומאה פון קליפת נוגה און די אידישע שדים, סיידן איינער וואָס האָט ניט נהנה געווען פון דער וועלט זיין גאַנץ לעבן אַזוי ווי רבינו הקדוש. און אויף דברים בטלים בהיתר, אַזוי ווי אַן עם הארץ וואָס קען ניט לערנען — דאַרף ער מטהר זיין זיין נפש פון דער טומאה פון אַט־דער קליפה, דורך איהר גלגול אין דעם כף הקלע, אַזוי ווי ס׳ווערט געבראַכט אין זהר פרשת בשלח דף נ״ט. אָבער צו דיבורים אסורים, אַזוי ווי ליצנות און לשון הרע און ענליכע צו זיי, וואָס זיי זיינען פון די דריי אינגאַנצן אומריינע קליפות,

---

ג) פרק ז׳ ע׳ 44[22].

העלפט ניט דער כף הקלע [אַליין] אויף אויסצורייניגן און אַראָפּצונעמען זיין טומאה פון דעם נפש, נאָר זי דאַרף אַראָפּ־גיין אין גיהנום אַריין. און אַזוי אויך ווער ס'קען זיך עוסק זיין אין תורה און ער פאַרנעמט זיך מיט פוסטע זאַכן, קען דער כף הקלע אליין ניט העלפן זיין נפש אויף אויסצושייערן און אויסצולייטערן איהם, נאָר האַרבע שטראָפן וואָס מען באַשטראָפט אויף ביטול תורה בפרט, אויסער דער אַלגעמיינער שטראָף פאַר מבטל זיין איטליכע מצות עשה צוליעב פוילקייט, אין אָ גיהנום פון שניי, ווי עס ווערט ערקלערט אין אַן אַנדער אָרט. און אויך דער וואָס איז זיך עוסק אין גוי'שע ווי־סענשאַפטן, רעכענט זיך דאָס אַריין אין דברים בטלים לגבי דעם ענין פון דעם זינד פון ביטול תורה, אזוי ווי עס ווערט ער־קלערט אין הלכות תלמוד תורה. און נאָך אָ זאַך: ס'איז גרע־סער די טומאה פון די חכמות פון די פעלקער ווי די טומאה פון דברים בטלים, וואָרום ער באַקליידט (ד) און איז מטמא נאָר די מדות וועלכע נעמען זיך פון דעם יסוד פון דעם הייליגן רוח וואָס איז פאַראַן אין זיין נפש האלקית — מיט דער טומאה פון קליפת נוגה וואָס איז אין די דברים בטלים וועלכע נעמען זיך פון דעם יסוד פון דעם שלעכטן רוח וואָס איז אין אָט־דער קליפה אין זיין נפש הבהמית, אַזוי ווי ס'שטייט אויבן (ה), און ניט

ד) ביי די דברים בטלים.
ה) פרק א׳.

די בחינה פון חב״ד וואָס איז אין זיין נפש, וויבאלד דאָס זיינען דאָך רייד פון שטות און פוסטקייט, וואָס אויך נאַראָנים און עמי־הארצים קענען אַזוי ריידן. אָבער דורך די גוי׳שע חכמות באַקליידט ער און איז מטמא די בחינה פון חב״ד וואָס איז פאַראַן אין זיין נפש האלקית מיט דער טומאה פון קליפת נוגה וואָס איז פאַראַן אין די חכמות, וועלכע זיינען דאָרט אַריינגעפאַלן דורך „שבירת הכלים" פון דער בחינה פון אחוריים פון דער חכמה דקדושה, ווי עס איז באַוואוסט צו יודעי חן — סיידן ער מאַכט זיי (ו) פאַר אַ האַק מיט זיי צו האַקן, דאָס מיינט אויף צו האָבן דערפון פרנסה בריוח כדי צו דינען ג־ט, אָדער אַז ער פאַרשטייט צו באַנוצן זיך מיט זיי פאַר דער עבודה פון דעם אויבערשטן אָדער צו זיין תורה, און דאָס איז דער טעם פון דעם רמב״ם און דעם רמב״ן זכרונם לברכה און זייערע נאָכפאָלגער, וועלכע האָבן זיך פאַרנומען מיט זיי (ו).

פרק ט והנה, דער וואוין־אָרט פון נפש הבהמית

וואָס פון קליפת נוגה ביי איטליכן אידן, איז אין האַרצן, אין דעם לינקן טייל וועלכער איז אָנגעפילט מיט בלוט. און עס שטייט (א) „כי הדם הוא הנפש". און דעריבער זיינען אַלע תאוות און באַריהמעריי און כעס און

ו) די גוי׳שע חכמות.

א) דברים י״ב, כ״ג: ווארום דאס בלוט איז דער נפש.

ענליכע צו זיי, זיינען זיי אין האַרצן, און פון דעם האַרצן צו־שפרייטן זיי זיך אין דעם גאַנצן גוף און גייען אויך אַרויף אין מוח וואָס אין קאָפּ, כדי צו טראַכטן און צו קלערן אין זיי, און זיך צו קליגן אין זיי, אַזוי ווי דאָס בלוט — איז זיין מקור אין האַרצן, און פון האַרצן צושפרייט עס זיך צו אַלע איברים און גייט אויך אַרויף צום מוח וואָס אין קאָפּ. אָבער דער וואוין־אָרט פון דער נפש האלקית איז אין מוחין וואָס אין קאָפּ און פון דאָרט צושפרייט זי זיך צו אַלע אברים, און אויך אין האַרץ, אינ׳ם רעכטן טייל, וואָס דאָרט איז ניטאָ קיין בלוט, און אַזוי ווי ס׳שטייט (ב) „לב חכם לימינו״, און דאָס איז די ליבשאַפט צו ג־ט ווי פלאַמענ׳דיגע קוילין וואָס צופלאַקערט זיך אין דעם האַרץ פון די פאַרשטאַנדיקע וועלכע פאַרשטיין און טראַכטן זיך אַריין מיט זייער דעת וואָס אין זייער מוח אין זאַכן וועלכע דערוועקן די אהבה. און אַזוי אויך די שמחה פון האַרצן מיט דער שיינקייט פון ג־ט און דער הערליכקייט פון זיין שטאַרקייט בעת די אויגן פון דעם קלוגן, וואָס געפינען זיך אין זיין קאָפּ, אין דעם מוח פון זיין קלוגשאַפט און זיין פאַרשטאַנד, קוקן זיך איין אין דעם כבוד פון דעם מלך און די שיינקייט פון זיין גרויסקייט וואָס איז אָהן אַ דערפאַרשונג און אָהן אַ ברעג און אָהן אַן ענדע, אַזוי ווי ס׳ווערט ערקלערט אין אַן אַנדער אָרט. און אַזוי אויך די אַנדערע הייליגע מדות וואָס אין האַרץ, זיינען זיי פון חב״ד וואָס אין די מוחין. עס שטייט אָבער (ג)

ב) קהלת י׳, ב׳: דעם קלוגנס הארץ איז צו זיין רעכטער זייט.

ג) בראשית כ״ה, כ״ג: איין קענגרייך וועט זיך שטאַרקן אויף דעם צווייטן.

„ולאום מלאום יאמץ". ווארום דער גוף ווערט אָנגערופן קליינע שטאָט (ד), און אַזוי ווי צוויי קעניגען פיהרן אַ מלחמה איבער איין שטאָט, וואָס יעדער איינער וויל זי אײַנעמען און קיניגן איבער איהר, דאָס מיינט אָנפיהרן איהרע איינוואוינער לויט זיין ווילן, און אַז זיי זאָלן איהם פאָלגן אין אַלץ וואָס ער וועט זיי הייסן. אַזוי, די צוויי נפשות — די ג־טליכע און די באַלעבענדע (ה), נפש הבהמית וואָס פון דער קליפה, האַלטן מלחמה איינע מיט דער אַנדערער איבער דעם גוף און אַלע זיינע איברים, וואָס די ג־טליכע, איהר שטרעבונג און איהר ווילען איז, אַז זי אַליין זאָל זיין די וועלכע געוועלטיגט איבער איהם און פיהרט אָן מיט איהם און אַז אַלע איברים זאָלן איהר פאָלגן און זאָלן זיין בטל צו איהר אײַנגאַנצן, און אַ מרכבה צו איהר און זיי זאָלן ווערן אַ לבוש צו איהרע צעהן בחינות און איהרע דריי לבושים וואָס ווערן אויבן (ו) דערמאָנט, אַז זיי אַלע זאָלן זיך אָנטאָן אין די איברים פון דעם גוף און דער גוף זאָל אינגאַנצן זיין פול פון זיי אַליין, און קיין פרעמ־דער זאָל חס ושלום ניט דורכגיין צווישן זיי. ד. ה. אַז די דריי מוחין וואָס אין קאָפּ זאָלן זיין פול מיט חב"ד וואָס אין דעם ג־טליכן נפש, וואָס דאָס איז חכמה פון ג־ט און זיין פאַרשטאַנד, זיך אַריינטראַכטן אין זיין גרויסקייט וואָס איז אָהן אַ דערפאַרשונג און אהן אַ ברעג און עס זאָל

ד) זע קהלת ט׳ י"ד. נדרים ל"ב ע"ב.
ה) נפש החיונית.
ו) פרק ג׳, פרק ד׳.

געבוירן ווערן פון זיי דורך דעם דעת, די יראה אין זיין מוח און אַ שרעק פאַר ג־ט אין זיין האַרצן, און אַ ליבשאַפט צו ג־ט זאָל פלאַקערן ווי אַ ברענענדיקער פייער אין זיין האַרצן, ווי פלאַמענדיגע קוילין אַז זיין נפש זאָל גלוסטן און אויסגיין מיט חשק און ווילן זיך צו באַהעפטן אין אים אין סוף ברוך הוא מיט׳ן גאַנצן האַרצן און מיט׳ן נפש און מיט׳ן זייער פון טי־פעניש פון האַרץ — וואָס אין דער רעכטער טייל — אַז זיין אינערליכקייט זאָל זיין אָנגעפילט מיט ליבשאפט, פול און אַרי־בער, ביז וואַנען עס וועט זיך פאַרשפרייטן אויך צום לינקן טייל אײַנצובויגן די סטרא אחרא, דעם יסוד פון די שלעכטע וואַסער וואָס איז אין איהר, וואָס דאָס איז די תאוה וואָס פון קליפת נוגה — אויף צו ענדערן זי און איבער־קעהרן זי פון פערגעניגנס פון עולם הזה צו אהבת ה׳, אַזוי ווי ס׳שטייט (ז) „בכל לבבך״ — מיט דיינע ביידע יצרים (ח) ד.ה. אַז ער זאָל זיך אויפהויבן און צוקומען און דערגרייכן צו אַ מדרגה פון אַ גרויסער אהבה און אַ גרעסערער ליבשאַפט פון דער מדרגה פון אַן אַהבה אַ שטאַרקע ווי פייערדיגע קוילין און דאָס איז וואָס ווערט אָנגערופן אין פסוק (ט) „אהבה בתענוגים״, צו האָבן פערגעניגן פון ג־טליכקייט מעין עולם הבא, און דער פאַרגעניגן איז אין מוח פון חכמה און פאַרשטאַנד, וועלכער האָט פאַרגעניגן אין פאַרשטיין ג־ט־ליכקייט און וויסן איהם לויט ווי זיין שכל און זיין חכמה קענען

ז) דברים ו׳ ה׳ : מיט׳ן גאַנצן האַרץ (זאָלסטו דינען דעם אויבערשטען).
ח) ברכות נד, ע״א.
ט) שיר השירים ז׳, ז׳.

משיג זיין, און דאָס איז אַ בחינה פון וואַסער און זאָמען — פון פאַרזייטע ליכטיגקייט וואָס איז אין דער קדושה פון דעם נפש האלקית וועלכע קעהרט איבער צו גוטס די בחינה פון וואַסער וואָס אין דעם נפש הבהמית וואָס פון איהר האָבן זיך פריער געגומען די תאוות צו די תענוגי העולם הזה. און אַזוי ווי עס שטייט אין עץ חיים שער נו"ן פרק ג' אין נאָמען פון זוהר אַז דאָס שלעכטס ווערט איבערגעקעהרט צו ווערן אינגאַנצן גוטס, אַזוי ווי יצר טוב ממש, דורך אַראָפּ־נעמענדיג פון איהם די שמוציקע קליידער, וואָס דאָס זיינען די תענוגי עולם הזה וואָס ער איז אָנגעטאָן אין זיי, און אזוי אויך די אַנדערע מדות וואָס אין האַרצן וועלכע זיינען צווייגן פון די יראה און די אהבה, זאָלן זיי זיין צו ג־ט אַליין, און דער גאַנצער כח פון רייד וואָס אין מויל און די מחשבה וואָס אין מוח זאָלן זיין אָנגעפילט מיט די לבושים פון מח־שבה און דיבור פון דעם נפש האלקית אַליין, וואָס דאָס איז די מחשבה פון ג־ט און זיין תורה, צו זיין זיינע רייד אַ גאַנצן טאָג, אַז זיין מויל זאָל זיך ניט אָפּשטעלן פון לערנען, און דער כח פון מעשה וואָס אין זיינע הענט און די איבעריגע רמ"ח איברים, זאָלן בלויז זיין אין די מעשה פון די מצוות וואָס דאָס איז דער דריטער לבוש פון נפש האלקית. אָבער דער נפש הבהמית, וואָס פון דער קליפה, איר ווילן איז ממש פאַרקערט, צום גוטן פון דעם מענטשן, אַז ער זאָל זיך שטאַרקן איבער איהר און איהר באַזיגן, לויט דעם משל מיט דער זונה וואָס אין זהר הקדוש.

פרק י והנה, אַז דער מענטש מאַכט שטאַרק זיין נפש האלקית און האַלט מלחמה אַזויפיל מיט דער (א) בהמית ביז וואַנען ער פאַרטרייבט און ער ראַמט אויס דאָס שלעכטס וואָס איז אין איהר פון דעם לינקן טייל, אַזוי ווי ס'שטייט (ב) „ובערת הרע מקרבך", און דאָס שלעכטס ווערט ניט איבערגעקעהרט אויף גוטס ממש, ווערט ער אָנגערופן „צדיק שאינו גמור" און „צדיק ורע לו", דאָס הייסט אַז עס איז נאָך פאַראַן ביי איהם אַ קליין ביסעלע שלעכטס אין דעם לינקן טייל, מעהר ניט וואָס עס איז אונטערגעוואָרפן און בטל צום גוטס איבער זיין ווינציגקייט, און דעריבער דוכט זיך איהם אויס אַז ער האָט עס שוין פאַרטריבן און עס איז גאָר אינגאַנצן אַוועק, אָבער אין דער אמת, אויב ס'וואָלט אינגאַנצן אריבער און אַוועקגעגאַנגען זיך דאָס גאַנצע שלעכטס וואָס איז אין איהם — וואָלט ער איבערגעקעהרט געוואָרן אויף גוטס ממש. און די ערקלערונג פון דעם ענין, וואָרום אַ „צדיק גמור", וואָס די שלעכטס זיינע איז איבערגעקערט געווארן אויף גוטס, און דעריבער ווערט ער אָנגערופן „צדיק וטוב לו" — איז דאָס דורך אינגאַנצן אַראָפּנעמען די שמוציגע קליידער פון דעם רע, דאָס מיינט זייער צו פאַראַכטן די תענוגים פון דער וועלט אויף צו האָבן פאַרגעניגן אין זיי, אין מענטשליכע פאַרגעניגנס אויף צו דערפילן די תאוות פון דעם גוף אַליין, און ניט צו דער עבודה פון ג־ט

א) נפש הבהמית.

ב) דברים כ"א, כ"א: און דו זאָלסט אויסראַמען דאָס שלעכטס פון צווישן דיר.

ווייל זיי (ג) ציען זיך און ווערן נשפע פון דער קליפה און סטרא אחרא, און אַלץ וואָס איז פון דער סטרא אחרא, האָט דאָס דער צדיק גמור פיינט מיט אַן אומענדליכע פיינט־שאַפט, איבער זיין גרויס ליבשאַפט צו ג־ט און זיין קדושה, מיט גרויסער אהבה, מיט פאַרגעניגן און מעהר ליבשאַפט, וואָס איז אויבן דערמאָנט (ד). ווייל זיי זיינען איינער אַנטקעגן דעם צווייטן, אַזוי ווי ס׳שטייט (ה) „תכלית שנאה שנאתים לאויבים היו לי חקרני ודע לבבי״ וגו׳. און לויט דעם ערך פון דער גרויסקייט פון דער ליבשאַפט צו ג־ט אַזוי איז דער ערך פון די גרויסקייט פון דער שנאה צו דער סטרא אחרא און דער פאַרמיאוס׳ן פון דאָס שלעכטס ביז גאָר, ווייל פאַרמיאוס׳ן איז אַ קעגנזאַץ צו ליבשאַפט ממש אַזוי ווי שנאה. און צדיק שאינו גמור איז דער וועלכער האָט ניט פיינט די סטרא אחרא מיט אַן אומענדליכע פיינטשאַפט, און דעריבער פאַרמיאוס׳ט ער אויך ניט דאָס שלעכטס ביז גאָר, און איטליכער וואָס די שנאה און דער פאַרמיאוס׳ן איז ניט ביז גאָר, מוז זיין, אַז עס איז געבליבן אַ קליין ביסל ליבשאַפט און תענוג צו יענער זאַך, און די שמוציקע קליידער זיינען גאָר אינגאַנצן ניט אַראָפּגענומען געוואָרן, און דעריבער איז ניט איבערגעקעהרט געוואָרן צו גוטס ממש, וויבאַלד ער האָט נאָך וועלכן־ס׳איז אָנהאַלט אין די אַלע שמוציקע קליידער, מעהר ניט אַז דאָס ווערט בטל איבער זיין ווינציגקייט, און רעכענט זיך גלייך ווי גאָרניט,

---

ג) די תענוגים. ד) פרק ט׳ — ע׳ 54 [יד].

ה) תהלים קל״ט, כ״ב: אַן אומענדליכע פיינטשאַפט האָב איך זיי פיינט. פיינט זיינען זיי מיר געוואָרן, דערפאָרש מיר און ווייס מיין האַרץ.

און דעריבער ווערט ער אָנגערופן אַ צדיק וואָס דאָס שלעכטס איז אונטערגעוואָרפן און בטל צו איהם. און דעריבער איז אויך זיין ליבשאַפט צו ג־ט ניט קיין פולשטענדיגע און דעריבער ווערט ער אָנגערופן צדיק שאינו גמור (ו). והנה, אָט די דאָזיגע מדרגה צוטיילט זיך אויף צעהנדליגער טויזענטער מדרגות אין דער זאַך פון דער בחינה פון די ווינציגקייט פון דעם שלעכטס וואָס איז געבליבן פון איינעם פון די פיר שלעכטע יסודות, און לויט ווי ווייט ער ווערט בטל מיט זיין ווינציגקייט, ווי למשל אין זעכציג אָדער אין טויזענט אָדער צעהן טויזענט כו׳, למשל, און דאָס זיינען די בחינות פון די „פיל צדיקים״ וואָס זיינען פאַראַן אין אַלע דורות, אַזוי ווי ס׳איז פאַראַן אין דער גמרא (ז) אַז אַכצן טויזנט צדיקים שטייען פאַר דעם אויבערשטן. אָבער וועגען דער מעלה פון צדיק גמור דאָס איז וואָס רבי שמעון בן יוחאי האָט געזאָגט (ח): „איך האָב געזעהן געהויבענע מענטשן און זיי זיינען ווינציג״ כו׳, וואָס דעריבער ווערן זיי אָנגערופן „בני עלי׳״ ווייל זיי קעהרן איבער דאָס שלעכטס און דערהויבן איהם צו קדושה, אַזוי ווי ס׳איז פאַראַן אין זוהר אין הקדמה, אַז בעת ר׳ חייא האָט געוואָלט אַרויפגיין אין דעם היכל פון ר׳ שמעון בן יוחאי האָט ער געהערט אַ קול אַרויסגייענדיק און זאָגענדיק: „ווער פון אייך וואָס האָט איבערגעקעהרט פינסטערניש אויף ליכטיגקייט און דעם טעם פון ביטער אויף זיס איידער זיי זיינען געקומען אַהער?״ וכו׳: און אויך ווערן זיי אָנגערופן „בני

ו) אַ ניט־פולשטענדיגער צדיק.

ז) סוכה מ״ה, ע״ב, סנהדרין צ״ז, ע״ב.

ח) סוכה מ״ה, ע״ב, סנהדרין צ״ז, ע״ב: ראיתי בני עלי׳ והם מועטים.

עליה״ ווייל אויך זייער עבודה אין דער בחינה פון (ט) טאָן גוטס, אין דעם מקיים זיין די תורה און איהרע מצוות, איז דאָס צוליב דעם אויבערשטן, און גאָר גאָר הויך ביז די העכסטע מדרגות, און ניט נאָר אויף צו באַהעפטן זיך אין איהם יתברך אויף צו שטילן דעם דאָרשט פון זייער נפש וועל־כע דאָרשט צו ג־ט אַזוי ווי ס׳שטייט (י) „הוי כל צמא לכו למים״, און ווי עס ווערט ערקלערט אויף אַן אַנדער אָרט, נאָר (יא) אַזוי ווי ס׳איז ערקלערט אין תיקונים „וועלכער איז אַ חסיד — דער וואָס פיהרט זיך מיט חסידות מיט זיין באַשעפער — מיט זיין נעסט, צו פאַראייניגן דעם אויבערשטן און זיין שכינה מיט די וואָס זיינען אין דער אונטערשטער וועלט״. און אַזוי ווי ס׳ווערט ער־קלערט אין רעיא מהימנא פרשת תצא „אַזוי ווי אַ זוהן וואָס סטאַרעט זיך אַרום זיין טאַטע־מאַמע, וואָס זיי האָט ער ליבער מעהר ווי זיך אליין, און זיין נפש, און זיין רוח און זיין נשמה כו׳ און ער גיט זיך אַוועק צום טויט פאַר זיי אויף זיי אויסצולייזן״ כו׳ און אַזוי ווי ס׳ווערט ערקלערט אין אַן אַנדער אָרט. [און זיי בײדע (יב) גייען זיך צונויף, וואָרום דורך די בירורים (יג) וואָס מען קלייבט אַרויס פון נוגה, איז מען מעלה די מיין נוקבין (יד) און עס ווערן הויכע יחודים, אויף אַראָפּצוברענגען די מיין דכורין (טו)

ט) ועשה טוב. י) ישעי׳ נ״ה, א׳: יעדער וואָס איז דאָרשטיג — גייט צום וואַסער! יא) די עבודה פון די בני עלי׳ איז. יב) די ביידע ערקלערונגען פון די בני עלי׳. יג) אויסקלייבונגען. יד) התעוררות פון דעם מקבל. טו) התעוררות פון דעם משפיע.

וואָס זיי זיינען די וואַסערן פון די חסדים וואָס אין יעדער מצוה פון די רמ"ח מצוות עשה וואָס זיי אַלע זיינען די בחינה פון חסדים און 'מיין דכורין', דאָס מיינט די המשכה פון דער קדושה פון זיין ג־טליכקייט יתברך פון אויבן אַראָפּ, אויף אָנצוטאָן זיך אין די וואָס געפינען זיך אין די אונ־טערשטער, אַזוי ווי ס'איז ערקלערט געוואָרן אויף אַן אַנדער אָרט].

פרק יא און איינס איז קעגן דעם צווייטן: רשע וטוב לו אַנטקעגן צדיק ורע לו, ד. ה. אַז דאָס גוטס וואָס אין זיין נפש האלקית וואָס אין זיין מוח און אין דעם רעכטן טייל וואָס אין זיין האַרץ איז אונטערגעוואָרפן און איז בטל צו דעם שלעכטס פון דער קליפה וואָס איז אינ'ם לינקן טייל. און אויך דאָס טיילט זיך אין אין צעהנדליגער טויזענטער פאַרשידענע מדרגות אין דעם ענין פון כמות און איכות פון דעם בטל ווערן און דעם אונטערוואַרפן זיך פון דעם גוטס צום שלעכטס חס ושלום. פאַראַן איינער וואָס דאָס אונטערגעוואָרפנקייט און דאָס בטל־ווערן איז ביי איהם גאָר ווינציג און אויך דאָס איז ניט שטענדיג און רעגעל־מעסיג אין אָפטע צייטן, נאָר צו זעלטענע צייטן איז זיך גובר דאָס שלעכטס אויף דעם גוטס און נעמט איין די „קליינע שטאָט" וואָס דאָס איז דער גוף, אָבער ניט אינגאַנצן, מעהר ניט ווי אַביסל פון איהם אַליין אַז ער זאָל איהם פאָלגן און ער זאָל ווערן אַ מרכבה און אַ לבוש צו אָנטאָן זיך אין איהם איינס פון איהרע דריי

אויבן דערמאָנטע (א) לבושים, דאָס הייסט, אָדער אין מעשה אַליין, צו טאָן גרינגע עבירות און ניט קיין האַרבע חס ושלום, אָדער אין דעם ריידן אַליין, צו ריידן אבק לשון הרע און ליצנות און עהנליכעס, אָדער אין מחשבה אַליין, טראַכ־טונגען פון אַן עבירה וואָס דאָס איז האַרבער ווי אַן עבירה, און אפילו אויב ער טראַכט ניט וועגן טאָן די עבירה נאָר וועגן זיווג פון זכר מיט נקבה אין דער וועלט אַריין, וואָס ער איז עובר אויף דער וואָרענונג פון דער תורה (ב): „ונשמרת מכל דבר רע", אַז ער זאָל ניט טראַכטן בייטאָג כו׳, אָדער אַז ס׳איז אַ פּאַסיגע צייט צו לערנען תורה און ער קעהרט אָפּ זיין האַרץ צו ליידיג גיין, אַזוי ווי מיר האָבן געלערנט אין אבות (ג): „דער וואָס איז וואַך ביי נאַכט כו׳ און קעהרט אָפּ זיין האַרץ" כו׳ — וואָס דורך איינס פון אָט די אַלע זאַכן אָדער ענליכע צו זיי ווערט ער אָנגערופן אַ רשע אין יענער צייט וואָס דאָס שלעכטע וואָס אין זיין נפש שטאַרקט זיך אין איהם און טוט זיך אָן אין זיין גוף און מאַכט איהם זינדיגן און מאַכט איהם טמא, און דערנאָך שטאַרקט זיך אין איהם דאָס גוטס וואָס איז אין זיין ג־טליכן נפש און ער האָט חרטה און בעט מחילה און סליחה פון ג־ט, און ג־ט וועט איהם מוחל זיין אויב ער האָט זיך אומגעקערט מיט דער פּאַסיגער תשובה לויט די עצה פון אונזערע חכמים זכרונם לברכה דורך די דרייערליי

א) פרק ו׳ ע׳ 38[י].

ב) דברים כ״ג, י׳: און דו זאלסט זיך היטן פון יעדער שלעכטער זאך — וואס וועגען דעם זאגן די חכמים (כתובות מ״ו, ע״א).

ג) פרק ג׳ משנה ד׳.

איינטיילונגען פון כפרה וואָס ר׳ ישמעאל האָט גע׳דרש׳ענט ווי עס איז ערקלערט אין אַן אַנדער אָרט(ד). און פאַראַן אַזאַ וואָס דאָס שלעכטס שטאַרקט זיך אין איהם מעהר, און עס טוען זיך אין איהם אָן אַלע דריי לבושים פון דעם שלעכטס, און מאַכט איהם זינדיגן מיט מעהר, האַרבערע זינד און אין מעהר, אָפטערע צייטן, אָבער אינצווישן האָט ער חרטה און ס׳קומען אין איהם אריין געדאַנקען פון תשובה — פון דער בחינה פון דעם גוטס וואָס אין זיין נפש וואָס ער שטאַרקט זיך אַביסל אינצווישן, נאָר ער האָט ניט אַזוי פיל שטאַרקייט אויף צו באַזיגן דאָס שלעכטס, זיך איינגאַנצן אָפשיידן פון זיינע עבירות ער זאָל זיין אַזאַ וואָס איז זיך מודה און פאַרלאָזט (ה), און אויף דעם האָבן די רז״ל געזאָגט (ו), רשעים זיינען פול מיט חרטה, וואָס דאָס זיינען רוב רשעים, וואָס אין זייער נפש איז נאָך פאַראַן די בחינה פון גוטס. אָבער ווער עס האָט קיינמאָל קיין חרטה ניט און עס קומען ביי איהם איינגאַנצן ניט אַריין קיין טראַכטונגען פון תשובה, ווערט ער אָנגע־רופן אַ רשע ורע לו, וואָס דאָס שלעכטס וואָס אין זיין נפש ער אַליין איז געבליבן אין איהם, ווייל עס האָט שוין אַזויפיל געשטאַרקט זיך אויף דעם גוטס ביז וואַנען עס איז שוין אַוועק פון זיין אינעווייניג און ער שטייט איבער איהם אין אַ בחינה פון מקיף (ז) פון אויבן, און דעריבער האָבן די חכמים געזאָגט (ח) אַז איבער יעדער צעהן (ט) רוהט די שכינה.

ד) אגרת התשובה, פרק א׳. ה) זיינע שלעכטע וועגן.
ו) נדרים ט׳, ע״ב. ז) וואָס ער פיהלט איהם ניט.
ח) סנהדרין ל״ט, ע״א. ט) אידן.

פרק יב און דער בינוני איז דער וואָס עס איז קיינמאָל ניט גובר דאָס שלעכטס אויף אַזוי פיל אַז ער זאָל איינגעמען די „קליינע שטאָט" — אָנצוטאָן זיך אין דעם גוף איהם צו מאַכן זינדיגן, דאָס הייסט אַז די דריי לבושים פון דעם נפש הבהמית וואָס זיי זיינען מחשבה, דיבור און מעשה וואָס פון דער זייט פון קליפה, זיינען זיך אין איהם ניט גובר אויף דעם ג־טליכן נפש אויף אָנצוטאָן זיך אין דעם גוף, אין דעם מוח און אין דעם מויל און אין די אַנדערע רמ"ח איברים אויף מאַכן זיי זינדיגן און מטמא זיין זיי חס ושלום, נאָר די דריי לבושים פון דעם ג־טליכן נפש, זיי אַליין טוען זיך אָן אין דעם גוף וואָס זיי זיינען די מחשבה, דיבור און מעשה פון די תרי"ג מצוות פון דער תורה, און ער האָט קיינמאָל ניט עובר געווען אויף קיין עבירה און וועט קיינמאָל ניט עובר זיין, און אפילו קיין איין שעה און קיין איין רגע איז אויף איהם ניט גערופן געוואָרן דער נאָמען רשע זיינע גאַנצע יאָהרן, נאָר דער מהות און די עצמות פון דעם ג־טליכן נפש, וואָס דאָס זיינען איהרע צעהן בחינות, האָבן ניט זיי אַליין די מלוכה און די געוועלטיגקייט אין דער „קליינער שטאָט", נאָר אין באַ־שטימטע צייטן, ווי אין דער צייט פון קריאת־שמע און שמונה עשרה, וואָס דאָס איז אַ צייט פון „מוחין דגדלות" למעלה, און אויך אונטן איז דאָס אַ פאַסיגע צייט פאַר איט־ליכן מענטשן וואָס דאַן בינדט ער צו זיין חכמה, בינה און דעת צו ג־ט צו פאַרטיפן זיין פאַרשטאַנד אין דער גרויסקייט פון אין סוף ברוך הוא, און צו דערוועקן

די ליבשאַפט ווי פייערדיגע קוילין אין דעם רעכטן טייל וואָס אין זיין האַרץ, צו באַהעפטן זיך אין איהם דורך מקיים זיין פון ליבשאַפט די תורה און איהרע מצוות, וואָס דאָס איז דער ענין וואָס ווערט ערקלערט אין דער פרשה פון קריאת־שמע וואָס איז דאורייתא, און איהרע ברכות וואָס פאַר איהר און נאָך איהר וואָס זיי זיינען מדרבנן, זיינען זיי אַ צוגרייטונג פאַר דעם קיום פון קריאת־שמע, אַזוי ווי ס'ווערט ערקלערט אין אַן אַנדער אָרט, און דעמאָלט איז דאָס שלעכטס וואָס אין דעם לינקן טייל אונטערגעוואָרפן און בטל צום גוטס וואָס צושפּרייט זיך אין דעם רעכטן טייל, פון חב"ד וואָס אין מוח, וועלכע זיינען צוגעבונדן צו דער גרויסקייט פון אין סוף ברוך הוא. אָבער נאָכ'ן דאַווענען, ווען ס'גייען אַוועק די „מוחין דגדלות אין סוף ב"ה", וועקט זיך צוריק אויף דאָס שלעכטס אין דעם לינקן טייל און פאַרגלוסט זיך אַ תאוה צו די תאוות פון דער וועלט און איהרע פאַרגעניגענס, מעהר ניט, ווייל ניט ער אַליין האָט די רעכט פון דער מלוכה און די געוועלטיגקייט איבער דער „שטאָט", קען ער ניט פראַקטיש ארויסברענגען (א) זיין תאוה זיך אַנצוטאָן אין די איברים פון דעם גוף דורך מעשה, דבור און מחשבה ממש, צו פאַרטיפן זיין מחשבה אין די תענוגים פון דער וועלט, ווי אַזוי צו דערפילן די תאוה פון זיין האַרץ,

---

א) מכח אל הפועל.

ווייל דער מוח געוועלטיגט אויפ׳ן האַרץ [אַזוי ווי עס ווערט ערקלערט אין רעיא מהימנא פרשת פינחס] פון זיין געבורט און די נאַטור פון זיין באַשאַפונג, וואָס אַזוי איז דער מענטש באַשאַפן געוואָרן אין זיין געבורט, אַז יעדער מענטש קען מיט זיין רצון וואָס אין זיין מוח זיך איינהאַלטן און גע־וועלטיגן איבער דעם רוח פון זיין תאוה וואָס אין זיין האַרצן אויף ניט אויספילן די באַגעהרן פון זיין האַרץ אין מעשה, דיבור און מחשבה, און ער קען אָפקערן אינגאַנצן פון זיין וויסן די תאוה פון זיין האַרץ אין דער פאַרקעהרטער זייט אינגאַנצן, און איבערהויפּט אין דער זייט פון קדושה, אַזוי ווי עס שטייט (ב) „וראיתי שיש יתרון לחכמה מן הסכלות כיתרון האור מן החושך״, דאָס מיינט אַז אזוי ווי די ליכט האָט אַ מעלה און אַ שליטה און אַ געוועלטיקונג איבער די פינסטערניש, אַז אַביסל גשמיות׳דיקע ליכטיגקייט שטויסט אַוועק אַ סך פון די פינסטערניש, וואָס ווערט פון איהר אַוועקגעשטויסן פון זיך אַליין און ממילא, אַזוי ווערט אויך ממילא אַוועקגעשטויסן פיל נאַרישקייט פון דער קליפה און סטרא אחרא וואָס אין לינקן טייל [אַזוי ווי די רז״ל זאָגן (ג) סיידן עס איז אין איהם אַריין אַ רוח שטות וכו׳] פון דער חכמה וואָס אין דעם נפש האלקית וואָס אין דעם מוח, וואָס איהר

ב) קהלת ב׳, ג׳: און איך האב געזעהן אז קלוגשאפט האט א פאר־צוג איבער נארישקייט, ווי ליכטיגקייט האט א פארצוג איבער פינסטערניש.
ג) סוטה ג׳ ע״א, אַז אַ מענטש זינדיגט ניט.

ווילן איז צו געוועלטיגן איינע אַליין אין דער „שטאָט" און זיך אָנצוטאָן אין איהרע אויבן דערמאָנטע (ד) דריי לבושים, אין דעם גאַנצן גוף, ווי אויבן דערמאָנט (ה) וואָס דאָס זיינען מחשבה, דבור און מעשה פון די תרי"ג מצות פון דער תורה ווי אויבן דערמאָנט. און פונדעסטוועגן ווערט ער אינגאַנצן ניט אָנגערופן קיין צדיק, ווייל אָט די מעלה וואָס אין די ליכטיגקייט פון דעם נפש האלקית איבער דער פינ־סטערניש און נאַרישקייט פון דער קליפה, וועלכע ווערט ממילא אָוועקגעשטויסן, איז מעהר ניט נאָר אין די דריי אויבן דערמאָנטע לבושים, אָבער ניט אין איהר מהות און איהר עצמות איבער דעם מהות און עצמות פון דער קליפה. ווייל איהר מהות און איהר עצמות — פון דער נפש הבהמית וואָס פון דער קליפה וואָס אין דעם לינקן טייל — איז אינגאַנצן ניט אָוועקגעשטויסן געוואָרן פון זיין פלאַץ ביי דעם בינוני נאָכ'ן דאַווענען, ווייל די פייערדיקע קוילין פון ליבשאַפט צו ג־ט זיינען ניט פאַראַן אָפענערהייט אין זיין האַרץ אין רעכטן טייל, מעהר ניט אַז ביי איהם אינווייניג איז פול מיט באַהאַלטענער ליבשאַפט וואָס דאָס איז די נאַ־טירליכע ליבשאַפט וואָס אין דעם נפש האלקית ווי עס וועט שפּעטער ערקלערט ווערן, און דעמאָלט קען די נאַרישקייט פון דעם נאַר, די שלעכטס, זיין אָפענערהייט אין זיין האַרץ אין דעם לינקן טייל, צו גלוסטן אַ תאוה צו אַלע גשמיות'דיקע ענינים פון עולם הזה, סיי בהיתר סיי באיסור חס ושלום, גלייך ווי

ד) פרק ד' ע' [ח] טו.
ה) פרק ט' [יד] כז.

ער האָט גאָרניט געדאַוועט. מעהר ניט וואָס אין אַ דבר איסור פאַלט איהם ניט איין צו טאָן דעם איסור בפועל ממש חס ושלום, נאָר געדאַנקען פון אַן עבירה וואָס זיינען האַרבער פון דער עבירה קענען באַוויזן אַרויפצוגיין אין זיין מוח און מבלבל זיין איהם פון תורה און עבודה, אַזוי ווי די רז״ל זאָגן (ו), פאַראַן דריי עבירות וואָס יעדן טאָג ווערט אַ מענטש פון זיי ניט אויסגעהיט: טראַכטן וועגן אַן עבירה, צוטראָגן זיך אין דאַווענען כו׳, נאָר דערצו העלפט דער אײנדרוק צייכן אין די מוחין און די יראה פאַר ג־ט און די אהבה צו איהם וואָס איז באַהאַלטן אין דעם רעכטן טייל, צו שטאַרקן זיך און געוועלטיגן אויף דעם־דאָזיגען שלעכטס וועלכער גלוסט אַ תאוה, אַז ער זאָל ניט האָבן קיין שליטה און געוועלטיגקייט אין דער שטאָט, צו אַרויסברענגען זיין תאוה אין ווירקליכקייט, אָנצוטאָן זיך אין די איברים פון דעם גוף און אפילו אין מוח אַליין, צו טראַכטן וועגן שלעכטס, האָט ער ניט קיין שליטה און געוועלטיגקייט צו טראַכטן חס ושלום מיט זיין רצון וואָס אין זיין מוח אַז ער זאָל אויפנעמען מיט רצון חס ושלום אָט דעם שלעכטן הרהור, וועלכער גייט אַרויף פון זיך אַליין פון האַרצן אין מוח ווי אויבן גערעדט (ז), נאָר באַלד ווי ער קומט ארויף דאָרט, שטויסט ער איהם אַוועק מיט ביידע הענט און קערט אָפּ זיין וויסן, באַלד ווי ער דערמאָנט זיך אַז דאָס איז אַ שלעכטער הרהור, און ער נעמט איהם ניט

ו) בבא בתרא קס״ד ע״ב.
ז) אָנהויב פרק ט׳ ע׳ [26] כו.

אויף גוטווייליג, אַפילו צו טראַכטן אין איהם ווילענדיג, ווער רעדט נאָך אַז עס זאָל איהם אַיינפאַלן דאָס צו טאָן חס ושלום, אָדער אפילו צו ריידן אין דעם, ווייל דער וואָס טראַכט ווילענדיג, ווערט ער אָנגערופן רשע אין יענער ווילע, און דער בינוני איז קיינמאָל קיין רשע ניט, אפילו איין ווילע אויך ניט. און דאָס זעלבע אין די ענינים וואָס צווישן איין מענטש און דעם צווייטן — באַלד ווי עס גייט ביי איהם אַרויף פון האַרצן אין מוח עפּעס אַ פיינט־שאַפט און אַ שנאה חס ושלום אָדער עפּעס אַ קנאה אָדער אַ כעס אָדער אַ קפידא און עהנליכע צו זיי, נעמט ער זיי גאָרניט אויף אין זיין מוח און אין זיין רצון, און פאַרקעהרט, דער מוח האָט אַ שליטה און געוועלטיגט אין דעם רוח וואָס אין זיין האַרץ אויף צו טאָן דאָס פאַר־קערטע ממש, צו פיהרן זיך מיט זיין חבר מיט אַ מדה פון חסד און ארויסווייזן צו איהם אַ גרעסערע ליבשאַפט, צו ליידן פון איהם ביז די לעצטע מעגליכקייטן און ניט אין כעס ווערן חס ושלום, און אודאי ניט אָפּצאָהלן איהם חס ושלום ווי ער האָט געטאָן, נאָר פאַרקערט, צו באַצאָהלן די שולדיגע מיט טובות אַזוי ווי ער זאָגט אין זהר צו אָפּלערנען זיך פון יוסף׳ן מיט זיינע ברידער.

פרק יג און **דערמיט וועט זיין פאַרשטענדליך דער לשון** פון דעם מאמר רז״ל אז בינונים משפט סיי דער און סיי דער [ד. ה. דער יצר טוב און דער יצר הרע]וואָרום עס שטייט(א) „כי יעמוד לימין אביון להושיע משופטי נפשו", און זיי האָבן ניט געזאָגט אַז דער און דער „געוועלטיגן" חס ושלום, ווייל אויב דער יצר הרע האָט וועלכע־ס'איז שליטה און געוועלטיג־קייט איבער דער קליינער שטאָט, אפילו נאָר אויף אַ קליינער ווילע, ווערט ער אָנגערופן אַ רשע אין יענער ווילע, נאָר דער יצר הרע איז מעהר ניט ווי, על דרך משל, אַ שופט און אַ דיין וועלכער זאָגט זיין מיינונג אין דעם משפט און פונ־דעסטוועגן קען זיין אַז דער פסק פון דער הלכה, וועט למעשה ניט זיין אַזוי, וואָרום עס איז פאַראַן נאָך אַ שופט און אַ דיין וועלכער קריגט אויף איהם, און מען דאַרף ענט־שיידן צווישן זיי, און די הלכה איז ווי די רייד פון דעם וואָס ענטשיידט, אַזוי, דער יצר הרע זאָגט זיך זיין דעה אין דעם לינקן טייל וואָס אין האַרץ, און פון דעם האַרץ גייט עס אַרויף אין מוח, זיך אַריינצוטראַכטן דעריך. און באַלד קריגט אויף איהם דער צווייטער שופט, וואָס דאָס איז דער נפש האלקית וואָס אין מוח, וועלכער פאַרשפרייט זיך אין רעכטן טייל וואָס אין האַרץ, דעם וואוין־אָרט פון דעם יצר טוב, און די הלכה איז

א) תהלים ק״ט, ל״א: וואָרום ער (דער אויבערשטער) שטייט צו דער רעכטער זייט פון דעם אָרימען, איהם צו העלפען פון די וואָס משפט'ן זיין נפש.

ווי די רייד פון דעם וואָס ענטשיידט, דאָס איז דער אויבערשטער וועלכער העלפט איהם, דעם יצר טוב, אַזוי ווי די רז"ל זאגען (ב): „אויב דער אויבערשטער וואָלט איהם ניט צוגעהאָלפן, וואָלט ער איהם ניט געקענט בייקומען", און די הילף איז די ליכטיגקייט וואָס דער אור ה' לייכט אויפ'ן נפש האלקית, אַז זי זאָל האָבן אַן אויבערהאַנד און אַ שליטה אויף די נאַרישקייט פון דעם נאַר און דעם יצר הרע, אַזו ווי די אויבערהאַנד פון דער ליכטיגקייט אויף דער פינסטער־ניש, ווי אויבן דערמאָנט (ג). נאָר וויבאַלד אַז דאָס שלעכטס וואָס אין לינקן טייל ביים בינוני איז אין זיין שטאַרקייט, ווי ער איז געבוירן געוואָרן צו גלוסטן אַ תאוה צו אַלע תענוגים פון עולם הזה, און ער איז ניט בטל געוואָרן מיט אַ מינדער־הייט אַנטקעגן דעם גוטס, און ער איז גאָרניט אַוועקגע־שטופט געוואָרן פון זיין אָרט, מעהר ניט וואָס ער האָט ניט קיין שליטה און געוועלטיגקייט צו פאַרשפּרייטן זיך אין די איברים פון דעם גוף, איבער דעם וואָס דער אויבערשטער שטייט צו דער רעכטער האַנד פון דעם אָרימאַן און העלפט צו און דערלייכט דעם נפש האלקית, דעריבער ווערט ער אָנגערופן "כרשע" (ד), אַזוי ווי די רז"ל האָבן געזאָגט: אפילו אויב די גאָר גאַנצע וועלט זאָגט דיר אַז דו ביסט אַ צדיק, זאָלסטו אין דיינע אייגענע אויגן זיין ווי אַ רשע, אָבער ניט אַ רשע ממש, נאָר ער זאָל זיך האַלטן פאַר אַ בינוני און ניט גלויבן דער וועלט, וואָס מ'זאָגט אַז דאָס שלעכטס וואָס אין איהם איז בטל געוואָרן אַנטקעגן דעם גוטס, וואָס דאָס איז די מדרגה פון אַ צדיק, נאָר אין זיינע אייגענע אויגן זאָל

ב) קידושין ל' ע"ב. ג) פרק י"ב ע' [יז] לג. ד) אַזוי ווי אַ רשע.

ער זיין גלייך ווי די מהות און עצמות פון דעם שלעכטס איז אין זיין שטאַרקייט און אין זיין מאַכט אין דעם לינקן טייל, ווי ער איז געבוירן געוואָרן, און ס'איז גאָרניט אַריבער און גאָרניט אַוועק פון איהם, און אדרבה, דורך דער צייט איז ער נאָך שטאַרקער געוואָרן, ווארום ער האָט זיך אַ סך געגוצט מיט איהם ביים עסן און טרינקען און אַנדערע ענינים פון דער וועלט, און אפילו איינער וואָס זיין באַגעהר איז אין ג־ט'ס תורה, און ער לערנט אין איהר טאָג און נאַכט לשמה — איז דאָס נאָך אַלץ קיין באַווייז ניט אַז דאָס שלעכטס איז אַוועקגעשטויסן געוואָרן פון זיין אָרט, נאָר עס קען זיין אַז זיין מהות און זיין עצמות איז אין זיין מאַכט און אין זיין שטאַרקייט אויף זיין אָרט אין דעם לינקן טייל, מעהר ניט אַז זיינע לבושים, וואָס דאָס זיינען די מחשבה, דיבור און מעשה פון דעם נפש הבהמית טוען זיך ניט אָן אין דעם מוח, און אין דעם מויל, און אין די הענט און אין די אַנדערע איברים פון גוף, צוליעב ג־ט וואָס האָט געגעבן די שליטה און די ממשלה צום מוח אויפ'ן האַרץ, און דעריבער געוועלטיגט דער נפש האלקית וואָס איז אין מוח איבער דער „קליינער שטאָט" — די אַלע איברים פון גוף אַז זיי זאָלן זיין אַ לבוש און אַ מרכבה פאַר איהרע דריי לבושים, אַז זיי זאָלן זיך אָנטאָן אין זיי, וואָס דאָס זיינען מחשבה, דיבור און מעשה פון די תרי"ג (ה) מצוות פון דער תורה, אָבער דער מהות און דער עצמות פון דער נפש האלקית האָט ניט קיין שליטה און ממשלה

ה) זעקס הונדערט און דרייצן.

איבער דעם מהות און עצמות פון דער נפש הבהמית ביי א בי־נוני, נאָר אין דער צייט ווען די ליבשאַפט צו ג־ט איז אַנטפּלעקט אין זיין הארץ אין געוויסע צייטן, אַזוי ווי אין דער צייט פון דאַוונען און ענליכעס, און אויך דעם מאָהל איז דאָס מעהר ניט ווי אַ שליטה און ממשלה אליין, אַזוי ווי ס'שטייט(ו) „ולאום מלאום יאמץ", ווען דער שטייט אויף — פאַלט יענער, און ווען יענער שטייט אויף כו', אַז דער נפש האלקית ווערט שטאַר־קער און שטאַרקט זיך אויף דעם נפש הבהמית אין דעם מקור פון די גבורות וואָס דאָס איז בינה — צו אַריינטראַכטן אין דער גרויסקייט פון אין סוף ברוך הוא און צו מאַכן געבאָרן ווערן אַ שטאַרקע ליבשאַפט צו ג־ט, אַזוי ווי פייערדיגע קוילין אין דעם רעכטן טייל וואָס אין זיין האַרץ, און דאַן ווערט אונטערגעוואָרפן די סטרא אחרא וואָס אין דעם לינקן טייל אָבער אינגאַנצן ווערט עס ניט בטל ביי אַ בינוני, נאָר ביי אַ צדיק, וואָס ביי איהם ווערט געזאָגט (ז) „ולבי חלל בקרבי", און ער פאַרמיאוס'ט דאָס שלעכטס און האָט עס פיינט מיט תכלית שנאה און מיאוס, אָדער ניט מיט תכלית שנאה, ווי ס'איז אויבן (ח) דערקלערט. אָבער ביי אַ בינוני איז עס דרך משל אַזוי ווי אַ מענטש וואָס שלאָפט, וואָס ער קען זיך צוריק אויפכאַפּן פון זיין שלאָף. אַזוי איז דאָס שלעכטס ביים בינוני, איז ער ווי אַ שלאָפעדיגער

ו) בראשית כ"ה, כ"ג: און איין קעניגרייך וועט זיך שטאַרקן איבער דעם צווייטן קעניגרייך.

ז) תהלים ק"ט, כ"ב: און מיין האַרץ איז ליידיג אין מיר.

ח) פרק י, ע' [טו] כט.

אין דעם לינקן טייל, בעת קריאת־שמע און שמונה עשרה, וואָס זיין האַרץ ברענט מיט אַ ליבשאַפט צו ג־ט און שפּעטער קען ער זיך צוריק אויפכאַפּן. און דעריבער האָט זיך רבה געהאַלטן פאַר אַ בינוני, כאָטש זיין מויל האָט זיך קיינמאָל ניט אָפּגעשטעלט פון לערנען און זיין ווילן איז געווען אין ג־ט׳ס תורה, טאָג און נאַכט, מיט אַ ווילן און אַ חשק און אַ תשוקה און אַ גלוסטי־גער נפש צו ג־ט מיט אַ גרויסער ליבשאַפט, אַזוי ווי בשעת קריאת שמע און שמונה עשרה. און אין זיינע אויגן האָט ער אויסגעזעהן ווי אַ בינוני וואָס דאַווענט אַ גאַנצן טאָג און אַזוי ווי די רז״ל זאָגן (ט): הלואי זאָל אַ מענטש דאַווענען דעם גאַנצן טאָג: והנה, אָט די מדה פון דער אהבה, וואָס ווערט גערעדט ביי בינונים, אין דער צייט פון דאַווענען דורך דעם שטאַרקן זיך פון דעם נפש האלקית כו׳, איז אַנטקעגן דער מדריגה פון די צדיקים, וועלכע דינען ג־ט מיט אַ ריכטיגן אמת, ווערט אָט־די בחינה פון דער אהבה גאָרניט גערופן מיט דעם נאָמען אמת׳ע עבודה, וויבאַלד אַז זי גייט דורך און זי גייט אַוועק נאָכ׳ן דאַווענען, און עס שטייט (י) ״שפת אמת תכון לעד ועד ארגיעה לשון שקר״, און פונדעסטוועגן לגבי דער מדרגה פון די בינונים ווערט זי אָנגערופן אַ גאַנצע עבודה, לויט זייער ריכטיגן אמת, איטליכער לויט זיין מדרגה

ט) ברכות כא ע״א.

י) משלי י״ב, י״ט: די שפּראַך פון אמת געדויערט אייביג און די שפּראַך פון ליגן איז אויף איין רגע.

אין דער מדרגה פון די בינונים, און איך רוף אויך אַן זייער אהבה וואָס אין זייער תפלה „שפת אמת תכון לעד" וויבאַלד אַז זייער נפש האלקית איז בכח צוריק אויפ־צווועקן די בחינה פון דער דאָזיגער אהבה אַלע מאָל בעת זי שטאַרקט זיך אין דער צייט פון דאַוונען יעדן טאָג, דורך אַ פּאַסיגע הכנה פאַר יעדן נפש לויט איהר ערך און מדריגה, ווייל די מדה פון אמת איז די מדה פון יעקב וועלכער ווערט אָנגערופן „דער מיטעלסטער ריגל"(יא) וועלכער פאַרריגלט פון ברעג צו ברעג פון די העכסטע מעלות און מדרגות ביז דעם סוף פון אַלע מדריגות, און אין יעדער מעלה און מדריגה פאַרריגלט ער־דורך דער מיטעלסטער נקודה וואָס דאָס איז דאָס פּינטעלע און די בחינה פון איהר מדה פון אמת, און די מדה פון אמת איז אַן אומבאַגרענעצטע נחלה און האָט ניט קיין שיעור למעלה ביז צו די העכסטע מדריגות און אַלע מעלות און מדריגות וואָס זיינען נידעריקער, זיינען זיי גלייך ווי גאַרניט אַנטקעגן די מעלות און מדריגות וואָס זיינען העכער פון זיי [אַזוי ווי ס'איז באַקאַנט צו די יודעי חן אַז די בחינה פון קאָפּ און מוחין פון די נידעריגע מדרגות, זיינען נידעריגער פון דער בחינה פון די פיאַטעס און די פיס פון די מדרגות וואָס זיינען העכער פון זיי, און ווי דער מאמר רז"ל: „רגלי החיות כנגד כולן"(יב)].

יא) בריח התיכון.
יב) חגיגה יג, א.

פרק יד. והנה, די מדה פון בינוני איז די מדה פאַר יעדן מענטשן, און נאָך איהר זאָל זיך יעדער מענטש ציען, ווארום יעדער מענטש קען זיין אַ בינוני אין יעדער צייט און אין יעדער שעה, ווייל דער בינוני פאַר־מיאוס׳ט ניט דאָס שלעכטס, ווייל דאָס איז אַ זאַך וואָס איז איבערגעגעבן צום האַרצן, און ניט אַלע צייטן זיינען גלייך, נאָר (א) קער אָפּ פון שלעכטס און טו גוטס, וואָס דאָס הייסט בפועל ממש אין טאָן, רייד און טראַכטן, וואָס אין זיי איז די בחירה און די יכולת און רשות אָפּגעגעבן געוואָרן צו יעדן מענטשן צו טאָן, צו רעדן און צו טראַכטן אויך וואָס איז קעגן דער תאוה פון זיין האַרץ, און ממש דער היפך דער־פון, ווארום אויך אין דער צייט ווען דאָס האַרץ גלוסט און וויל אַ גשמיות׳דיקע תאוה בהיתר אָדער חס ושלום באיסור, קען ער זיך שטאַרקן און אויפהערן טראַכטן פון איהר אינגאַנצן, זאָ־גענדיג צו זיין האַרץ: איך וויל ניט זיין קיין רשע, אפילו קיין אײן ווײלע, ווארום איך וויל ניט זיין אָפּגעטיילט און אָפּגעשיידט חס ושלום פון ה׳ אחד, פאַר קיין אופן ניט, אַזוי ווי ס׳שטייט (ב) „עוונותיכם מבדילים וגו׳״, נאָר איך וויל

א) די זאַך פון אַ בינוני איז.

ב) ישעי׳ נ״ט ב׳: אייערע זינד טיילן אָפּ (צווישן אייך און אייער ג־ט ב״ה).

אין איהם באַהעפטן מיין נפש, מיין רוח און מיין נשמה, דורך זייער אָנטאָן זיך אין זיינע דריי לבושים יתברך, וואָס דאָס זיינען מעשה, דבור און מחשבה אין ג־ט און זיין תורה און זיינע מצוות (ג) פון דער ליבשאַפט וואָס איז באַהאַלטן אין מיין האַרץ צו ג־ט, אַזוי ווי אינ׳ם האַרץ פון אַלע אידן וואָס זיי ווערן אָנגערופן (ד) „אוהבי שמך״, און אפילו אַ קל שבקלים קען זיך מוסר נפש זיין אויף קידוש השם, און געוויס בין איך ניט נידעריגער פון איהם, נאָר ס׳איז אין איהם אַריין אַ רוח פון נאַרישקייט און עס דאַכט זיך איהם אויס אַז מיט דער עבירה בלייבט ער נאָך אַלץ ביי זיין אידישקייט און זיין נשמה ווערט ניט אָפּגעשיידט פון אלקי ישראל, און ער פאַרגעסט אויך זיין ליבשאַפט צו ג־ט וועלכער איז פאַרבאָרגן אין זיין האַרץ, אָבער איך וויל ניט זיין אַזאַ נאַר ווי ער צו לייקענען דעם אמת. אַנדערש אָבער איז ביי אַ זאַך וואָס איז איבערגעגעבן צום האַרץ, דאָס הייסט אַז דאָס שלעכטס זאָל זיין ממש פאַרמיאוס׳ט אין האַרצן און פאַרהאַסט מיט אַן אומענדליכע שנאה, אָדער אפילו ניט מיט אַן אומענדליכע שנאה — אָט דאָס קען ניט זיין מיט אַ ריכטיגן אמת סיידן דורך די גרויסקייט און שטאַרקייט פון דער אהבה צו ג־ט אין דער בחינה פון אהבה בתענוגים, צו האָבן

ג) און דער וועלן זיך באַהעפטן נעמט זיך.

ד) תהלים ה׳, י״ב: די ליבהאָבער פון דיין נאָמען.

פאַרגעניגן מיט דעם אויבערשטן מעין עולם הבא. און אויף דעם האָבן די חכמים געזאָגט:(ה) „דיין וועלט וועסטו זעהן ביי דיין לעבן" כו׳, און ניט יעדער מענטש איז זוכה דערצו, וואָרום דאָס איז שוין ווי אַן ענין פון באַקומען שכר, און אַזוי ווי ס׳שטייט (ו) „עבודת מתנה אתן את כהונתכם" וגו׳, אַזוי ווי עס ווערט ערקלערט אין אַן אַנדער אָרט. און דעריבער האָט איוב געזאָגט: „דו האָסט באַשאַפן צדיקים" כו׳, און אַזוי ווי ס׳איז פאַראַן אין תיקונים אַז עס איז פאַראַן אין נשמות ישראל פיל מיני מדרגות און בחינות: חסידים, גבורים וועלכע שטאַרקן זיך אויף זייער יצר, בעלי תורה, נביאים כו׳ צדיקים כו׳ זעה דאָרט.

און דערמיט וועט מען פאַרשטיין דעם טאָפּעלטן לשון פון דער שבועה: „דו זאָלסט זיין אַ צדיק און זאָלסט ניט זיין קיין רשע". וואָרום אין פלוג איז וואונדערליך: וויבאַלד מ׳באַשווערט איהם דו זאָלסט זיין אַ צדיק, נאָך וואָס דאַרף מען איהם נאָך באַשווערן ער זאָל ניט זיין קיין רשע, נאָר וויבאַלד ניט יעדער איינער איז זוכה צו זיין אַ צדיק, און אַ מענטש האָט אויך ניט קיין משפּט פון דער בחירה אין דעם אויף אַזויפיל, ער זאָל האָבן פאַרגעניגן פון ג־ט מיט אַן אמת און אַז דאָס שלעכטס זאָל ממש באמת זיין

ה) ברכות יז, ע״א.

ו) במדבר י״ח, ז׳: אַן עבודה פון מתנה וועל איך געבן אייער כהונה.

פאַרמיאוס׳ט ביי איהם, און דעריבער באַשווערט מען אַ צווייטן מאָהל: דו זאָלסט על כל פנים ניט זיין קיין רשע, וואָרום אין דעם איז דער משפט פון דער בחירה און דער רשות אָפּגעגעבן געוואָרן צו יעדן מענטשן צו געוועלטיגן איבער דעם רוח פון זיין תאוה וואָס אין זיין האַרץ און איינצוהאַלטן זיין יצר אַז ער זאָל ניט זיין קיין רשע אפילו קיין איין ווײלע זיינע גאַנצע יאָהרן, סיי אין דער בחינה פון סור מרע (ז) און סיי אין דער בחינה פון ועשה טוב (ח), און עס איז ניטאָ קיין טוב נאָר תורה, דאָס מיינט לערנען תורה וואָס דאָס באַטרעפט קעגן זיי אַלע. אָבער פונדעסטוועגן דאַרף ער אויך זיך באַשטימען צייטן אויף צו טאָן עצות מיט זיין נפש ער זאָל פאַרמיאוס׳ן שלעכטס, אַזוי ווי, למשל, לויט דער עצה פון אונזערע חכמים ז״ל (ט) אַז „אַ פרוי איז אַ כלי וואָס איז פול מיט צואה״ כו׳ און ענליכעס. און אַזוי אויך אַלע מינים געריכטן און געשמאַקע זאַכן ווערן דאָך אַזוי, אַ כלי פול מיט כו׳. און אַזוי אויך אַלע פאַרגעניגנס פון דער וועלט — זעהט דער קלוגער וואָס קומט פון זיי אַרויס, אַז זייער סוף איז אַז זיי ווערן פאַרפוילט און עס ווערט ווערים און מיסט, און פאַרקערט, צו האָבן פאַרגעניגן און פרייען זיך מיט ג־ט דורך אריינטראַכטן זיך אין דער גרויסקייט פון אין סוף ברוך הוא, אויף וויפיל ער קען, כאָטש ער ווייס ביי זיך אַז ער וועט ניט צוקומען צו דער דאָזיגער מדרגה מיט אַן אמת׳ן אמת, מעהר ניט ווי מיט איינבילדונגען, פונדעסטוועגן זאָל ער טאָן זיינס אויף צו מקיים זיין די שבועה וואָס מ׳באַשווערט איהם: „זאָלסט זיין א צדיק״ און ג־ט זאָל

ז) אָפּקעהרן פון שלעכטס. ח) טאָן גוטס. ט) שבת קנב, ע״א.

טאָן וואָס עס איז גוט אין זיינע אויגן, און אויך, אַז די געוואוינהייט איבער יעדער זאַך, האָט די מאַכט, און עס ווערט אַ צווייטע נאַטור. און אַז ער וועט זיך איינגעוואוינען צו פאַרמיאוס'ן דאָס שלעכטס, וועט עס באמת טיילוויז פאַרמיאוס'ט ווערן, און ווען ער וועט זיך איינגעוואוינען צו דערפרייען זיין נפש מיט ג־ט דורך אַריינטראַכטן זיך אין דער גרויסקייט פון ג־ט וועט דורך דער התעוררות דאָ־אונטן (י) קומען די התעוררות פון אויבן (יא). און נאָך אלעמען אפשר וועט אויף איהם אַראָפּגעלאָזן ווערן אַ רוח מלמעלה, און ער וועט זוכה זיין צו דער בחינה פון רוח, פון דעם שורש פון איינעם אַ צדיק וואָס וועט זיך אַריינטאָן אין איהם, צו דינען ג־ט מיט אַ ריכטיגן אמת אַזוי ווי ס'שטייט (יב) „שמחו צדיקים בה'" און ס'וועט באמת מקוים ווערן ביי אים די שבועה וואָס מ'באַשווערט: „זאָלסט זיין אַ צדיק".

פרק טו און מיט דעם וועט זיין פאַרשטענדליך וואָס עס שטייט (א) „ושבתם וראיתם בין צדיק לרשע בין עובד אלקים לאשר לא עבדו", וואָס דער חילוק צווישן איינעם וואָס דינט ג־ט און אַ צדיק, איז, וואָס עובד איז לשון הווה (ב) וואָס ער איז אין מיט'ן דער עבודה וואָס דאָס איז די

י) אתערותא דלתתא. יא) אתערותא דלעילא. יב) תהלים צ"ז, י"ב: פרייט זיך צדיקים מיט ג־ט.

א) מלאכי ג', י"ח: און איהר וועט צוריק דערזעהן דעם אונטערשייד צווישן אַ צדיק און אַ רשע, צווישן דעם וואָס דינט ג־ט און דעם וואס דינט איהם ניט.

ב) קעגענווארט.

מלחמה מיט'ן יצר הרע, צו שטאַרקן זיך אויף איהם, און צו פאַרטרייבן איהם פון דער „קליינער שטאָט", ער זאָל זיך ניט אָנטאָן אין די איברים פון דעם גוף, וואָס דאָס איז באמת אַ גרויסע עבודה און האָרעוואַניע אייביג האַלטן מלחמה מיט איהם, און דאָס איז אַ בינוני. אָבער דער צדיק ווערט אָנגערופן „עבד ה'", מיט'ן שם התואר (ג), אַזוי ווי דער נאָמען חכם אָדער מלך, וואָס ער איז שוין געוואָרן אַ חכם אָדער אַ מלך. אַזוי איז דער, ער האָט שוין אָפּגעטאָן און אינגאַנצן פאַרענדיגט די עבודה פון דער מלחמה מיט'ן שלעכטס, ביז ער האָט איהם פאַרטריבן און ער איז אַוועק און זיין האַרץ איז ליידיג אין איהם. און ביי אַ בינוני איז אויך פאַראַן צווייערליי מדרגות: „איינער וואָס דינט ג־ט" און „איינער וואָס דינט איהם ניט", און פונדעסטוועגן איז ער ניט קיין רשע, ווייל ער האָט זיין גאַנץ לעבן קיינמאָל ניט עובר געווען קיין שום גרינגע עבירה, און האָט אויך מקיים געווען אַלע מצות וואָס ער קען זיי מקיים זיין, און אויך לערנען תורה, וואָס דאָס באַטרעפט אַנטקעגן זיי אַלע, און זיין מויל שטעלט זיך ניט אָפּ פון לערנען, מעהר ניט וואָס ער פיהרט ניט קיין מלחמה מיט'ן יצר, צו באַזיגן איהם דורך דער ג־טליכער ליכטיגקייט וואָס לייכט אויף דעם נפש האלקית וואָס אין דעם מוח וועלכער געוועלטיגט איבערן האַרץ, ווי עס איז אויבן (ד) ערקלערט געוואָרן, וואָרום זיין יצר שטעלט זיך איהם גאָרניט אַנטקעגן מבטל צו זיין איהם פון זיין תורה און זיין עבודה, און ער דאַרף גאָר ניט מיט איהם מלחמה האַלטן, אַזוי ווי למשל, אַז ער איז

ג) טיטול־נאמען. ד) פרק י"ב.

פון דער נאַטור פון זיין געבורט אַ מתמיד אין זיין לערנען, דורך דער שטאַרקייט פון דער מרה שחורה און אַזוי האָט ער אויך ניט קיין מלחמה קעגן דער תאוה צו נשים, וואָרום אין זיין נאַטור איז ער אַ קאַלטער, און אַזוי אויך אין די אַנ־דערע פאַרגעניגנס פון דער וועלט פעהלט איהם פון זיין נאַטור דאָס געפיהל פון הנאה, און דעריבער דאַרף ער זיך ניט אַזוי פיל אַריינטראַכטן אין דער גרויסקייט פון ג־ט אויף צו מאַכן געבוירן פון זיין פאַרשטאַנד א רוח פון וויסן און מורא פאַר ג־ט אין זיין מוח, זיך צו היטן ער זאָל ניט עובר זיין אויף די מצוות לא תעשה, און אַן אהבה צו ג־ט אין זיין האַרץ זיך צו באַהעפטן אין איהם דורך מקיים זיין די מצוות און לערנען תורה, וואָס באַטרעפט קעגן זיי אַלע, נאָר איהם איז גענוג די באַהאַלטענע אהבה וועלכע איז פאַראַן אין הארצן פון אַלע אידן, וואָס זיי ווערן אָנגערופן „אוהבי שמו״ (ה), און דעריבער ווערט ער גאָרניט אָנגערופן „עובד״, וואָרום אָט די ליבשאַפט וועלכע איז פאַראַן ביי איהם באַהאַלטענערהייט איז אינגאַנצן ניט זיין אויפטו און זיין עבודה, נאָר זי איז אונזערע אַ ירושה פון אונזערע אבות צום כלל ישראל, און אַזוי ווי ס'וועט שפעטער ערקלערט ווערן. און אַזוי אויך דער וועלכער פון זיין נאַטור איז ער ניט אַ מתמיד אין זיין לערנען, נאָר ער האָט זיך צוגעוואוינט צו לערנען מיט גרויס התמדה און אָט די געוואוינהייט איז ביי איהם געוואָרן אַ צווייטע נאַטור, איז איהם גענוג מיט אָט־דער באַהאַלטענער אהבה, סיידן אויב ער וויל לערנען מעהר ווי זיין געוואוינהייט איז. און מיט דעם וועט מען פאַרשטיין

ה) די ליבהאָבער פון זיין נאָמען, (תהלים ס״ט ל״ז).

וואָס ס'איז פאַראַן אין דער גמרא (ו) אַז עובד אלקים — מיינט איינער וואָס חזר'ט איבער זיין פרק הונדערט און איין מאָל, און „לא עבדו" — מיינט איינער וואָס חזר'ט איבער דעם פרק מעהר ניט ווי הונדערט מאָל, און דאָס איז ווייל אין זייערע צייטן איז די געוואוינהייט געווען אַז מ'פלעגט איבער'חזר'ן יעדן פרק הונדערט מאָל, אַזוי ווי ס'שטייט דאָרט אין דער גמרא אַ משל פון דעם מאַרק פון די אייזל־טרייבער וועלכע פלעגן זיך פאַרדינגען אויף צעהן מייל פאַר איין גולדן, פאַר עלף מייל פאַר צוויי גולדן, וואָרום דאָס איז מעהר ווי זייער געוואוינהייט. און דערפאַר באַט־רעפט דער הונדערט און איין מאָל, וואָס איז מעהר פון דער געוואוינהייט אין וועלכער ער האָט זיך איינגעוואוינט פון קינדוויין, — אַנטקעגן אַלע צוזאַמען, און שטייגט זיי נאָך אַריבער פיל מעהרער און שטאַרקער, ביז ער ווערט אָנגערופן (ז) עובד אלקים, וואָרום כדי צו ענדערן די נאַטור פון דער געוואוינהייט, דאַרף ער מעורר זיין די ליבשאַפט צו ג־ט, דורך דעם וואָס ער טראַכט אריין אין דער גרויסקייט פון ג־ט מיט זיין מוח, צו גע־וועלטיגן איבער דער נאַטור וואָס איז אין דעם לינקן טייל וואָס איז פול מיט בלוט פון דעם נפש הבהמית וואָס

ו) חגיגה ט', ע"ב.
ז) צוליב דעם איינעם מאהל.

פון דער קליפה וואָס פון איהר איז די נאַטור, און דאָס איז אַ פולשטענדיגע עבודה (ח) פאַר אַ בינוני. אדער — דערוועקן די פאַרבאָרגענע ליבשאַפט וואָס אין זיין האַרץ צו געוועלטיגן דורך איהר איבער דער נאַטור וואָס איז אין דער לינקער זייט, וואָס דאָס ווערט אויך אָנגערופן אַן עבודה: מלחמה צו האַלטן מיט דער נאַטור און מיט'ן יצר דורך דעם וואָס ער דערוועקט די ליבשאַפט וועלכע איז פאַר־באָרגן אין זיין האַרץ. אָבער אויב ער פיהרט גאָר קיין מלחמה ניט, איז אָט די אהבה ווי זי איז אליין — ווערט זי גאָרניט אָנגערופן זיין עבודה.

פרק טז און דאָס איז אַ גרויסער כלל אין עבודת ה' פאַר בינונים: דער עיקר איז צו געוועלטיגן און האָבן די שליטה איבער דער נאַטור וואָס איז אין לינקן טייל, דורך דער ג־טליכער ליכטיגקייט וואָס באַלייכט דעם נפש האלקית וואָס אין מוח, און צו געוועלטיגן אויף דעם האַרץ. אַז ער טראַכט אַריין אין זיין מוח אין דער גרויסקייט פון אין סוף ברוך הוא, צו מאַכן געבאָרן פון זיין פאַרשטאַנד אַ רוח פון וויסן און יראת ה' אין זיין מוח, ער זאָל זיין אַזאַ וואָס קערט אָפּ פון שלעכטס דאורייתא און דרבנן, און אפילו אַ גרינגן איסור פון זייערע (א) רייד חס ושלום, און די ליבשאַפט צו ג־ט איז אין זיין האַרץ אין דעם רעכטן

ח) עבודה תמה.
א) די חכמים ז"ל.

טייל, מיט חשק און אַ ווילן צו באַהעפטן זיך אין איהם דורך דעם קיום פון די מצוות דאורייתא און דרבנן און דורך לערנען תורה וואָס באַטרעפט קעגן זיי אַלע. און נאָך מעהר דאַרף מען וויסן אַ גרויסן כלל אין דער עבודה פאַר בינונים, אַז אפילו אויב דער כח פון זיין שכל און דער רוח פון זיין פאַרשטאַנד דערגרייכט ניט צו שאַפן אַ ליבשאַפט צו ג־ט אין זיין האַרץ אָפּענערהייט, אַז זיין האַרץ זאָל ברענען ווי פייערדיגע קוילין און ער זאָל באַגעהרן מיט אַ שטאַרקן ווילן און חשק און אַ גלוסטיגקייט וואָס פיהלט זיך אין האַרצן זיך צו באַהעפטן אין איהם, נאָר די אהבה איז פאַרבאָרגן אין זיין מוח און אין די פאַרבאָרגענקייט פון זיין האַרץ*, דאָס מיינט אַז דאָס האַרץ פאַרשטייט מיט׳ן רוח פון קלוגשאַפט און פאַרשטאַנד וואָס אין זיין מוח די גרויסקייט פון אין סוף ברוך הוא, וואָס אַלץ אַנט־קעגן איהם באַטרעפט ווי גאָר ניט ממש, וואָס דעריבער קומט איהם יתברך אַז צו איהם זאָל אויסגיין דער נפש פון אַלע לעבעדיגע זיך צו באַהעפטן און אַריינגענומען צו ווערן אין זיין ליכט. און אויך זיין נפש און זיין רוח וואָס איז אין איהם פאַסט אויך פאַר זיי, אַז זיי זאָלן אויסגיין צו איהם

הגהה

(און די סיבה דערפון איז וואָס זיינע מוחין און זיין נפש רוח און נשמה זיינען פון דער בחי־נה פון עיבור און פאַרבאָרגנקייט אין דער תבונה און ניט פון דער בחינה פון געבורט(ב) און אַנט־פלעקונג, ווי עס איז באַקאַנט צו יודעי חן).

ב) לידה.

מיט חשק און גרויסן ווילן, אַרויסצוגיין פון זייער שייד, דאָס איז דער גוף, אויף צו באַהעפטן זיך אין איהם, מעהר ניט וואָס ניט־ווילענדיג לעבן זיי אין דעם גוף און זיינען צוגעבונדן אין איהם אַזוי ווי לעבעדיקע אלמנות (ג). און זייער מחשבה קען איהם גאָרניט באַנעמען סיידן אַז זי באַנעמט און טוט זיך אָן אין דער תורה און איהרע מצוות ווי דער משל פון איינעם וואָס נעמט אַרום דעם מלך, וואָס איז אויבן דערמאָנט (ד). און דערפאַר איז פּאַסיג פאַר זיי אַרומצונעמען איהם מיט'ן גאַנצן האַרצן, נפש און פאַרמעגן וואָס דאָס מיינט דער קיום פון די תרי"ג מצוות אין מעשה און אין דיבור און אין מחשבה, וואָס דאָס איז די השגה און די ידיעה פון דער תורה ווי אויבן דערמאָנט (ה). איז אַז ער פאַרטיפט זיך אין דעם ענין אין די פאַרבאָרגענקייט פון די פאַרשטאַנדן פון זיין האַרץ און זיין מוח, און זיין מויל און זיין האַרץ זיינען גלייך, אַז ער איז אַזוי מקיים מיט זיין מויל לויט ווי ס'איז געבליבן אין דעם פאַרשטאַנד פון זיין האַרץ און זיין מוח, דאָס מיינט אַז זיין באַגעהר זאָל זיין אין דער ג־טליכער תורה און אין איהר זאָל ער ריידן טאָג און נאַכט מיט זיין מויל, און אַזוי אויך די הענט און די אַנדערע איברים זאָלן מקיים זיין די מצוות, אַזוי ווי ס'איז געבליבן אין דעם פאַרשטאַנד פון זיין האַרץ און זיין מוח — איז אָט דער פאַרשטאַנד טוט זיך אָן אין דער מעשה, דיבור און מחשבה פון דער תורה און איהרע מצוות, צו זיין פאַר זיי די בחינה פון מוחין און חיות און פליגל צו פליען אין דער

ג) ד. ה. וואָס זייערע מענער לעבן.
ד) פרק ד' ע' [ט] יז.
ה) פרק ד' און ה', [ח] טו — [י] יט.

הויך, גלייך ווי ער וואָלט זיך עוסק געווען אין זיי מיט יראה און אהבה (ו) ממש וואָס זיינען אָפּענערהייט אין זיין האַרץ [מיט אַ ווילן און חשק און אַ גלוסטיגקייט וואָס פּיהלט זיך אין זיין האַרץ און זיין נפש וואָס דאַרשט צו ג־ט צוליעב די פייערדיקע קוילין פון זיין אהבה וואָס איז אין זיין האַרץ ווי ס'איז אויבן דערמאַנט] וויבאַלד אַז דער פאַר־שטאַנד וואָס איז אין זיין מוח און אין די פאַרבאַרגענקייט פון זיין האַרץ — אַט ער ברענגט איהם דאָך צו פאַרנעמען זיך מיט זיי, און אויב ער וואָלט זיך ניט אַריינגעטראַכט אין דעם פאַרשטאַנד, וואָלט ער זיך מיט זיי אינגאַנצן ניט פאַרנומען נאָר מיט זיינע קערפּערליכע באַדערפעניש אַליין [און אויך אויב ער איז בטבע אַ מתמיד אין זיין לערנען, פונדעסטוועגן האָט ער — פון זיין נאַטור — ליבער זיין גוף] און דאָס האָבן אונזערע חכמים ז"ל מרמז געווען בעת זיי האָבן געזאָגט (ז) אַ גוטע געדאַנק שטעלט דער אויבערשטער צונויף צו מעשה, און עס וואָלט דאָך געדאַרפט שטיין אַז די תו־רה פאַררעכענט איהם (ח) גלייך ווי ער וואָלט דאָס געטאָן, נאָר דער ענין איז ווייל יראה און אהבה וואָס זיינען פאַראַן אָפּענערהייט אין זיין האַרץ, זיי טוען זיך אָן אין דער מעשה פון די מצוות אַריינגעבן אין זיי חיות, זיי זאָלן קענען פליען אין דער הויך, ווארום אויך דאָס האַרץ איז אַ חומר'־דיגס גלייך ווי אַלע איברים, וואָס זיי זיינען די כלים פון מעשה, מעהר ניט וואָס עס איז אַ אינווייניגסטע און אַ חיות פאַר זיי, און דעריבער קען ער זיך אָנטאָן אין זיי צו זיין

ו) דחילו ורחימו.
ז) קידושין מ', ע"ב.
ח) דער וואָס האָט אַ גוטע מחשבה וועגן טאָן אַ גוטע זאַך.

פאר זיי „פליגל" אויף צו דערהויבן זיי. אָבער די יראה און אהבה וואָס זיינען אין פאַרשטאַנד פון זיין מוח און אין די פאַרבאַרגענקייט פון זיין האַרץ, וואָס זיינען אויבן דערמאָנט, זיינען זייערע וועגן העכער למעלה מעלה פון דער בחינה פון מעשה, און זיי קענען זיך ניט אָנטאָן אין דער בחינה פון דער מעשה פון די מצוות, זיי זאָלן זיין פאַר זיי אַ בחינה פון מוחין און חיות אויף זיי צו דערהויבן צו פליען אין דער הויך, סיידן אויב דער אויבערשטער שטעלט זיי צונויף און באַהעפט זיי צו דער בחינה פון מעשה, און זיי ווערן אָנגעַרופן מיט'ן נאָמען „מחשבה טובה" (ט), ווייל זיי זיינען ניט יראה און אהבה ממש, אָפּענערהייט אין זיין האַרצן, נאָר אין דעם פאַרשטאַנד פון זיין מוח און די באַהעלטעניש פון זיין האַרץ, ווי אויבן דערמאָנט*, אָבער אַט־דעם צונויפּ־שטעל שטעלט דער אויבער־שטער צונויף כדי צו דער־הויבן די מעשה פון די מצוות און דעם לערנען פון תורה וועלכע ווערן געטאָן דורך אַ מחשבה טובה, ווי אויבן דער־מאָנט, ביז צו דעם עולם הבריאה, דעם פלאַץ וואו אַ־הין עס זיינען עולה די תורה און מצוות וואָס ווערן געטאָן דורך שכל'דיקע יראה און אהבה, וואָס זיינען ממש

הגהה

(און אזוי ווי עס שטייט אין זהר און „עץ חיים" אז תבונה (י) איז אותיות פון ב"ן און ב"ת וואס דאס איז יראה און אהבה, און פאַראַן אמאל וואס תבונה גייט אראפּ און ווערט מוחין אין נוקבא פון „זעיר אנפין", וואָס דאָס זיינען די אותיות פון דער תורה און די מצוות און דער פארשטענדיגער וועט פאר־שטיין).

ט) אַ גוטע געדאנק.
י) פארשטאנד.

אָפּענערהייט ביי איהם אין האַרצן. אָבער אויך אָהן דעם גייען זיי אַרויף אין עולם היצירה דורך די נאַטירליכע יראה און אהבה, וואָס זיינען באַהאַלטן אין האַרצן פון אַלע אידן אין זייער געבורט, ווי עס וועט שפּעטער אויספיהר־ליך ערקלערט ווערן.

פרק יז און דערמיט וועט מען פאַרשטיין דאָס וואָס שטייט(א) „כי קרוב אליך הדבר מאד בפיך ובלבבך לעשותו".

וואָרום אין פלוג איז דאָך „אין דיין האַרץ" אַנטקעגן אונזער חוש [און די תורה איז אַן אייביקע], וואָרום ס'איז דאָך ניט זייער נאָענט די זאַך, איבערצוקעהרין זיין האַרץ פון די תאוות פון דער וועלט צו ליבשאַפט צו ג־ט מיט אַן אמת, און אַזוי ווי ס'איז פאַראַן אין דער גמרא(ב) „צי איז דען יראה אַ קליינע זאַך?" און אַ כל שכן אהבה. אויך האָבן די רז"ל געזאָגט(ג) אַז דוקא ביי צדיקים איז דאָס האַרץ אין זייער רשות. נאָר דער „לעשותו"(ד), מיינט די אהבה וועלכע ברענגט נאָר צו טאָן די מצוות, וואָס דאָס איז אַ ווילן פון האַרץ וואָס אין די פאַרבאָרגענקייט פון האַרצן, אפילו אויב עס איז ניט אָפּענערהייט אין האַרצן ווי פייערדיקע קוילין, און אָט־די זאַך איז זייער נאָענט און גרינג פאַר יעדן מענטשן וועלכער האָט אַ מוח אין זיין קאָפּ, וואָרום זיין מוח איז

א) דברים ל׳, י"ד: ווארום די זאך איז זייער נאענט צו דיר, אין דיין מויל און אין דיין הארץ דאס צו טאן.

ב) ברכות ל"ג, ע"ב; מגילה כ"ה, ע"א.

ג) בראשית רבה ל"ד, מ"א.

ד) עס צו טאן.

אין זיין רשות, און ער קען מיט איהם אַריינטראַכטן זיך ווי אַלעס וואָס ער וויל, און אַז ער וועט זיך מיט איהם אַריינטראַכטן אין דער גרויסקייט פון אין סוף ברוך הוא, וועט ער ממילא שאַפן אין זיין מוח על כל פנים די ליבשאַפט צו ג־ט, זיך צו באַהעפטן אין איהם דורך מקיים זיין זיינע מצוות און זיין תורה, און אָט דאָס איז דער גאַנצער מענטש, וואָרום עס שטייט (ה) „היום לעשותם", וואָס היינט, דאָס איז דער עולם המעשה דוקא(ו) און ערשט מאָרגן (ז) כו' אַזוי ווי עס ווערט ערקלערט אויף אַן אַנדער אָרט. און דער מוח אין זיין נאַטור און זיין געבורט געוועלטיגט ער אויף דעם לינקן טייל פון האַרץ און אויף זיין מויל און אויף אַלע אברים וואָס זיי זיינען די כלים פאַר מעשה, סיידן דער וואָס איז אַן אמת'ער רשע, אַזוי ווי די רז"ל זאָגן (ג) אַז די רשעים זיי זיינען אין רשות פון זייער האַרץ און זייער האַרץ איז גאַרניט ביי זיי אין רשות. און דאָס איז אַ שטראָף פאַר די גרויסקייט און שטאַרקייט פון זייערע זינד, און די תורה רעדט ניט וועגן אָט די טויטע וועלכע ווערן נאָך לעבעדיגערהייט אָנגערופן טויטע (ח), וואָרום אין דער אמת'ן איז ניט מעגליך פאַר רשעים אָנהויבן דינען ג־ט, סיידן זיי וועלן פריער תשובה טאָן אויף דער פאַרגאַנגענהייט, צו צוברעכן די קליפות וועלכע זיינען אַ פאַרהאַנג וואָס טיילט אָפּ, און אַן אייזערנע מחיצה וועלכע שיידט אָפּ צווישן זיי און זייער פאָטער וואָס אין הימל,

---

ה) דברים ז׳, י"א: היינט (אויף דער וועלט) דאַרף מען זיי טאָן.
ו) עירובין כ"ב, ע"א.
ז) און לעתיד לבוא וועט מען באַקומען דעם שכר.
ח) ברכות י"ח, ע"ב.

דורך די צובראָכענקייט פון זיין האַרץ און דורך דעם וואָס זיין נפש איז פאַרביטערט אויף זיינע זינד, אַזוי ווי ס'איז פאַראַן אין זוהר אויפ'ן פסוק (ט) „זבחי אלקים רוח נשברה לב נשבר וגו'", אַז דורך אַ צובראָכן האַרץ ווערט צובראָכן דער רוח פון דער טומאה פון דער סטרא אחרא [זע דאָרט, פרשת פנחס, דף ר"מ און פרשת ויקרא דף ח' און דף ה' ע"א, און אין פירוש פון דעם רמ"ז אויפן אָרט]. און דאָס איז די בחינה פון תשובה תתאה (י), צו מעלה זיין דעם ה"א תתאה (יא), איהר אויפצוהויבן פון איהר פאַל וואָס זי איז אַריינגעפאַלן צו די חיצונים, וואָס דאָס איז דער סוד פון גלות השכינה לויט ווי די חכמים זאָגן (יב), אַז ווען זיי זיינען פאַרטריבן געוואָרן קיין אדום, איז די שכינה מיט זיי, דאָס הייסט ווען אַ מענטש טוט די מעשים פון אדום, מאַכט ער אַראָפּנידערן און ציהט אַריין אַהין די בחינה און דעם ניצוץ פון ג-טליכקייט וואָס באַלעבט זיין נפש, רוח און נשמה וועלכע זיינען אָנגעטאָן אין איהם, אין דעם נפש הבהמית, פון דער קליפה, וואָס איז אין זיין האַרץ וואָס אין דעם לינקן טייל וועלכע קיניגט אויף איהם ווי לאַנג ער איז אַ רשע און זי געוועלטיגט אין זיין „קליינער שטאָט", און דער נפש, רוח און נשמה זיינען איינגענומען ביי איהר אין גלות, און ווען זיין האַרץ ווערט צובראָכן אין איהם און

ט) תהלים נ"א, י"ח: קרבנות פאַר ג-ט זיינען אַ צובראָכענע גייסט, אַ צובראָכן האַרץ.

י) די נידעריגע מדרגה פון תשובה.

יא) די לעצטע ה' פון שם הוי'.

יב) זע מגילה כ"ט. אַז ווען אידן זיינען פאַרטריבן געוואָרן אין גלות איז די שכינה מיט זיי מיטגעגאַנגען.

ס׳ווערט צובראָכן דער רוח פון טומאה און סטרא אחרא, און זיי צופאַלן זיך כו׳, יעמאָלט שטייט זי אויף פון איהר פאַלן און בלייבט שטיין אַזוי ווי ס׳איז ערקלערט געוואָרן אויף אַן אַנדער אָרט.

פרק יח און נאָך געגויער און בעסער צו ערקלערן דאָס וואָרט „מאד״ (א) וואָס אין דעם פסוק „כי קרוב אליך הדבר מאד״ (ב) וגו׳, דאַרף מען וויסן ריכטיג אַז אפילו דער וואָס זיין דעת איז קורץ אין דערקענען ג־ט־ליכקייט, און ער האָט ניט קיין האַרץ צו פאַרשטיין די גרויסקייט פון אין סוף ברוך הוא אויף דערפון צו שאַפן יראה און אהבה אפילו נאָר אין זיין מוח און זיין פאַרשטאַנד אַליין — איז פונדעסטוועגן איז עס פאַר איהם זייער אַ נאָענטע זאַך אָפּצוהיטן און צו טאָן אַלע מצוות פון דער תורה, און לערנען תורה וואָס באַטרעפט קעגן זיי אַלע, מיט זיין מויל און אין זיין האַרץ ממש, פון די טיפקייט פון זיין האַרץ, מיט אַ ריכטיקן אמת, מיט יראה און אהבה, וואָס דאָס איז די באַהאַלטענע ליבשאַפט וואָס איז פאַראַן אין האַרצן פון אַלע אידן, וואָס זי איז ביי אונז אַ ירושה פון אונזערע עלטערן, נאָר מען דאַרף ערקלערן און מקדים זיין פריער אַ געגויע ערקלערונג וועגן דעם שורש פון אָט דער אהבה און איהר ענין און ווי אַזוי איז זי ביי אונז אַ ירושה, און ווי אַזוי איז אַריינגענומען אין איהר אויך יראה (ג). און

א) זייער.
ב) דברים ל׳, י״ד: וואָרום די זאַך איז זייער נאָענט צו דיר.
ג) דחילו.

דער ענין איז, אַז די אבות, זיי זיינען די „מרכבה" (ד) און דעריבער האָבן זיי זוכה געווען אַראָפּציען אַ נפש, רוח און נשמה צו זייערע קינדער וואָס קומען נאָך זיי ביז אייביג, פון די צעהן ספירות פון קדושה וואָס אין די פיר עולמות: אצילות, בריאה, יצירה און עשיה, צו איטליכן לויט זיין מדרגה און לויט זיינע מעשים, און על כל פנים אפילו צו אַ קל שבקלים און פושעי ישראל ווערט אַראָפּגעצויגן ביי זייער זיווג, נפש פון נפש פון מלכות דעשיה, וואָס זי איז די נידעריגסטע מדרגה וואָס אין קדושה פון עשיה און פונדעסטוועגן, וויבאַלד זי איז פון די צעהן הייליגע ספירות, איז זי כלול פון זיי אַלע־מען, אויך פון חכמה פון עשיה, וואָס אין איהר איז אָנגעטאָן חכמה פון מלכות פון אצילות וואָס אין איהר איז חכמה פון אצילות, וואָס אין איהר לייכט דער אור פון אין סוף ברוך הוא ממש, אַזוי ווי עס שטייט (ה) „ה' בחכמה יסד ארץ", און (ו) „כולם בחכמה עשית". — קומט אויס, אַז אין סוף ברוך הוא איז אָנגעטאָן אין דער בחינה פון חכמה וואָס אין דעם מענטשנ'ס נפש, זאָל עס זיין וועלכער איד עס איז, און די בחינה פון חכמה וואָס איז אין איהר מיט דעם אור פון אין סוף ברוך הוא וואָס איז אָנגעטאָן אין איהר פאַרשפּרייט זיך אין אַלע בחינות פון דעם גאַנצן נפש, איהר צו באַלעבן, פון דער בחינה פון איהר „קאָפּ" ביז צו דער בחינה פון איהר

ד) אַזוי ווי אַ וואָגן וואָס האָט קיין אַנדער ווילן ניט, נאָר דעם ווילן פון דעם וואָס פאָהרט אין איהם.

ה) משלי ג', י"ט: ג־ט האָט מיט חכמה געגרינדעט די וועלט.

ו) תהלים ק"ד, כ"ד: דו האסט זיי אלעמען געמאכט מיט חכמה.

„פוס”, אַזוי ווי ס׳שטייט (ז) „החכמה תחי׳ בעלי׳ ” [און אַמאָל ציען אַראָפּ פושעי ישראל, זייער הויכע נשמות וועלכע זיינען געווען אין די טיפענישן פון די קליפות, אַזוי ווי עס ווערט ערקלערט אין דעם ספר גלגולים]. הנה, חכמה, איז דער מקור פון דעם שכל און דעם פאַרשטאַנד און זי איז העכער פון דער בינה, וואָס דאָס איז דער פאַרשטאַנד פון דעם שכל און זיין באַגרייפונג, און די חכמה איז העכער פון פאַרשטאַנד און השגה און זי איז אַ מקור צו זיי, און דאָס איז דער לשון פון (ח) „חכמה” — כ״ח מ״ה — וואָס דאָס איז אַזוינס וואָס איז ניט באַגריפן און ניט פאַרשטענדליך און עס ווערט נאָך ניט גענומען מיט השגה, און דעריבער טוט זיך אין איהר אָן דער אור פון אין סוף ברוך הוא וואָס קיין מחשבה קען איהם גאָרניט באַגרייפן, און דערפאַר איז אַלע אידן, אפילו די פרויען און עמי־הארצים גלויבן זיי אין ג־ט, וואָס די גלויבונג איז העכער פון דאָס וויסן און די באַגרייפונג, ווארום (ט) „פתי יאמין לכל דבר וערום יבין” וגו׳ און אַנטקעגן דעם אויבערשטן וואָס ער איז העכער פון שכל און דאָס וויסן, און קיין מחשבה קען איהם גאָרניט באַנעמען — אַנטקעגן איהם יתברך זיינען דאָך אַלע ווי נאַ־ראָנים, אַזוי ווי ס׳שטייט (י) „ואני בער ולא אדע בהמות הייתי עמך ואני תמיד עמך וגו׳”. דאָס הייסט אַז

ז) קהלת ז׳, י״ב: די חכמה באַלעבט איהר אייגענטימער.

ח) פון דעם ווארט „חכמה”, וואס איז די זעלבע אותיות ווי כ״ח מ״ה (כח פון ביטול).

ט) משלי י״ד, ט״ו: אַ נאַר גלויבט יעדע זאַך און דער קלוגער פארשטייט.

י) תהלים ע״ג, כ״ב: און איך בין אַן אומוויסענדער און ווייס ניט, אַ בהמה בין איך קעגען דיר — און איך בין אייביג מיט דיר.

מיט דעם וואָס איך בין אַ „אומוויסענדער" און אַ „בהמה" בין איך „אייביג מיט דיר". און דערפאַר איז אפילו אַ קל שבקלים און פושעי ישראל זיינען זיי זיך מוסר נפש אויף קידוש השם מעהרסטענס, אוןליידן שווערע פייניגונגען, אַבי ניט צו לייקענען אין ה' אחד, און אפילו אַז זיי זיינען בורים און עם־הארצים און ווייסן ניט די גרויסקייט פון ג־ט, און אויך אין דעם ביסל וואָס זיי ווייסן, טראַכטן זיי גאָרניט אַריין, און זיי זיינען זיך אינגאַנצן ניט מוסר נפש צוליב ויסן און אַריינטראַכטן זיך אין ג־ט, נאָר אהן קיין ויסן און אַריינטראַכטן זיך, נאָר גלייך ווי דאָס וואָלט געווען אַ זאַך וואָס קען גאָרניט זיין אַז מ'זאָל לייקענען אין הוי' אחד, אָהן גאָר קיין שום טעם און טענות ומענות, און דאָס איז ווייל ה' אחד, באַלייכט און באַלעבט דעם גאַנצן נפש דורך זיין אָנטאָן זיך אין דער בחינה פון חכמה וואָס איז פאַראַן אין איהר, וואָס זי איז העכער פון דאָס ויסן און שכל וואָס ווערט באַגריפן און פאַרשטאַנען.

פרק יט און צו ערקלערן נאָך ווייטער דאַרף מען גוט קלאָר מאַכן דאָס וואָס שטייט (א) „נר ה' נשמת אדם", דאָס מיינט אַז אידן, וועלכע ווערן אָנגערופן „אדם" (ב), איז

א) משלי כ', כ"ז: אַ ליכט פון ג־ט איז די נשמה פון דעם מענטשן.
ב) זע יבמות ס"א אָנהויב ע"א.

זייער נשמה למשל ווי אַ פלאַם פון אַ ליכט וואָס זיין נאַטור איז אַז ער באַוועגט זיך אַלעמאָל אַרויף־צו, ווארום דער פלאַם פון דעם פייער וויל, לויט דער נאַטור, זיך אָפּשיידן פון דעם קנויט און זיך באַהעפטן אין זיין שורש אויבן, אין דעם אַלגעמיינעם יסוד פון פייער וואָס איז אונטער דעם גלגל הירח, אַזוי ווי עס ווערט ערקלערט אין עץ חיים, און כאָטש דורך דעם וועט ער זיך פאַרלעשן און גאָרניט לייכטן דאָ־אונטן, און אויך אויבן, אין זיין שורש, וועט זיין ליכט בטל ווערן במציאות אין זיין שורש, פונדעסטוועגן, אַזוי וויל ער לויט זיין נאַטור. אַזוי איז אויך די נשמה פון דעם מענטשן און אַזוי אויך די בחינה פון רוח און נפש, וויל זי און גלוסטיגט לויט איהר נאַטור זיך אָפּשיידן און אַרויסגיין פון דעם גוף און זיך באַהעפטן אין איהר שורש און איהר מקור — אין ג־ט וואָס ער איז דער לעבן פון אַלע לעבנס, ברוך הוא, כאָטש זי וועט דאָך ווערן צו גאָרניט און ניט־פאַראַן און וועט דאָרט אינגאַנצן ווערן בטל במציאות, און ס׳וועט פון איהר גאָרניט בלייבן פון איהר פריערדיקן מהות און עצמות, — איז פונדעסטוועגן איז אָט־דאָס איהר רצון און דאָס איז איר ווילן לויט איהר נאַטור, און „טבע״ דאָס איז אַ געבאָרג־טער נאָמען פאַר יעדער זאַך וואָס איז ניט אין דער בחינה פון „לאָגיק און פאַרשטאַנד״ (ג), און אויך דאָ מיינט מען אַז דער רצון און דער ווילן אין נפש איז ניט אין אַ בחינה פון טעם און דעת און שכל וואָס איז באַגריפן און

ג) טעם ודעת.

פאַרשטאַנען, נאָר העכער פון דעת און שכל וואָס ווערט באַגריפן און פאַרשטאַנען, און דאָס איז די בחינה פון חכמה וואָס אין דעם נפש וואָס אין איהר איז דער אור פון אין סוף ברוך הוא. און דאָס איז אַ כלל אין דער גאַנצער זייט פון קדושה, אַז דאָס איז נאָר דאָס וואָס נעמט זיך פון חכמה וועלכע ווערט אָנגערופן „קודש העליון" (ד), וואָס איז בטל במציאות אין אור אין סוף ברוך הוא וועלכער איז אָנ־געטאָן אין איהם, און ס'איז ניט קיין באַזונדערע זאַך פאַר זיך, אַזוי ווי ס'ווערט אויבן ערקלערט (ה). און דעריבער ווערט עס אויך אָנגערופן „כ"ח מ"ה", און דאָס איז ממש דער היפך פון דער בחינה פון קליפה און סטרא אחרא, וואָס פון איהר נעמען זיך די נפשות פון די גויים וואָס זיי טוען צוליב זיך אַליין, און זיי זאָגן: „גיב, גיב" און „שטאָפּ מיך אָן", כדי צו זיין אַ „יש" און אַ זאַך פאַר זיך, ווי אויבן דער־מאָנט, היפך פון דער בחינה פון חכמה, און דעריבער ווערן זיי אָנגערופן טויטע, וואָרום חכמה באַלעבט, און ס'שטייט (ו) „ימותו ולא בחכמה". און אַזוי די רשעים און פושעי ישראל איידער זיי זיינען געקומען אין אַ נסיון פון קידוש השם, וואָרום די בחינה פון חכמה וואָס איז אין דעם ג־טליכן נפש, מיט דעם פונק פון ג־טליכקייט פון דעם אור פון אין סוף ברוך הוא וואָס איז אָנגעטאָן אין איהר — זיינען זיי אין אַ בחינה פון גלות אין זייער גוף, אין דעם נפש הבהמית, פון דעם זייט פון קליפה וואָס

ד) די הייליגקייט פון למעלה.

ה) פרק ו' ע' [20] כ'.

ו) איוב: ד', כ"א: זיי שטארבן — ניט האבנדיג קיין חכמה.

אין לינקן טייל וואָס אין האַרצן, וועלכע קיניגט און גע־וועלטיגט אין זייער גוף, לויט דעם סוד פון גלות השכינה, ווי אויבן דערמאָנט (ז). און דעריבער איז אָט־די ליבשאַפט אין דעם ג־טליכן נפש וואָס איהר ווילן און שטרעבן איז זיך צו באַהעפטן אין ג־ט, דער לעבן פון אַלע לעבנס, ברוך הוא, — ווערט זי אָנגערופן מיט'ן נאָמען „אהבה מסותרת" (ח) וואָרום זי איז באַהאַלטן און צוגעדעקט מיט אַ זאַק־קלייד פון דער קליפה ביי די פושעי ישראל, און פון איהר גייט אין זיי אַריין דער רוח פון נאַרישקייט, צו זינדיגן, אַזוי ווי די חכמים האָבן געזאָגט, אַז אַ מענטש זינדיגט ניט כו'(ט), נאָר אָט־דער גלות פאַר דער בחינה פון חכמה איז נאָר פאַר דער בחינה וואָס פאַרשפּרייט זיך פון איהר אין דעם גאַנצן נפש צו באַלעבן איהר, אָבער דער שורש און דער עיקר פון דער בחינה פון חכמה וואָס אין דעם ג־טליכן נפש איז ער אין די מוחין און דאָס טוט זיך ניט אָן אין דעם זאַק־קלייד פון דער קליפה וואָס איז אין לינקן טייל פון האַרץ, אין דער בחינה פון גלות ממש, נאָר זי איז אין אַ בחינה פון שלאָף ביי די רשעים, און זי ווירקט ניט איהר ווירקונג אין זיי, אַזוי לאַנג ווי זיי פאַר־נעמען זיך מיט זייער וויסן און זייער פאַרשטאַנד אין די תאוות פון דער וועלט. אָבער ווען זיי קומען צו אַ נסיון אין אַ זאַך פון אמונה, וואָס שטייט העכער פון פאַרשטאַנד און רירט אָן ביז'ן נפש, צו דער בחינה פון חכמה וואָס איז אין איהר — יעמאָלט וועקט זי זיך אויף פון איהר שלאָף און ווירקט איהר וויר־

ז) ענדע פרק י"ז, ע' 90 [כג].

ח) באהאלטענע ליבשאפט.

ט) סיידן ס'איז אין איהם אַריין אַ רוח פון נאַרישקייט (סוטה ג' ע"א).

קונג מיט דעם ג־טליכן כח וואָס איז אָנגעטאָן אין איהר. און אַזוי ווי ס'שטייט (י) „ויקץ כישן ה'", בייצושטיין דעם נסיון אין דער אמונה אין ג־ט אָהן שום טעם און דעת און שכל וואָס איז באַגריפן צו איהם, צו שטאַרקן זיך אויף די קליפות פון די תאוות פון דער וועלט, די ערלויבטע און די פאַרבאָטענע, וואָס ער איז איינגעוואוינט געוואָרן אין זיי, און צו פאַרמיאוס'ן זיי און אויסצוקלייבן זיך ג־ט אַלס זיין חלק און זיין גורל, איבערצוגעבן צו איהם זיין נפש אויף הייליגן זיין נאָמען און כאָטש די קליפות האָבן זיך געשטאַרקט אויף איהם אַלע זיינע יאָהרן און ער האָט זיי ניט געקענט ביי־קומען אַזוי ווי די רז"ל זאָגען (יא) אַז די רשעים זיינען אין רשות פון זייער האַרץ, פונדעסטוועגן, ווען ער קומט צו אַ נסיון אין אַ זאַך פון אמונה אין ג־ט וואָס ער איז איינער, וואָס איהר יסוד איז אין די גאָר הויכע הייליגקייטן, דאָס איז די בחינה פון חכמה וואָס אין דעם נפש האלקית וואָס אין איהר איז אָנגעטאָן דאָס ליכט פון אין סוף ברוך הוא, — ווערן דאָך אַלע קליפות בטל ומבוטל, און גלייך ווי זיי וואָלטן קיינמאָל ניט געוועזן ממש, פאַר דעם אויבערשטן, אַזוי ווי ס'שטייט (יב) „כל הגוים כאין נגדו וגו'", און ס'שטייט (יג) „כי הנה אויביך

י) תהלים ע"ח, ס"ה: ג־ט האָט זיך אויפגעוועקט ווי אַ שלאָפענדיגער.
יא) בראשית רבה ל"ד, י"א.
יב) ישעי' מ', י"ז: אַלע פעלקער זיינען ווי גאָרניט אנטקעגען איהם.
יג) תהלים צ"ב, י': ווייל אָט זיינען דיינע פיינט, ג־ט ווייל אָט וועלן דיינע פיינט פאַרלאָרן ווערן, עס וועלן זיך צופאַלן וגו'.

ה׳ כי הנה אויביך יאבדו יתפרדו וגו׳״ און ס׳שטייט (יד) „כהמס דונג מפני אש יאבדו וגו׳״, און ס׳שטייט (טו) „הרים כדונג נמסו״. והנה, דאָס ג־טליכע ליכט, פון אין סוף ברוך הוא וואָס איז אָנגעטאָן אין חכמה וואָס איז אין נפש, איז גענוג גרויס און שטאַרק זיין כח, צו פאַרטרייבן און אָוועקצושטויסן די סטרא אחרא און די קליפות אַז זיי זאָלן ניט קענען אָנרירן אפילו אין זיינע לבושים וואָס זיי זיינען מחשבה, דיבור און מעשה פון דער אמונה אין ג־ט וואָס ער איז איינער, וואָס דאָס מיינט בייצושטיין אַ נסיון זיך מוסר נפש זיין, אפילו ניט צו טאָן מעהר ניט ווי וועלכע ס׳איז מעשה אליין וואָס איז קעגן דער אמונה אין ג־ט וואָס ער איז איינער, ווי, למשל, זיך צו בוקן צו אַן עבודה זרה כאָטש אפילו ער גלויבט גאָרניט אין איהר אין זיין האַרצן, און דאָס זעלבע ניט צו ריידן קיין פאַלשע רייד חס ושלום וועגן דער איינציגקייט פון ג־ט כאָטש אפילו זיין מויל און זיין האַרץ גלייכן זיך ניט אויס, נאָר זיין האַרץ איז גאַנץ אין דער אמונה אין ג־ט און דאָס ווערט אָנגערופן „דחילו״ (טז), וואָס איז אַריינגענומען אין „רחימו״(יז), וואָס דאָס איז די נאַטירליכע ליבשאַפט וואָס אין דעם נפש האלקית וואָס איז ביי אַלע אידן, וואָס איהר באַגעהר און איהר ווילן לויט איר נאַטור איז זיך צו באַהעפטן אין איהר שורש און איהר מקור, דער אור פון אין סוף ברוך הוא,

---

יד) תהלים ס״ח, ג׳: אַזוי ווי עס ווערט צוגאַנגען וואַקס פאַר דעם פייער, וועלן זיי פארלארן ווערן.

טו) תהלים צ״ז, ה׳: בערג זיינען צוגאנגען געוואָרן ווי וואַקס.

טז) יראה.

יז) אהבה

וואָס צוליב אַט דער ליבשאַפט און אַט דעם ווילן האָט זי מורא און שרעקט זיך לויט איהר נאַטור, פון אָנרירן אפילו אַ ברעג פון דער טומאה פון עבודה זרה חס ושלום, וואָס דאָס איז קעגן דער אמונה אין ג־ט וואָס ער איז איינער, אפילו מיט איהרע דרויסענדיגע לבושים וואָס זיי זיינען דיבור און מעשה, אָהן קיין שום גלויבן אין האַרצן.

פרק כ והנה אַט דאָס איז פאַר אַלעמען באַוואוסט, אַז די מצוה און די וואָרנונג וועגן עבודה זרה, וואָס דאָס זיינען די ערשטע צוויי דברות „אנכי״ (א) און „לא יהי׳ לך״ (ב), זיינען זיי דער כלל פון דער גאַנצער תורה, ווארום דער דיבור פון „אנכי״ נעמט אַריין אַלע רמ״ח מצוות עשה, און דער דיבור פון „לא יהי׳ לך״ נעמט אַריין אַלע שס״ה מצוות לא תעשה, וואָס דערפאַר האָבן מיר געהערט בלויז „אנכי״ און „לא יהי׳ לך״ מפי הגבורה (ג), ווי די רז״ל זאָגן, ווייל זיי זיינען דער כלל פון דער גאַנצער תורה. און כדי גוט געבן צו פאַר־שטיין דעם ענין דאַרף מען פריער אין קורצן דערמאָנען דעם ענין און דעם מהות פון די איינציגקייט פון הקדוש ברוך הוא וואָס ווערט אָנגערופן אַן איינציגער און אַ פאַראיינציג־טער (ד), און אַלע גלויבן אַז ער איז איינער אַליין, אַזוי ווי ער איז געווען איידער די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן ממש, וואָס יעמאָלט איז ער געווען איינער אַליין, און אַזוי

א) שמות כ׳, ב׳: איך בין ג־ט.
ב) דו זאָלסט ניט האָבן קיין אַנדערע געטער.
ג) פון דעם אויבערשטן (מכות כ״ד אָנהויב ע״א).
ד) יחיד ומיוחד.

ווי מ׳זאָגט „אתה הוא עד שלא נברא העולם, אתה הוא משנברא העולם״ (ה), כו׳, וואָס דאָס מיינט דער זעלביגער ממש אָהן קיין שום ענדערונג, אַזוי ווי ס׳שטייט (ו) „אני ה׳ לא שניתי״, ווייל אַט די וועלט און אַזוי אַלע העכערע וועלטן ווירקן ניט קיין שום ענדערונג אין זיין איינציגקייט יתברך, מיט זייער באַשאַפן ווערן פון „אין״ (ז) צו „יש״ (ח), ווייל אַזוי ווי ער איז געווען ער, איינער אַליין, אַן איינציגער און אַ געאיינציגטער, איידער זיי זיינען באַשאַפן געוואָרן, אַט אַזוי איז ער איינער אַליין, אַן איינציגער און אַ געאיינציגטער נאָך דעם וואָס ער האָט זיי באַשאַפן, וואָרום אַלץ אַנטקעגען אים באַטרעפט ווי גאָרניט, און ווי ני־פאַראַן און ווי גאָרניט ממש, וואָרום דאָס באַשאַפונג פון גאָרניט צו אַ זאַך, און זייער לעבן און זייער קיום וואָס האַלט זיי אויף אַז זיי זאָלן ניט ווערן צוריק גאָרניט מיט ניט, אַזוי ווי ס׳איז פריער געווען, איז דאָס מעהר ניט ווי דער וואָרט פון ג־ט און דער רוח פון זיין מויל יתברך, וואָס איז אַנגעטאָן אין זיי. און, למשל, אַזוי ווי אין דעם נפש פון דעם מענטשן, ווען ער רעדט אַרויס איין וואָרט, איז דאָך די רייד אַליין ווי גאָרניט ממש אפילו לגבי זיין אַלגעמיינעם ריידענדיקן נפש, וואָס דאָס איז

ה) דו ביסט געווען איידער די וועלט איז באשאפן געווארן, או דו ביסט עס (דער זעלביגער) נאָך דעם ווי די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן (תפלת שחרית).

ו) מלאכי ג׳, ו׳: איך, ג־ט, איך האָב זיך ניט געענדרט.

ז) ניט־זיין.

ח) זיין.

די בחינה פון איהר מיטעלסטן לבוש, וואָס דאָס איז איהר כח פון ריידן, וואָס ער קאָן ריידן רייד אהן אַ ברעג און אהן אַ תכלית און כל שכן לגבי דער בחינה פון איהר אינ־וויינינגסטן לבוש וואָס דאָס איז די מחשבה וואָס פון איהר נעמען זיך די רייד און זי איז זייער חיות, ניט ריידענדיג שוין לגבי דעם מהות און עצמות פון דעם נפש וואָס דאָס זיינען איהרע צעהן אויבן דערמאָנטע (ט) בחינות, חכמה, בינה דעת כו׳, וואָס פון זיי נעמען זיך די אותיות פון דער מחשבה וועלכע זיינען אָנגעטאָן אין אָט־די רייד בעת ער רעדט, וואָרום מחשבה איז אויך אַ בחינה פון אותיות אַזוי ווי דיבור, מעהר ניט וואָס זיי זיינען רוחניות׳דיקער און איידעלער, אָבער די צעהן בחינות חב״ד כו׳, זיינען דער שורש און דער מקור פון מחשבה, און אין זיי איז נאָך ניט פאַראַן די בחינה פון אותיות, איידער זיי טוען זיך אָן אין דעם לבוש פון מחשבה. למשל, ווען ס׳פאַלט אַריין וועלכע־ס׳איז ליבשאַפט אָדער גלוסטיגקייט אין דעם האַרץ פון דעם מענטשן, איידער עס גייט אַרויף פון האַרצן אין מוח אַריין, צו טראַכטן און צו קלערן דעריין, איז אין איהר נאָך ניט פאַראַן די בחינה פון אותיות, נאָר אַ פשוט׳ער ווילן און אַ באַגעהר אין האַרצן צו אָט יענער זאַך וואָס איהם גלוסט זיך און כל שכן איידער ס׳איז אַריינגעפאַלן אין זיין האַרץ אָט די תאוה און די גלוסטיגקייט צו יענער זאַך, און ס׳איז מעהר ניט געווען ווי אין דעם כח פון זיין חכמה און זיין שכל און זיין וויסן, וואָס ביי איהם איז באַקאַנט געווען יענע זאַך,

---

ט) פרק ג׳ ע׳ 26 [ז].

אַז דאָס איז גלוסטיג און געשמאַק, און עס איז גוט און פיין דאָס צו דערגרייכן און זיך באַהעפטן מיט דעם, אַט ווי, למשל, צו לערנען וועלכע־עס־איז חכמה, אָדער עסן וועלכע־עס־איז געשמאַקן מאכל, נאָר נאָכדעם ווי ס׳איז שוין אַריינגעפאַלן אין זיין האַרץ די גלוסטיגקייט און די תאוה אין דעם כח פון זיין חכמה און זיין שכל און זיין וויסן, און דערנאָך איז ער צוריק אַרויף פון האַרצן אין מוח אַריין, צו טראַכטן און צו קלערן אין דעם ווי אַזוי אַרויסצובּרענגען זיין באַגעהר פון כח אין פועל (ח) צו דערגרייכן דעם מאכל אָדער לערנען די חכמה אין דער ווירק־ליכקייט, ווערט ביי דעם געבוירן די בחינה פון אותיות אין זיין מוח, וואָס דאָס זיינען די בוכשטאַבן לויט דער שפּראַך פון איטליכן פאָלק, וואָס זיי רעדן און טראַכטן מיט זיי, אַלע ענינים פון דער וועלט.

פרק כא והנה, די מדה פון דעם אויבערשטן איז ניט ווי די מדה פון אַ מענטש פון פלייש און בלוט. ווארום אַ מענטש ווען ער רעדט אַ רייד, איז דאָך די פאַרע פון דעם ריידן וואָס אין זיין מויל פיהלט זיך און זעט זיך אָן ווי אַ זאַך פאַר זיך וואָס איז אָפּגעשיידט פון איהר שורש, וואָס דאָס זיינען די צעהן בחינות פון נפש אַליין, אָבער דער אויבערשטער איז זיין רייד ניט אָפּגעשיידט פון איהם יתברך חס ושלום, ווארום ניטאָ קיין זאַך אויסער איהם און ניטאָ קיין אָרט וואָס איז ליידיג פון איהם און דעריבער איז זיין

ח) איהם צו פאַרווירקליכן.

דיבור יתברך ניט ווי אונזער דיבור חס ושלום, [אַזוי ווי זיין מחשבה איז ניט ווי אונזער מחשבה, אַזוי ווי ס'שטייט (א) „כי לא מחשבותי מחשבותיכם", און ס'שטייט (ב) „כן גבהו דרכי מדרכיכם וגו'"]. און זיינע רייד יתברך ווערן ניט גערופן מיט דעם נאָמען דיבור, מעהר ניט אַלס אַ משל אַזוי ווי די רייד וואָס דאָ־אונטן, וואָס ביי דעם מענטשן אַנטפלעקט זיך פאַר די צוהערער דאָס וואָס איז געווען באַהאַלטן און פאַרבאָרגן אין זיין מחשבה, אַזוי איז אויך למעלה ביי אין סוף ברוך הוא דער ארויסגאַנג פון די ליכ־טיגקייט און די חיות פון איהם יתברך פון דער פאַרבאָרגענקייט אין דעם אַנטפלעקונג, צו באַשאַפן וועלטן און זיי באַלעבען, — ווערט דאָס אָנגערופן מיט'ן נאָמען „דיבור", און דאָס זיינען זיי, די עשרה מאמרות וואָס מיט זיי איז באַשאַפן געוואָרן די וועלט, און אַזוי אויך די איבעריגע גאַנצע תורה, נביאים און כתובים וואָס די נביאים האָבן משיג געווען אין דעם זעהן פון זייער נבואה. און זיינע רייד און זיין מחשבה כביכול זיינען דאָך פאַראייניגט מיט איהם מיט אַ דורכאויסדיגער פאַר־איינציגונג, אַזוי ווי למשל די רייד און די מחשבה פון אַ מענטשן בשעת זיי זיינען נאָך אין כח פון זיין חכמה און זיין שכל אָדער אין דעם באגעהר און די גלוסטיגקייט וואָס אין זיין האַרץ איידער ס'איז אַרויף פון האַרצן צום מוח, אַריינצוקלערן אין דעם אין אַ בחינה פון אותיות, וואָס דאַן

א) ישעי' נ"ה, ח': ווארום מיינע מחשבות זיינען ניט אייערע מחשבות.

ב) ישעי' נ"ה, ט': אָט אַזוי זיינען העכער מיינע וועגן פון אייערע וועגן, און מיינע מחשבות — פון אייערע מחשבות.

זיינען די אותיות פון דער מחשבה און די רייד וועלכע נעמען זיך פון די גלוסטיגקייט און דעם באַגעהר — נאָך געווען אין כח אין האַרצן און פאַראייניגט דאָרט מיט אַ דורכאויס־דיגער פאַראייניגונג מיט זייער שורש וואָס דאָס זיינען די חכמה און דער שכל וואָס אין מוח און די גלוסטיגקייט און דער באַגעהר וואָס אין האַרצן. און ממש אַזוי, דרך משל, זיינען פאַראייניגט די רייד און די מחשבה פון דעם אויבערשטן מיט אַ פולקאָמער פאַראייניגונג אין זיין מהות און זיין עצמות יתברך, אויך נאָכדעם וואָס זיין רייד יתברך איז שוין אַרויס אין פועל אין דער באשאפונג פון די וועלטן, אַזוי ווי עס איז געווען פאַראייניגט מיט איהם אידער די וועלטן זיינען באַשאַפן געוואָרן. און פאַר איהם יתברך איז גאָר קיין שום ענדערונג ניטאָ, נאָר פאַר די וואָס זיינען באַשאַפן געוואָרן, וועלכע באַקומען זייער חיות פון דער בחינה פון זיין דיבור יתברך אין דער בחינה וואָס ער איז שוין אַרויס אין פועל אין דער באַשאַפונג פון די וועלטן, וואָס ער טוט זיך אָן אין זיי צו באַלעבן זיי דורך די אַראָפּ־נידערונג פון עילה צו עלול (ג) און די אַראָפּנידע־רונג פון די מדריגות מיט אַ פולע און פאַרשיידענע צמ־צומים, ביז וואַנען אַז די וואָס זיינען באַשאַפן געוואָרן זאָלן קענען מקבל זיין זייער חיות און זייער ווערן פון איהם און זיי זאָלן ניט בטל ווערן במציאות, און די אַלע צמצומים זיינען אַ בחינה פון אַ „באַהאַלטונג פון דעם פנים״ (ד), צו באַהאַלטן און פאַרדעקן די ליכטיגקייט און

ג) עילה (שעפער) עלול (געשאַפענער).
ד) הסתר פנים.

דעם חיות וואָס נעמט זיך פון זיין דיבור יתברך, אַז ער זאָל זיך ניט אַנטפּלעקן אין אַ בחינה פון אַ גרויסער אַנטפּלעקונג, וועלכע די אונטערשטע וואָלטן ניט קענען פאַרנעמען, און דער־ריבער דוכט זיך זיי אויך אויס אַז די ליכטיגקייט פון די חיות פון דעם אויבערשטן ברוך הוא וואָס איז אין זיי אַנגעטאָן, גלייך ווי דאָס איז אַ זאַך וואָס איז אָפּגעשיידט פון זיין מהות און עצמות יתברך, מעהר ניט וואָס דאָס נעמט זיך פון איהם יתברך אַזוי ווי די רייד פון אַ מענטשן — פון זיין נפש. אָבער לגבי דעם אויבערשטן איז קיין צמצום אָדער באַהאַלטנקייט, אָדער פאַרבאָרגנקייט, קען באַהאַלטן און פאַרבאָרגן פאַר איהם, און פינסטערניש איז אַזוי ווי ליכטיגקייט, אַזוי ווי ס׳שטייט (ה) „גם חשך לא יחשיך ממך" וגו׳, וואָרום די אַלע צמצומים און לבושים זיינען ניט קיין זאַך וואָס איז אָפּגעשיידט פון איהם יתברך חס ושלום נאָר אָט אַזוי ווי די „קמצא" (ו) וואָס זיין קלייד איז פון איהם און אין איהם, אַזוי ווי ס׳שטייט (ז) „כי ה׳ הוא האלקים" אזוי ווי ס׳ווערט ערקלערט אין אַן אַנדער אָרט. און דעריבער איז פאַר איהם אַלץ גלייך ווי גאָרניט ממש.

פרק כב נאָר, אַז די תורה האָט גערעדט ווי די שפּראַך פון מענטשן, און אין דער תורה ווערט אָנגערופן דעם אויבערשטנ׳ס ברוך הוא רייד מיט׳ן נאָמען „דיבור" ממש,

ה) תהלים קל״ט, י״ב: אויך פינסטערניש קען ניט מאכן פינסטער פאר דיר.

ו) טשאָרעפּאַכע.

ז) דברים ד, ל״ט: אַז הוי׳ איז אלקים.

אַזוי ווי די רייד פון אַ מענטשן, וואָרום באמת איז טאַקי אַזוי, דורך דער אַראָפּנידערונג און אַראָפּלאָזונג פון דעם חיות צו די אונטערשטע מיט פילע און שטאַרקע צמצומים פון פאַרשיידן־אַרטיגע מינים כדי עס זאָל פון זיי באַשאַפן ווערן פיל פאַרשיידענערליי באַשעפענישן, און אַזוי פיל זיינען שטאַרק און גרויס די צמצומים און דער הסתר פון דעם פנים פון למעלה, ביז עס זאָל קענען ווערן און באַשאַפן ווערן אויך טמא׳דיקע זאַכן און קליפות און סטרא אחרא, און צו באַקומען זייער חיות און זייער עקזיסטענץ פון דעם ג־טליכן וואָרט און די גייסט פון זיין מויל יתברך דורך דעם הסתר פנים און די ירידה פון די מדרגות. און דעריבער ווערן זיי אָנגערופן „אלהים אחרים", וואָרום זייער יניקה און זייער חיות איז ניט פון דער בחינה פון פנים נאָר פון דער בחינה פון „אחוריים" פון קדושה, און „אחוריים" מיינט אזוי ווי אַ מענטש וואָס גיט אַ זאַך זיינעם אַ שונא ניט־ווילענדיג, וואָס ער טוט דאָס איהם אַ וואָרף ווי אַהינטער זיין אַקסל, ווייל ער קערט אָפּ זיין פנים פון איהם ווייל ער האָט איהם פיינט, אַזוי איז למעלה די בחינה פון פנים איז די אינווייניגסטע פון דעם רצון פון למעלה און זיין אמת׳ער ווילן, וואָס פון דעם רצון פון למעלה און זיין אמת׳ער ווילן וואָס ג־ט וויל משפיע זיין לעבן צו יעדערן וואָס איז נאָענט צו איהם פון דער זייט פון קדושה, אָבער די סטרא אחרא און די טומאה זיינען אַן אומווירדיגקייט פאַר ג־ט, וואָס ער האָט פיינט און ער איז איהר ניט משפיע קיין חיות פון דער פנימיות פון דעם רצון און זיין אמת׳ן ווילן וואָס ער וויל איהר חס ושלום, נאָר אַזוי ווי איינער

וואָס וואַרפט צו זיין שונא הינטער זיין אַקסל ניט־ווילענדיג, מעהר ניט כדי צו באַשטראָפן די רשעים און צו געבן גוטן שכר צו די צדיקים וואָס זיי בויגן אונטער די סטרא אחרא. און דאָס ווערט אָנגערופן די בחינה פון אחוריים פון רצון העליון ברוך הוא. והנה, דער רצון העליון אין דער בחינה פון פנים, איז ער דער מקור פון לעבן וועלכער באַלעבט אַלע וועלטן, און וויבאַלד ער רוהט גאָרניט אויף דער סטרא אחרא, און אויך די בחינה פון אחוריים פון רצון העליון איז ניט אָנגעטאָן אין איהר ממש, נאָר זי נעמט זי אַרום פון אויבן, דעריבער איז זי אַן אָרט פון טויט און טומאה — זאָל אונז ג־ט אָפּהיטן — וואָרום די קליין ביסל ליכטיגקייט און חיות וואָס זי זאַפּט אַריין און נעמט אריין אין איר פון דער בחינה פון אחוריים פון דער קדושה פון למעלה איז אין אַ בחינה פון גלות ממש אין איהר, לויט דעם סוד פון גלות השכינה, וואָס ווערט אויבן דערמאָנט(*), און דעריבער ווערט עס אָנגערופן מיטן נאָמען אלהים אחרים, וואָס דאָס איז ממש עבודה זרה און כפירה אין דער איינציגקייט פון דעם מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא, וואָרום וויבאַלד אַז די ליכטיגקייט און די חיות פון קדושה איז אין איהר אין אַ בחינה פון גלות, איז זי גאָרניט בטל לגבי דעם אויבערשטנ׳ס קדושה, און פאַרקערט, זי הויבט זיך אַזוי ווי אַן אָדלער און זאָגט: „איך און אויסער מיר איז גאָרניט פאַראַן״, און אַזוי ווי דער

---

*) פרק י״ט ע׳ 96 [48].

מאמר (א) „יאור לי ואני עשיתני״. און דעריבער האָבן די רז״ל געזאָגט אַז גרויסהאַלטן זיך איז געגליכן ווי עבודה זרה ממש (ב), וואָרום דער עיקר און דער שורש פון עבודה זרה איז וואָס ער רעכענט זיך פאַר אַ זאַך פאַר זיך, אָפּגעשיידט פון דעם אויבערשטנ׳ס קדושה און ניט לייקענען אין ג־ט אינגאַנצן — אַזוי ווי ס׳איז פאַראַן אין גמרא (ג) אַז זיי (ד) רופן איהם „דער ג־ט פון די געטער״ נאָר, וואָס זיי אַליין האַלטן זיך אויך פאַר אַ יש און אַ זאַך פאַר זיך, און דערמיט טיילן זיי זיך אָפּ פון דער קדושה פון דעם אויבערשטן ברוך הוא, וויבאַלד זיי זיינען ניט בטל צו איהם יתברך, וואָרום די קדושה פון למעלה רוהט ניט, סיידן אויף דאָס וואָס איז בטל צו איהם יתברך, ווי אויבן ערקלערט (ה), און דעריבער ווערן זיי אָנגערופן „בערג פון אָפּשיידונג״ אין זוהר הקדוש, וואָס דאָס איז כפירה אין זיין אמת׳ער איינציגקייט, וואָרום אַלץ אנטקעגן אים באַטרעפט ווי גאָרניט, און עס איז באמת בטל צו איהם יתברך און צו זיין ווילן וועלכער באַלעבט זיי אַלעמען און מאַכט זיי שטענדיג פון גאָרניט צו אַ זאַך.

א) יחזקאל כ״ט: (וואָס פרעה האָט געזאָגט) „דער טייך איז מיינער און איך האָבן זיך אַליין געמאַכט״.

ב) שמות רבה פ״ה, ב׳; מו״ק י״ח, ע״א.

ג) מנחות ק״ו, ע״א.

ד) די גויים.

ה) פרק ו׳ ע׳ 40 [20].

פרק כג און מיט דאָס אַלץ וואָס איז אויבן דערמאָנט גע־ וואָרן, וועט פאַרשטאַנען ווערן און דערקלערט ווערן בעסער, מיט מעהר ערקלערונג, דאָס וואָס מען האָט געזאָגט אין זוהר אַז תורה און ג־ט ברוך הוא זיינען אינגאַנצן איינס, און אין תיקונים האָט מען ערקלערט אַז די רמ״ח מצוות זיינען די רמ״ח איברים פון דעם מלך, וואָרום די מצ־ וות זיינען די פנימיות פון דעם רצון העליון, און זיין אמת׳ער ווילן וועלכער איז אָנגעטאָן אין אַלע העכערע און נידעריגערע וועלטן, צו באַלעבען זיי, וואָרום דער גאַנצער חיות זייערע און שפע זייערע איז אָפּהענגיק אין די מעשה פון די מצוות פון די אונטערשטע אַזוי ווי ס׳איז באַוואוסט. קומט אויס אַז די מעשה פון מצוות און זייער קיום איז דער אינוויינינגסטער לבוש צו די פנימיות פון דעם רצון העליון, וואָרום פון דער מעשה נעמט זיך די ליכטיגקייט און חיות פון דעם רצון העליון אויף אָנצוטאָן זיך אין די וועלטן, און דעריבער ווערן זיי אָנגע־ רופן איברים פון מלך, דרך משל, אַזוי ווי די איברים פון דעם מענטשליכן קערפּער זיינען אַ לבוש צו זיין נפש און זיי זיינען אינגאַנצן בטל צו איהר, גאָר און גאָר, וואָרום באַלד ווי עס פאַרווילט זיך אַ מענטשן אויסצושטעקן זיין האַנט אָדער זיין פוס, פאָלגן זיי זיין ווילן תיכף און באַלד אָהן שום באַפעהל און אָנזאָג צו זיי, און גאָר אָהן קיין שום אָפּהאַלט, נאָר אין דער רגע ממש ווען עס האָט זיך איהם פאַרוואָלט. אַזוי, דרך משל, די חיות פון טאָן די מצוות און מקיים זיין זיי, איז דאָס אינגאַנצן בטל לגבי דעם רצון העליון

וועלכער איז אָנגעטאָן אין איהם און ווערט צו איהם ממש אַזוי ווי אַ קערפּער צו אַ נשמה, און אזוי איז דער דרויסענדיגער לבוש פון דעם ג־טליכען נפש וואָס אין דעם מענטשן וועלכער איז מקיים און טוט די מצווה, וואָס דאָס איז איהר כח און בחינה פון מעשה — טוט ער זיך אָן אין דעם חיות פון דער מעשה פון דער מצוה און ווערט אויך ווי אַ גוף צו דער נשמה צו דעם רצון העליון, און ער איז אינגאַנצן בטל צו איהם. און דעריבער איז אויך די איברים פון דעם מענטשנ׳ס קערפּער וועלכע זיינען מקיים די מצוה, וואָס דער כח און די בחינה פון מעשה פון דעם נפש האלקית איז אָנגעטאָן אין זיי אין דער צייט פון דער מעשה און דער קיום פון דער מצוה — זיינען זיי געוואָרן אַ מרכבה ממש צום רצון העליון, אַזוי ווי למשל, די האַנט וואָס צוטיילט צדקה צו אָרימעלייט, אָדער טוט אַן אַנדער מצוה, אָדער די פיס וואָס זיי גייען צו אַ דבר מצוה, און דאָס זעלבע דאָס מויל און די צונג וואָס רעדן דברי תורה, און דער מוח וואָס טראַכט אין דברי תורה און יראת שמים און אין די גרויסקייט פון ג־ט ברוך הוא. און דאָס איז וואָס די רז״ל (א) האָבן געזאָגט אַז די אבות זיי זיינען דער רייטוואָגן וואָרום זייערע אַלע איברים זיינען געווען אינגאַנצן הייליג און אָפּגעשיידט פון די ענינים פון דער וועלט און זיי זיינען ניט געוואָרן קיין מרכבה, נאָר פאַר דעם רצון העליון אַליין זייערע גאַנצע יאָהרן. אָבער די מחשבה

א) בראשית רבה פמ״ז, ו.

און דאָס אַריינטראַכטן אין דברי תורה וואָס אין מוח, און דער כח פון רעדן אין דברי תורה וואָס אין דעם מויל, וואָס זיי זיינען די אינוויינינגסטע לבושים פון דעם נפש האלקית, און מכל שכן דער נפש האלקית אַליין וואָס איז אָנגעטאָן אין זיי — זיינען זיי אַלע פאַראייניגט ממש מיט אַ פולשטענדיגער פאַראייניגונג מיט דעם רצון העליון, און ניט נאָר אַ מרכבה, ווארום דער רצון העליון — ער איז דאָך דער דבר הלכה אַליין וואָס ער טראַכט און רעדט אין איהם, וואָרום אַלע הלכות זיינען דאָך פּרטים פון די המשכות פון די אינער־ליכקייט פון דעם רצון העליון אַליין, וואָס אָט־אזוי איז געוועזן זיין ווילן יתברך אַז די זאַך איז מותר אָדער כשר אָדער פּטור, אָדער גערעכט, אָדער פאַרקערט, און אַזוי זיי־נען אויך אַלע צירופים פון די אותיות פון תנ״ך אַ המשכה פון זיין רצון און זיין חכמה וואָס זיינען פאַראייניגט מיט אין סוף ברוך הוא מיט אַ פולשטענדיגער פאַראייניגונג, וואָס ער איז דער וואָס ווייסט און ער איז דער וויסן כו׳, און דאָס איז וואָס שטייט אַז די תורה און הקב״ה זיינע אינגאַנצן איינס און ניט נאָר „איברים״ פון דעם מלך אַזוי ווי מצוות. און ווי באַלד דער רצון העליון, וועלכער איז פאַראייניגט מיט אין סוף ברוך הוא מיט אַ פולער פאַראייניגונג, איז אינגאַנצן אַנט־

פלעקט און גאַר־גאַרניט באַהאַלטן אין דעם נפש האלקית און איהרע אינווייניגסטע לבושים וואָס דאָס זיינען איהר מחשבה און איהר רייד, אין יענער צייט ווען דער מענטש פאַרנעמט זיך מיט דברי תורה, זיינען אויך אין יענער צייט דער נפש און איהרע דאָזיגע לבושים פאַראייניגט ממש מיט אין סוף ברוך הוא מיט אַ פולשטענדיגער פאַראיינציגונג, אַזוי ווי די פאַראייניגונג פון דעם דיבור און מחשבה פון דעם אויבערשטן ברוך הוא מיט זיין מהות און עצמות, ווי אויבן דערמאָנט (ב), ווארום ס'איז ניטאָ קיין אָפגעזונדערטע זאַך, סיידן דורך הסתר פנים, ווי אויבן דערמאָנט (ג). און נאָך מעהר, אַז זייער פאַראייניגונג איז נאָך העכער און נאָך שטאַרקער ווי די פאַראייניגונג פון אור אין סוף ברוך הוא אין די העכערע וועלטן, וויבאַלד אַז דער רצון פון למעלה איז ממש אַנטפּלעקט אין דעם נפש און איהרע לבושים וועלכע זיינען זיך עוסק אין תורה, ווארום ער איז די תורה אליין, און אַלע העכערע וועלטן זיינען דאָך מקבל זייער חיות פון דעם אור און דעם חיות וואָס נעמט זיך פון דער תורה וואָס זי איז דאָך זיין ווילן און זיין חכמה יתברך, אַזוי ווי ס'שטייט(ד) כולם בחכמה עשית, קומט דאָך אויס אַז

ב) פרק כ״א ע׳ 104 [52].

ג) פרק כ״א ע׳ [כז] נג.

ד) תהלים ק״ד, כ״ד: דו האָסט זיי אַלעמען געמאַכט מיט חכמה.

חכמה, וואָס דאָס איז דאָך די תורה, איז העכער פון זיי אַלעמען, און זי איז זיין רצון יתברך וואָס ווערט אָנגערופן „סובב כל עלמין" (ה), וואָס דאָס איז אַ בחינה פון דעם וואָס קען זיך ניט אָנטאָן אין די וועלטן, נאָר דאָס באַלעבט און באַלייכט למעלה אין אַ בחינה פון מקיף (ו), און זי איז די וואָס טוט זיך אָן אין נפש און איהרע לבושים, אין אַ בחינה פון אָנטפלעקונג ממש, ווען זיי פאַרנעמען זיך מיט דברי תורה, און כאָטש ער זעהט ניט (ז) כו' [און דעריבער קען ער עס פאַרנעמען, ווייל ער זעהט ניט. אַנדערש אָבער ביי די העכערע]. און מיט דעם וועט זיין פאַרשטענדליך פאַרוואָס ס'איז אַזוי הויך די מעלה פון דעם פאַרנעמען זיך מיט תורה מעהר פון אַלע מצוות, און אפילו פון דאַוונען, וואָס דאָס איז די פאַראיינציגונג פון די העכערע וועלטן [און דאָס וואָס דער וואָס תורה לערנען איז ניט זיין באַשעפטיגונג, דאַרף מפסיק זיין (ח), איז דאָס דערפאַר ווייל ער איז סיי־ווי מפסיק און מבטל אָהן דעם], און דערפון קען דער פאַרשטאַנדיגער ארויפציען אויף זיך אַ גרויסע יראה בעת ער איז זיך עוסק אין תורה, ווען ער וועט זיך באַטראַכטן ווי אַזוי זיין נפש און איהרע לבושים וואָס אין זיין מוח און אין זיין מויל זיינען ממש פאַראיינציגט מיט אַ פולשטענדיגער פאַראיינציגונג מיט דעם רצון העליון און דעם אור פון אין

ה) וואָס רינגעלט אַרום אַלע וועלטן.

ו) וואָס נעמט ארום.

ז) זע מגילה ג' ע"א.

ח) פון לערנען אויף צו דאַוענען.

סוף ברוך הוא ממש, וועלכער אַנטפּלעקט זיך אין זיי, וואָס די אַלע וועלטן, העכערע און נידעריגערע, באַטרעפט ווי גאָרניט אַנטקעגן איהם און ווי גאָרניט אין גאָר־גאָרניט ממש, אַזוי ווייט אַז ער טוט זיך גאָרניט אָן אין זיי ממש, נאָר ער נעמט אַרום אַלע וועלטן אין אַ בחינה פון אַ מקיף, צו מאַכן זיי באַלעבן דעם עיקר פון זייער חיות, נאָר עטוואָס אַן אָפּ־לייכטונג טוט זיך אָן אין זיי, וועלכע זיי קענען פאַרטראָגן, כדי זיי זאָלן ניט אינגאַנצן בטל ווערן במציאות. און דאָס איז וואָס שטייט (ט) „ויצונו ה׳ את כל החוקים האלה ליראה את ה׳״ וגו׳ [און אויף דער גרויסער יראה האָט מען געזאָגט (י) „אויב עס איז ניטאָ קיין חכמה, איז ניטאָ קיין יראה״, און לגבי איהר ווערט תורה אָנגערופן „אַ טויער צו דעם הויז״ ווי ס׳ווערט ערקלערט אין אַן אַנדער אָרט], נאָר, ניט יעדער מוח קען דאָס פאַרנעמען אַזאַ מין יראה, אָבער אויך דער וואָס זיין מוח קען גאָרניט פאַרנעמען אַזאַ מין יראה, אפילו עטוואָס פון איהר אויך ניט, איבער די ני־דעריגקייט פון דעם באַשטאַנד פון זיין נפש אין איהר שורש און איהר מקור אין די נידעריגע מדרגות פון די צעהן ספירות פון עשיה — אויך ביי איהם איז די דאָזיגע יראה ניט קיין אָפּהאַלט צו מעשה, ווי עס וועט שפּעטער ערקלערט ווערן (יא).

ט) דברים ו׳, כ״ד: און ג־ט האָט אונז אָנגעזאָגט די אַלע געזעצען, מורא צו האָבן פאַר ג־ט.

י) אבות פ״ג, מי״ז.

יא) פרק מ״א ע׳ [נז] קיג.

פרק כד און דער קעגנזאַץ דערצו זיינען די שס״ה מצוות „לא תעשה״ פון דער תורה און אַלע איסורים וואָס זיינען מדרבנן, וויבאַלד זיי זיינען קעגן זיין ווילן און זיין חכמה יתברך און דער היפך דערפון ממש, זיינען זיי אָפּגעשיידט פון זיין איינציגקייט און זיין איינציגקייט יתברך מיט אַ פולשטענדיגער אָפּשיידונג ממש ווי די סטרא אחרא און די קליפה, וועלכע ווערט אָנגערופן „עבודה זרה״ און „אלהים אחרים״ (א) צוליב דעם וואָס עס איז באַהאַלטן די פנימיות פון דעם אויבערשטנ׳ס ווילן ווי אויבן ערקלערט (ב). און אַזוי אויך די דריי לבושים פון דעם נפש וואָס פון קליפת נוגה וואָס ביי אידן, וואָס דאָס זיינען מחשבה, דיבור און מעשה וואָס זיינען אָנגעטאָן אין די שס״ה מצוות לא תעשה דאורייתא און דרבנן, און אַזוי אויך דער מהות פון נפש אַליין וואָס זי איז אָנגעטאָן אין איהרע לבושים — זיינען זיי אַלע פאַראיינציגט ממש מיט דער סטרא אחרא און דער קליפה וועלכע ווערט אָנגערופן „עבודה זרה״ און נאָך מעהר, זיי זיינען בטל און זיי זיינען אַ צוגאָב צו איהר און זיינען אַ סך ערגער און נידעריגער פון איהר, ווארום זי איז ניט אָנגעטאָן אין אַ חומר׳דיגן גוף און זי ווייסט איר האַר און זי איז ניט ווידערשפעניג קעגן איהם, צו טאָן איהר אַרבעט ווי דאָס שיקן איהרע שלעכטע מלאכים ניט אין די שליחות פון דעם אויבערשטן ברוך הוא, חס ושלום און אַזוי ווי בלעם האָט געזאָגט (ג) „לא אוכל לעבור את פי

א) פרעמדע געטער. ב) פרק כ״ב ע׳ [54] נד. ג) במדבר כ״ב, י״ח: איך וועל ניט קענען עובר זיין אויף ג־ט׳ס רייד.

ה׳״ וגו׳ און כאָטש עס ווערט אָנגערופן עבודה זרה — רופן זיי דאָך איהם „דער ג־ט פון די געטער״, און זיי קענען גאָרניט עובר זיין אויף זיין רצון יתברך, וואָרום זיי ווייסן און באַגרייפן אַז ער איז זייער חיות און זייער עקזיסטענץ, וואָרום זיי נעמען זייער יניקה פון דער בחינה פון „אחוריים דאחוריים״ פון רצון העליון ברוך הוא, וועלכער איז מקיף איבער זיי, נאָר, אַז זייער יניקה און זייער חיות וואָס אין זיי איז אין אַ בחינה פון גלות אין זיי וואָס זיי האַלטן זיך פאַר געטער און דאָס איז כפירה אין זיין איינציגקייט. אָבער פונדעסטוועגן זיינען זיי ניט כופר אויף צו לייקענען אין דעם אויבערשטן אינגאַנצן, און צו זאָגן ער איז ניט, נאָר זיי רופן איהם אָן „דער ג־ט פון די געטער״, וואָס דאָס מיינט זייער חיות און זייער עקזיסטענץ וואָס ווערט אַראָפּגעצויגן און ווערט אַראָפּגענידערט צו זיי פון זיין ווילן, און דעריבער זיינען זיי קיינמאָל ניט עובר אויף זיין רצון יתברך, און אויב אַזוי, איז דער מענטש וועלכער איז עובר אויף זיין ווילן יתברך, איז ער גאָר אַ סך ערגער און נידעריגער פון דער סטרא אחרא און די קליפה וואָס ווערט אָנגערופן עבודה זרה און אלהים אחרים, און ער איז פולשטענדיג אָפּגעשיידט פון דעם אויבערשטנ׳ס איינציגקייט און איינינקייט, נאָך מעהר פון איהר, און ס׳איז גלייך ווי ער לייקנט אין זיין איינציגקייט מעהר פון איהר חס ושלום, און אַזוי ווי ס׳שטייט אין עץ חיים שער מ״ב סוף פרק ד׳, אַז דאָס שלעכטס וואָס אין דעם חומר׳דיגן עולם־הזה, איז די

הייוון פון די גראָבע קליפּות כו׳ און דאָס איז די סאַמע לעצטע אויסקלייבונג וכו׳, און דעריבער זיינען אַלע מעשים פון דער וועלט שווערע און שלעכטע, און די רשעים זיינען דאָרט גובר וכו׳: און דעריבער האָבן די רז״ל געזאָגט אויפ׳ן פּסוק „כי תשטה אשתו״ (ד) — אַז אַ מענטש טוט ניט קיין עבירה וכו׳ וואָרום אפילו אַ זינדיגע פּרוי וואָס איז לייכטזיניג, וואָלט געקענט געוועלטיגן אויף דעם רוח פון איהר תאוה ווען ניט דער „רוח שטות״ וואָס אין איהר וועלכער פאַרדעקט און מאַכט באַהאַלטן און מאַכט פאַרבאָרגן די באַהאַלטענע ליבשאַפט וואָס אין איהר נפש האלקית, אויף זיך צו באַהעפטן אין דער אמונה אין ג־ט און זיין פאַראייניגונג און זיין אייניגקייט און ניט אָפּ־צושיידן זיך חס ושלום פון זיין איינציגקייט, אפילו אויב מען נעמט ביי איהר צו איהר לעבן, זי זאָל דינען חס ושלום עבודה זרה, און אפילו נאָר דורך בוקן זיך אָהן קיין שום גלויבן אין האַרצן, און מכל שכן אַיינצוהאַלטן דעם יצר און די תאוה פון זינדיגן, וואָס דאָס זיינען דאָך גרינגערע יסורים ווי שטאַרבן — זאָל אונז ג־ט אָפּהיטן — און דער אונטערשייד וואָס איז ביי איהר צווישן דעם איסור פון ניאוף און דעם איסור פון בוקן זיך צו עבודה זרה — אָט דאָס איז אויך אַ רוח שטות פון דער קליפּה וואָס באַקליידט דעם נפש האלקית (ה) ביז צו דער בחינה פון חכמה וואָס אין איהר, אָבער

ד) במדבר ה׳, א׳: אויב זיין ווייב וועט אָפּקעהרן פון איהם. סוטה ג׳, ע״א.

ה) און דערגרייכט.

נאַר ביז איהר און ניט ווייטער, צוליב די ג־טליכע ליכטיג־קייט וואָס איז אָנגעטאָן אין חכמה, ווי אויבן דערמאָנט (ו). אָבער דער ריכטיגער אמת איז, אַז אפילו אַ גרינגע עבירה — איז דער וואָס איז עובר אויף איהר איז ער עובר אויף דעם אויבערשטנ׳ס ווילן ברוך הוא, און ער איז אינגאַנצן אָפגעשיידט פון זיין פאַראייניגונג און זיין אייניגקייט יתברך, נאָך מעהר פון דער סטרא אחרא און די קליפה וואָס ווערט אָנגערופן אלהים אחרים און עבודה זרה ממש, און נאָך מעהר פון די אַלע זאַכן וואָס נעמען זיך פון איהר אין עולם הזה, וואָס דאָס איז בהמות טמאות און חיות און עופות טמאים און שקצים און רמשים, און אַזוי ווי דער מאמר (ז) „דער יתוש, (ח) איז פאַר דיר״, דאָס מיינט אַז אפילו דער יתוש, וועלכער נעמט אַריין און איז ניט מוציא, וואָס דאָס איז אַ קליפה וואָס איז גאָר אַ נידעריגע און איז ווייט פון דער בחינה פון קדושה וואָס איז משפיע ביז גאָר ווייט, קומט זי פריער פאַר דעם זינדיגען מענטשן אין דער אַראָפּלאָזונג און אַראָפּנידערונג פון דעם חיות פון דעם רצון העליון ברוך הוא, ומכל שכן אַנדערע טמא׳דיקע בעלי חיים, און אפילו חיות רעות, וואָס זיי אַלע בייטן ניט זייער אויפגאַבע און זיי היטן אָפּ זיין באַפעהל יתברך, און כאָטש זיי זעהן ניט כו׳, (ט) און ווי ס׳שטייט (י)

ו) פרק י״ט ע׳ [כה] מט.

ז) סנהדרין ל״ח, ע״א.

ח) אַ מין פליג.

ט) זעהט אָבער זייער מזל. (זע מגילה ג׳ ע״א).

י) בראשית ט׳ ב׳ : און אַייער מורא און אייער ציטערניש וועט זיין אויף אלע חיות פון דער וועלט.

„ומוראכם וחתכם יהי׳ על כל חית הארץ״, און ווי די רז״ל (יא) האָבן פאַרטייטשט אַז קיין חי׳ רעה געוועל־טיגט ניט איבער דעם מענטש, סיידן ער שטעלט זיך איהר פאַר ווי אַ בהמה, און די צדיקים, וואָס דער צלם אלקים גייט ניט אַראָפּ פון זייער פּנים, זיינען אַלע חיות רעות אונ־טערגעוואָרפן פאַר זיי, אַזוי ווי ס׳שטייט אין זהר ביי דניאל׳ן אין דער הייל פון די לייבן. קומט דאָך אויס אַז דער וואָס זינדיגט און איז עובר אויף זיין רצון יתברך, אפילו מיט אַ גרינגער עבירה, איז ער אין דער צייט, בעת ער טוט דאָס, אינגאַנצן דערווייטערט פון דער קדושה פון למעלה, וואָס דאָס איז זיין איינציגקייט און איינינ־קייט יתברך, נאָך מעהר ווי אַלע טמא׳דיקע בעלי חיים און שקצים און רמשים וועלכע ציען זייער השפעה פון דער סטרא אחרא און פון דער קליפה פון עבודה זרה. און דאָס וואָס פקוח נפש איז דוחה אנדערע עבירות, און אויך וואָס ער דאַרף עובר זיין, און ניט זיך לאָזן הרג׳ענען, דאָס איז לויט דעם ווי די חכ־מים ז״ל האָבן ערקלערט (יב) אַז די תורה האָט געזאָגט אַז מ׳זאָל צוליב איהם איינמאָל מחלל שבת זיין, כדי ער זאָל אָפּהיטן אַ סך שבתים, און ניט צוליב די גרינגקייט אָדער די האַרבקייט פון די עבירות [און אַ ראיה דערצו איז, אַז שבת איז דאָך זייער האַרב און ווערט גערעכענט אַזוי ווי עבודה זרה, לגבי דעם ענין פון דער שחיטה פון איינעם וואָס איז אַ מומר אין איין זאַך, אַזוי ווי ס׳שטייט אין יורה דעה סימן ב׳, אַנדערש איז אָבער ביי אַ מו־מר אין גילוי עריות, און פונדעסטוועגן איז פיקוח נפש

יא) אין סנהדרין ל״ח ע״ב.

יב) אַנטקעגן פיקוח נפש — שבת קנ״א ע״ב. יומא פ״ה ע״ב.

דוחה שבת און ניט גילוי עריות, נאָר דאָס איז אַ גזירת הכתוב (יג)], נאָר, נאָך דער מעשה פון דער זינד, איז אויב דאָס איז פון די עבירות וואָס אויף זיי איז ניטאָ קיין כרת און מיתה בידי שמים, וואָס זיין נפש האלקית שטאַרבט ניט אָפּ איינגאַנצן און ווערט ניט איינגאַנצן אָפּגעשניטן פון איהר שורש אין אלקים חיים, מעהר ניט וואָס דורך דער דאָזיגער עבירה איז אַביסל נפגם געוואָרן איהר באַ־העפטונג און איהר אָנהאַלטונג אין איהר שורש* — איז אויך זיין באַלעבענדע נפש הבהמית וואָס איז אָנ־געטאָן אין זיין גוף און אויך זיין גוף — זיינען צוריק עולה פון דער סטרא אחרא און דיזע קליפה און זיי דערנעהנטערן זיך צו דער קדושה פון דעם נפש האלקית וואָס איז אָנגעטאָן אין זיי, וועלכע גלויבט אין ג־ט וואָס ער איז איינער, און אפי־לו בעת דעם זינדיגן איז זי געווען ביי איהר גלויבן אין איהם יתברך, נאָר זי איז געווען אין אַ בחינה פון גלות ממש אין דעם נפש הבהמית פון דער סטרא אחרא, וועלכע מאַכט זינדיגן דעם גוף און שלעפט איהם אַראָפּ מיט זיך אין די טיפענישן פון גרוב, גאָר נידעריג אונטער דער טומאה פון

הגהה

(און לויט דעם ערך און די חלוקים פון דער בחינה פון דעם פגם אין דעם נפש און אין איהר שורש למעלה, אַזוי זיינען די חלוקים אין דער בחינה פון דער ריניגונג און דער שטראָף אין גיהנום אדער אויף דער וועלט — פאַר יעדער עבירה און זינד אַ באַזונדער שטראָף — אויף צו ריניגן און אראפצונעמען דעם שמוץ און דעם פגם, און אַזוי אויך ביי די וועלכע זיינען חייב מיתה אדער כרת, זיינען זיי ניט פוגם אַלעמען גלייך).

יג) אזוי האָט די תורה געהייסן.

דער סטרא אחרא און די קליפה פון עבודה זרה — זאָל דער אויבערשטער אונז אָפּהיטן — און ניטאָ קיין גרעסערער גלות דערפון — פון שפּיץ באַרג (יד) כו׳ און אַזוי ווי ס׳ווערט אויבן דערמאָנט (טו), אַז דער שורש און מקור פון אַלע אידישע נפשות איז פון חכמה עילאה, און ער יתברך און זיין חכמה זיינען איינס, וכו׳. און דאָס איז, למשל, אַזוי ווי איינער וואָס נעמט אָן דעם מלך׳ס קאָפּ און שלעפּט איהם אַראָפּ אויף אונטן, און באַהאַלט זיין פּנים אין אַ בית הכסא פול מיט צואה, וואָס ניטאָ קיין גרעסערע באַליידיגונג פון דעם, אפילו אויב ער טוט עס צייטווייליג. וואָרום די קליפות און די סטרא אחרא ווערן אָנגערופן „קיא צואה״, ווי ס׳איז באַקאַנט.

פרק כה און דאָס איז וואָס שטייט (א) „כי קרוב אליך הדבר מאד״ וגו׳, ווייל אין יעדער צייט און אין יעדער שעה איז עס אין דעם מענטשנ׳ס האַנד און אין זיין רשות אַראָפּצונעמען דער רוח פון נאַרישקייט און פאַרגעסליכקייט פון זיך, און צו געדענקען און צו דערוועקן זיין ליבשאַפט צו ג־ט וואָס ער איז איינער, וועלכע איז געוויס, אָהן שום ספק, פאַרבאַהאַלטן אין זיין האַרץ. און דאָס איז וואָס ס׳שטייט (ב) „ובלבבך״ (ג), און דערין איז פאַראַן אויך יראה וואָס דאָס מיינט ניט אָפּשיידן זיך פאַר

יד) אַראָפּ אין אַ טיפן גרוב.

טו) פרק ב׳ ע׳ 22 [י].

א) דברים ל׳, י״ד: וואָרום די זאַך איז זייער נאָענט צו דיר.

ב) אין דעם זעלבן פסוק.

ג) און אין דיין האַרץ.

קיין אופן פון זיין איינציגקייט און זיין איינציגקייט יתברך אפילו מיט מסירת נפש ממש, אָהן קיין שום טעם און באַ־גריפענעם שכל, נאָר מיט דער ג־טליכער נאַטור, און כל שכן אין דעם צוברעכן פון די תאוות וואָס דאָס איז גרינגער ווי יסורים פון טויט, איז דאָך נעהענטער צו איהם איינצוהאַלטן דעם יצר, סיי אין דער בחינה פון דערווייטערן זיך פון שלעכטס, אפילו פון אַ גרינגן איסור מדברי סופרים, אויף ניט עובר זיין אויף זיין ווילן יתברך, וויבאַלד אַז דער־מיט ווערט ער אָפּגעשיידט פון זיין פאַראייניגונג און זיין איינציגקייט, גלייך ווי ביי עבודה זרה ממש, בשעת מעשה, און נאָכדעם תשובה טאָן קען ער דאָך ביי עבודה זרה אויך, [און כאָטש אַז דער וואָס זאָגט (ד) „כ'וועל זינדיגן און כ'וועל תשובה טאָן — דערלאָזט מען איהם ניט" כו' — מיינט מען דאָס אַז מ'שטיצט איהם ניט ער זאָל האָבן אַ פּאַסיגע צייט תשובה צו טאָן. אויב אָבער ער האָט אַריינגעכאַפּט און האָט יאָ תשובה געטאָן — איז ניטאָ קיין זאַך וואָס קען ביישטיין קעגן תשובה]. און פונדעסטוועגן איז איטליכער איד מוכן ומזומן זיך מוסר נפש צו זיין אויף קידוש השם, אויף ניט צו בוקן זיך צו עבודה זרה, אפילו ניט צייטווייליג, און שפּעטער תשובה טאָן, וואָס דאָס איז צוליב די ג־טליכע ליכטיגקייט וואָס איז אָנגעטאָן אין זייער נפש, ווי אויבן ערקלערט (ה) וואָס עס איז אינגאַנצן ניט אין דער בחינה

ד) יומא פרק ח', מ"ט.
ה) פרק י"ט, ע' [כה] מט.

פון צייט און שעה, נאָר העכער פון צייט און באַהערשט און געוועלטיגט איבער איהר, ווי באַקאַנט; — און סיי אין דער בחינה פון טאָן גוטס, זיך צו שטאַרקן ווי אַ לייב מיט אַ שטאַרקייט און אַ פעסטקייט פון האַרצן אַנטקעגן דעם יצר וועלכער מאַכט שווער זיין קערפער און וואַרפט אויף איהם אַרויף פוילקייט פון דער בחינה פון דעם יסוד פון עפר וואָס אין נפש הבהמית (ו) פון באַמיען זיין קערפער מיט זריזות מיט אַלערליי טרחות און אין דעם טראָגן אויף זיך די אַרבעט אין עבודת ה׳, ביי וועלכער ס׳איז פאַראַן טרחה און מיה, אַזוי ווי האָרעווען אין תורה מיט׳ן פאַרטיפן זיך, און מיט׳ן מויל, דאָס מויל זאָל זיך ניט אָפּ־שטעלן פון לערנען, און אַזוי ווי די רז״ל זאָגן (ז), אַז אַלעמאָל זאָל זיך אַ מענטש אַוועקגעבן צו דברי תורה ווי דער אָקס צום יאָך און ווי דער אייזל צו דער משא, און אַזוי אויך אין תפלה מיט כוונה מיט זיין גאַנצן כח ממש, און אַזוי אין עבודת ה׳ וואָס איז אין געלט־זאַכן, אַזוי ווי די עבודה פון צדקה און עהנליכע ענינים פון די מלחמות פון דעם יצר און זיינע תחבולות אויף קאָלט צו מאַכן דעם מענטשנ׳ס נפש אויף ניט מפקיר צו זיין זיין געלט און דעם געזונט פון זיין גוף, וואָס שטעלן זיך אַנטקעגן איהם, און איהם איינצו־האַלטן איז זייער נאָענט דעם מענטשן ווען ער וועט צוטראָגן צו זיין האַרץ אַז באַזיגן דעם יצר אין אָט דעם אַלעמען און נאָך מעהר פון דעם, און צו טאָהן ממש פאַרקערט דערפון — איז אַ סך גרינגער ווי די יסורים פון טויט — זאָל אונז ג־ט

ו) וואָס האַלט איהם אָפּ.

ז) עבודה זרה ה׳, ע״ב.

אָפּהיטן — און די יסורים פון טויט — זאָל אונז ג־ט אָפּ־היטן — וואָלט ער צוגענומען מיט ליבשאַפט און מיט ווילן אויף ניט אָפּצושיידן זיך פון זיין איינציגקייט און זיין איינציגקייט יתברך אפילו אויף איין ווילע, אויף צו בוקן זיך צו דער עבודה זרה חס ושלום. און כל שכן אַז ער דאַרף נעמען אויף זיך מיט ליבשאַפט און מיט ווילן כדי זיך צו באַהעפטן אין איהם אויף אייביג. דהיינו ווען ער וועט טאָן זיין רצון יתברך אין דער עבודה, וועט זיך אין איהר אַנטפּלעקן די פנימיות פון דעם רצון העליון אין דער בחינה פון פנים און אַ שטאַרקער אַנט־פּלעקונג, אָהן קיין שום פאַרבאָרגענקייט און אַז ס׳איז ניטאָ קיין הסתר פנים אין דעם רצון העליון, איז דעמאָלט ניטאָ קיין זאַך וואָס זאָל זיין וויפיל־ס׳איז אָפּגעשיידט אַז דאָס זאָל זיין אַ יש און אַ זאַך פאַר זיך, און דעריבער וועט זיין נפש האלקית און זיין לעבנס־נפש מיט זייערע לבושים — וועלן זיי זיין אַלע פאַראייניגט מיט אַ פולשטענדיגער פאַר־איינציגונג מיט דעם רצון העליון און דעם אור פון אין סוף ברוך הוא, ווי אויבן ערקלערט. און אָט־די פאַראייניגונג למעלה איז אייביג לעולם ועד, וואָרום ער יתברך און זיין רצון זיינען העכער פון צייט, און אַזוי איז די אַנטפּלעקונג פון זיין רצון וואָס אין זיינע רייד — וואָס דאָס איז די תורה — איז דאָס אייביג, און אַזוי ווי ס׳שטייט (ח) „ודבר אלקינו יקום לעולם״, „ודבריו חיים וקיימים כו׳״ (ט), „און ער וועט

ח) ישעי׳ מ׳, ח׳: און די רייד פון אונזער ג־ט האָט אַ קיום אויף אייביג.

ט) און זיינע ווערטער לעבן און האָבן אַ קיום (אויף אייביג).

קיינמאָל ניט בייטן און ניט ענדערן זיין באַפעהל״ כו׳.
נאָר וואָס דאָ־אונטן איז דאָס אונטער דער צייט און ס׳איז נאָר
אין יענער צייט ווען ער איז זיך עוסק אין תורה אָדער אין
אַ מצוה, וואָרום דערנאָך, אויב ער פאַרנעמט זיך מיט אַן
אַנדערער זאַך ווערט ער דאָ־אונטן אָפּגעשיידט פון דעם
יחוד העליון. [און דאָס איז ווען ער פאַרנעמט זיך מיט
אינגאַנצן פוסטע זאַכן וועלכע זיינען אינגאַנצן ניט נויטיג
צו עבודת ה׳], און פונדעסטוועגן, ווען ער קערט זיך
נאָכדעם אום צו עבודת ה׳, צו תורה און צו תפלה און בעט
מחילה פון ג־ט פאַר דעם וואָס דעמאָלט איז איהם
געווען מעגליך עוסק צו זיין זיך אין תורה און ער האָט
זיך ניט עוסק געווען — וועט איהם דער אויבערשטער
מוחל זיין, ווי די רז״ל זאָגן (י): „אויב ער האָט עובר
געווען אויף אַ מצוות עשה און האָט תשובה געטאָן,
רירט ער זיך ניט אַוועק פון דאָרט ביז וואַנען מען
איז איהם מוחל״, און דעריבער האָט מען מתקן געווען די
ברכה פון „סלח לנו״ דריי מאָהל אַ טאָג, אויף די זינד
פון ביטול תורה, וואָס קיין מענטש ווערט ניט ניצול דערפון
יעדן טאָג, און אַזוי ווי דער קרבן תמיד וועלכער
פלעגט מכפר זיין אויף מצוות עשה. און דאָס הייסט ניט
„כ׳וועל זינדיגן און כ׳וועל תשובה טאָן״, סיידן אויב
בשעת ער זינדיגט ממש פאַרלאָזט ער זיך אויף דעם
תשובה־טאָן און דעריבער זינדיגט ער, אַזוי ווי עס ווערט
ערקלערט אין אַן אַנדער אָרט. און דערמיט וועט זיין פאַר־

י) יומא פ״ו, ע״א.

שטאַנדיג פאַרוואָס משה רבנו עליו השלום האָט באַפוילן אין משנה תורה (יא) צו דעם דור וואָס איז אַריינגעגאַנגען קיין ארץ ישראל צו לייענען קריאת־שמע צוויי מאָל יעדן טאָג, אויף צו נעמען אויף זיך דעם מלכות שמים מיט מסירת נפש. און ער האָט דאָך זיי צוגעזאָגט: „פחדכם ומוראכם יתן ה׳ וגו׳״ (יב)? — נאָר ווייל דער קיום פון דער תורה און איהרע מצוות איז אָפּהענגיג אין דעם, אַז מ׳זאָל אַלעמאָל געדענקען דעם ענין פון מסירת נפש צו ג־ט אויף זיין איינציגקייט, אַז דאָס זאָל ממש איביג זיין אַריינגעשטעלט אין זיין האַרץ, טאָג און נאַכט זאָל עס ניט אַראָפּגיין פון זיין געדאַנק, וואָרום דערמיט וועט ער זיך קענען אַנטקעגנשטעלן זיין יצר צו באַזיגן איהם אַלע מאָל אין יעדער צייט און אין יעדער שעה, ווי אויבן ערקלערט.

פרק כו אבער

אַזאַ זאַך דאַרף מען באַקאַנט מאַכן אַ כלל גדול אַז אַזוי ווי ביי אַ נצחון, צו באַזיגן אַ גשמיות׳דיגע זאַך, אַזוי ווי, צוויי מענטשן וועלכע ראַנג־לען זיך איינער מיט׳ן צווייטן, איינער דעם צווייטן זאָל אומוואַרפן, איז אויב איינער איז פויל און שווער, וועט ער גרינג באַזיגט ווערן און וועט פאַלן, אפילו אויב ער איז שטאַרקער פון דעם צווייטן. אַזוי ממש איז אויך אין באַזיגן דעם יצר — קען מען איהם ניט באַזיגן מיט פוילקייט און שווערקייט וועלכע נעמען זיך פון אומעטיגקייט און אַ פאַר־שטאָפּטע האַרץ ווי אַ שטיין, נאָר מיט פלינקייט וועלכע

יא) דברים.

יב) דברים א׳, כ״ה: אייער שרעק און אייער מורא וועט ג־ט אַנוואַרפן וגו׳.

נעמט זיך פון שמחה, און מיט דערעפענונג דאָס האַרץ און רייניגן עס פון יעדן ברעקל דאגה און אומעטיגקייט וואָס איז נאָר פאַראַן. און דאָס וואָס שטייט (א) אַז „בכל עצב יהי׳ מותר״, וואָס דאָס מיינט אַז עס וועט זיך אַרויס־ווייזן וועלכער־עס־איז יתרון און מעלה דערפון, — איז אדרבא, פון דעם לשון ווייזט אויס, אַז אומעט אַליין האָט ניט קיין מעלה, מעהר ניט אַז עס וועט דערפון דערגרייכען און קומען וועלכע ס׳איז מעלה — און דאָס איז די אמת׳ע שמחה מיט ג־ט זיין ג־ט, וועלכע קומט אין געוויסע צייטן, נאָך אַן אמת׳ע אומעטיגקייט איבער זיינע עבירות מיט ביטער־קייט פון זיין נפש און אַ צובראָכן האַרץ, וואָס דורך דעם ווערט צובראָכן דער רוח פון טומאה און סטרא אחרא און די אייזערנע וואַנט וואָס טיילט אָפּ צווישן איהם און זיין פאָטער וואָס אין הימל, אַזוי ווי ס׳שטייט אין זוהר אויפ׳ן פסוק „רוח נשברה לב נשבר״ (ב), וגו׳ און דאַן וועט אין איהם מקוים ווערן דער אָנהויב פון פסוק (ג) „תשמיעני ששון ושמחה וגו׳״. „השיבה לי ששון ישעך ורוח נדיבה וגו׳״. און דאָס איז דער פשוט׳ער טעם פאַרוואָס דער אר״י ז״ל האָט מתקן געווען צו זאָגן דעם מזמור נאָך תקון חצות פאַר׳ן לערנען, כדי צו לערנען מיט אַן אמת׳ער שמחה מיט ג־ט וועלכע קומט נאָך דעם אומעטיגקייט, וואָס אַזאַ שמחה האָט

א) משלי י״ד, כ״ג: אין יעדן אומעט וועט זיין אַ מעלה.
ב) תהלים נ״א, י״ט: אַ צובראָכענער גייסט — אַ צובראָכן האַרץ.
ג) תהלים נ״א, י״ד: דו וועסט מיר לאָזן הערין ששון און שמחה, וגו׳, ברענג מיר צוריק די פרייד פון דיין הילף, און מיט אַ גוטוויליגן גייסט א. אַ. וו.

אַ מעלה אַזוי ווי די מעלה פון ליכטיגקייט וואָס קומט פון פינסטערניש דוקא, אַזוי ווי ס'שטייט אין זוהר אויפ'ן פסוק (ד) „וראיתי שיש יתרון לחכמה מן הסכלות כתרון האור כו׳", זע דאָרט ודי למבין. און עס איז דאָך אַ בפירוש'ער פסוק (ה): „תחת אשר לא עבדת את ה׳ אלקיך בשמחה וגו׳", און אַלעמען איז באַקאַנט דעם אַר"י ז"ל'ס פירוש אויף דעם פסוק.

והנה, די עצה וואָס ווערט געגעבן אויף צו רייניגן זיין האַרץ פון יעדער אומעטיגקייט און פון יעדער שפּור פון דאגה פון וועלטליכע ענינים, און אפילו וועגן קינדער, לעבן און פרנסה, — איז דאָך אַלעמען באַקאַנט וואָס די חכמים זאָגן (ו) אַזוי ווי מען דאַרף מאַכן אַ ברכה אויף דאָס גוטס (ז) כו׳, און אין דער גמרא ווערט ערקלערט אַז מען דאַרף עס מקבל זיין מיט שמחה, אַזוי ווי די שמחה פון אַ קענטיגער און אַן אָפּענער טובה, וואָרום דאָס איז אויך צו גוטן, מעהר ניט וואָס דאָס איז ניט קאָנטיג און אָפּן פאַר פליישיגע אויגן, ווייל דאָס איז פון „עלמא דאתכסיא" (ח) וועלכע איז העכער פון „עלמא דאתגליא" (ט),

ד) קהלת ב׳, י"ג: און איך האב געזעהן אז קלוגשאפט האט א מעלה פון נאַרישקייט ווי די מעלה פון ליכט פון פינסטערניש.

ה) דברים כ"ח, מ"ז: ווייל דו האָסט ניט געדינט ג־ט דיין ג־ט, מיט שמחה.

ו) זע ברכות פרק ט׳ מ"ה בשינוי לשון.

ז) אזוי דארף מען אויך מאכן א ברכה אויף פארקערט.

ח) די פארדעקטע וועלט.

ט) די אַנטפלעקטע וועלט.

וואָס דאָס איז ו׳ און ה׳ פון דעם שם הוי׳ ברוך הוא, און עלמא דאתכסיא איז די אותיות י׳ און ה׳, און דאָס איז וואָס שטייט (י) „אשרי הגבר אשר תיסרנו י״ה״ וגו׳, און דעריבער האָבן די חכמים געזאָגט (יא) אַז די וועלכע פרייען זיך מיט יסורים, וועגן זיי זאָגט דער פסוק (יב) „ואוהביו כצאת השמש בגבורתו״, וואָרום די שמחה איז פון זיין ליב האָבן די נאָענטקייט צו ג־ט מעהר ווי דער גאַנצער לעבן פון דער וועלט, אַזוי ווי ס׳שטייט (יג) „כי טוב חסדך מחיים״ וגו׳, און די נאָענטקייט צו ג־ט איז שטאַרקער און אומענדליך העכער אין דעם עלמא דאתכסיא, וואָרום דאָרט איז די באַהאַל־טנקייט פון זיין שטאַרקייט, און דער אויבערשטער זיצט אין באַהאַלטנקייט, און דעריבער איז ער זוכה צו דעם אַרויסגאַנג פון דער זון אין איהר שטאַרקייט לעתיד לבוא, וואָס דאָס מיינט דאָס אַרויסגיין פון דער זון פון איהר שיידל מיט וועלכן זי איז צוגעדעקט אויף דער וועלט, און לעתיד וועט זי זיך אַנטפּלעקן פון איהר פאַרדעקונג, דאָס מיינט אַז דעמאָלט וועט זיך אַנטפּלעקן די עלמא דאתכסיא, און וועט שיינען און וועט לייכטן מיט אַ גרויסער און שטאַרקער אַנטפּלעקונג צו די אַלע וועלכע באשיצן זיך אין איהם אויף דער וועלט און באַשיצן זיך אין זיין שאָטן, דעם שאָטן פון חכמה, וואָס דאָס איז אַ בחינה פון

י) תהלים צ״ד, י״ב: וואויל איז דעם מענטש וואס דו, י־ה, שטראפסט איהם. יא) יומא כ״ג, ע״א.

יב) שופטים ה׳, ל״א: און די וואָס האָבן איהם ליב (ג־ט ברוך הוא) וועלן זיין אַזוי ווי די זון ווען זי וועט אויפגיין מיט איהר שטאַרקייט.

יג) תהלים ס״ג, ד׳: וואָרום דיין חסד איז בעסער פון לעבן.

שאָטן און ניט פון ליכט און גוטס וואָס מ׳קען אָנזעהן, ודי למבין. נאָר, די אומעטיגקייט וועגן הימלישע זאַכן דאַרף מען זוכן עצות פטור צו ווערן פון איהר, שוין ניט ריידנדיג בשעת דער עבודה, וואָס מ׳דאַרף דאָך דינען דעם אויבערשטן מיט שמחה און מיט אַ פרייליך האַרץ. נאָר אפילו ווער ס׳איז אַ געשעפטס־מענטש און פאַרנעמט זיך מיט וועלטליכע זאַכן, אויב ס׳פאַלט איהם אַריין אַן אומעט און אַ דאגה פון הימלי־שע זאַכן בשעת זיינע געשעפטן, איז באַוואוסט אַז דאָס איז דעם יצר הרע׳ס תחבולה כדי איהם דערנאָך אַריינצוואַרפן אין תאוות חס ושלום, ווי ס׳איז באַקאַנט. ווארום אויב ניט אזוי, — פון וואַנען נעמט זיך צו איהם אַן אמת׳ע עצבות צוליב ליבשאַפט אָדער מורא פאַר ג־ט אינמיטן זיינע גע־שעפטן? והנה, סיי אויב די עצבות פאַלט איהם אַריין בשעת דער עבודה,ביים לערנען אָדער ביים דאַוונען, און סיי ס׳פאַלט איהם אַריין ניט בשעת עבודה, זאָל ער דאָס צוטראָגן צו זיין האַרצן, אז ניט איצט איז די צייט פאַר אַמת׳ער עצבות אפילו ניט פאַר דער דאגה וועגן האַרבע זינד חס ושלום. — נאָר צו דעם דאַרף מען האָבן באַשטימטע צייטן און אַ פּאַסיגע שעה מיט ישוב הדעת, זיך צו באַטראַכטן אין דער גרויסקייט פון ג־ט וואָס צו איהם האָט ער געזינדיגט, כדי אַז דורך דעם זאָל זיין האַרץ ווערן צובראָכן אויף אַן אמת, מיט אַן אמת׳ער ביטערקייט, אַזוי ווי די דאָזיגע צייט ווערט ער־קלערט אויף אַן אַנדער אָרט, און דאָרט ווערט אויך ער־קלערט אַז גלייך נאָכדעם ווי זיין האַרץ ווערט צובראָכן אין יענע באַשטימטע צייטן, זאָל ער תיכף אַראָפּנעמען די עצבות פון זיין האַרצן אינגאַנצן, און ער זאָל גלויבן אַ גאַנצע

אמונה אַז דער אויבערשטער האָט אַראָפּגענומען זיינע זינד און עס איז גרויס זיין מוחל זיין, און דאָס איז די אמת'ע שמחה מיט ג־ט וועלכע קומט נאָך דעם אומעט ווי אויבן ערקלערט.

פרק כז און אויב די עצבות איז ניט פון דער דאגה וועגן זינד נאָר פון שלעכטע געדאַנקען און שלעכטע תאוות וואָס פאַלן אַריין אין זיין מחשבה, איז אויב זיי פאַלן איהם אַריין ניט בשעת די עבודה, נאָר בעת ער פאַרנעמט זיך מיט זיינע געשעפטן און מיט וועלטליכע ענינים און דאָסגלייכן, דאַרף ער דאָך, אדרבא, זיין צופרידן מיט זיין חלק, וואָס כאָטש זיי פאַלן איהם אַריין אין זיין געדאַנק, קעהרט ער אָפּ זיין געדאַנק דערפון צו מקיים זיין וואָס עס שטייט (א) : „ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם אשר אתם זונים אחריהם". און דער פסוק רעדט ניט וועגן צדיקים, אָנצורופן זיי „זונים" חס ושלום, נאָר וועגן בינונים, אַזעלכע ווי ער, וואָס ס'פאַלן איהם אַריין געדאַנקען וועגן ניאוף אין זיין מחשבה, סיי אויף אַן ערלויבטן אופן כו' און אַז ער ווענדט אָפּ זיין געדאַנק דערפון, איז ער מקיים דעם לאו, און די חכמים האָבן געזאָגט (ב) אַז אויב ער האָט זיך אַיינגעהאַלטן און האָט ניט געטאָן קיין עבירה (ג), גיט מען איהם שכר גלייך ווי ער וואָלט טאָן אַ מצוה, און דעריבער דאַרף ער זיך פרייען מיט

א) במדבר ט"ו, ל"ט: און איהר זאלט ניט נאכגיין נאך אייער הארץ און נאך אייערע אויגן וואס איהר קעהרט אפ נאך זיי.

ב) קידושין ל"ט, ע"ב.

ג) וואס ער האט געוואלט טאן.

דעם וואָס ער איז מקיים דעם לאו, גלייך ווי מיט מקיים זיין אַ מצות עשה ממש, און אדרבא, די עצבות נעמט זיך פון גרויסהאַלטן־זיך וואָס ער דערקענט ניט זיין אָרט און דעריבער איז איהם שלעכט אויפן האַרץ פאַרוואָס ער איז ניט אין אַ מדריגה פון צדיק וואָרום באַ צדיקים פאַלן געוויס ניט אַריין אַזעלכע נאַרישע געדאַנקען. וואָרום אויב ער וואָלט דערקענט זיין אָרט, אַז ער איז גאָר וויים פון דער מדריגה פון אַ צדיק, און הלואי וואָלט ער געווען אַ בינוני און ניט קיין רשע זיין גאַנצן לעבן, אפילו ניט קיין איין שעה — איז דאָך דאָס די מדה פון בינונים און זייער עבודה, איינצוּנעמען דעם יצר און דעם געדאַנק וואָס גייט ארויף פון האַרצן אין מוח אַריין, און אינגאַנצן אָפּצוּווענדן זיין געדאַנק דערפון און איהם אַוועקשטופּן מיטביידע הענט, ווי אויבן ערקלערט(ד), און מיט יעדן אַוועקשטופּן וואָס ער שטופּט איהם אַוועק פון זיין מחשבה, ווערט איינגעבויגן די סטרא אחרא דאָ אונטן און דורך דער התעוררות פון דאָ אונטן קומט א התעוררות פון אויבן, און עס ווערט איינגעבויגן די סטרא אחרא וואָס אויבן, וואָס זי הויבט זיך אויף ווי אַן אָדלער, און ס'ווערט מקוים דאָס וואָס שטייט(ה) „אם תגביה כנשר וגו' משם אורידך נאם ה'".
און אַזוי ווי ס'ווערט הויך אַרומגערעדט אין זוהר פרשת תרומה [דף קכ"ח] וועגן דעם גרויסען נחת רוח פאַר איהם יתברך בעת די סטרא אחרא ווערט איינגע־בויגן דאָ למטה, וואָס דעמאָלט ווערט נמשך דעם אויבערשטנ'ס

ד) פרק י"ב. ע' לד [34].
ה) עובדי' פסוק ד': אויב דו וועסט אַרויפשטייגן ווי אַן אָדלער, וועל איך דיר פון דאָרט מאַכן נידערן — זאָגט ג־ט.

כבוד העכער איבער אַלץ, מעהר פון אַן אַנדער שבח, און אַט די המשכה איז מער פון אַלץ וכו׳, און דעריבער זאָל אַ מענטשנ׳ס האַרץ ניט ווערן געפאַלן ביי זיך, און ס׳זאָל איהם ניט זייער שלעכט ווערן אויפ׳ן הארצן אפילו אויב זיין גאַנץ לעבן וועט ער זיין אין דער מלחמה, ווארום אפשר איז ער צוליב דעם באַשאַפן געוואָרן און דאָס איז זיין עבודה — אַלעמאָל אַיינ־צובויגן די סטרא אחרא. און אויף דעם האָט איוב געזאָגט (ו): „דו האָסט באַשאַפן רשעים״ — און ניט זיי זאָלן זיין באמת רשעים חס ושלום, נאָר ס׳זאָל זיי טרעפן ווי די מעשה פון רשעים, אין זייערע מחשבות און זייערע געדאַנקען אַליין און זיי זאָלן אייביג מלחמה האַלטן אָפצוקעהרן זייער געדאַנק פון זיי, כדי איינצובויגן די סטרא אחרא. און זיי קענען איהר ניט מבטל זיין אינגאַנצן, וואָרום דאָס ווערט געטאָן דורך צדיקים. און פאַר איהם יתברך, למעלה איז פאַראַן צוויי מינים נחת רוח. איינס, פון דעם מבטל זיין די סטרא אחרא אינגאַנצן און איבערקעהרן פון ביטער אויף זיס און פון פינסטער אויף ליכטיג — דורך די צדיקים. און דער צווייטער איז בעת די סטרא אחרא ווערט איינגע־בויגן בעת זי איז נאָך אין איהר שטאַרקייט און איהר פעסטקייט און הויבט זיך אויף ווי אַן אָדלער און פון דאָרט מאַכט איהר דער אויבערשטער אַראָפּנידערן, דורך דער התעוררות פון דאָ־אונטן פון די בינונים. און דאָס איז וואָס דער פסוק זאָגט (ז):

ו) בבא בתרא ט״ז, ע״א.

ז) בראשית כ״ז, ד׳: און מאַך מיר געשמאַקע שפייזן אזוי ווי איך האָב האָלד.

„ועשה לי מטעמים כאשר אהבתי". „מטעמים" שטייט לשון רבים, צווייערליי נחת רוח, און דאָס זיינען די ווערטער פון דער שכינה צו איהרע קינדער, דעם כלל ישראל אַזוי ווי ס'ווערט ערקלערט אין תיקונים. און אַזוי ווי, ביי גשמיות'דיקע, געשמאַקע שפייז, דרך משל, איז פאַראַן צווייערליי פערגעניגנדיקע שפייזן, איינס פון געשמאַקע און זיסע מאַכלים, און דאָס צווייטע פון שאַרפע אָדער זויערע זאַכן, נאָר זיי זיינען גוט געווירצט און צוגעגרייט, אַזוי, אַז זיי ווערן געשמאַקע מאכלים מחיה צו זיין דעם נפש. און דאָס איז וואָס ס'שטייט (ח): „כל פעל ה' למענהו וגם רשע ליום רעה", דאָס מיינט אַז ער זאָל תשובה טאָן פון זיין שלעכטיגקייט און זאָל מאַכן פון זיין שלעכטסקייט טאָג און ליכטיג למעלה, בעת די סטרא אחרא ווערט איינגעבויגן, און דעם אויבערשטנ'ס כבוד ווערט נמשך למעלה. און נאָך מעהר: אפילו ביי זאַכן וועלכע זיינען אינגאַנצן מותר, איז וואָס מעהר דער מענטש שעכט אָפּ זיין יצר, אפילו נאָר אויף אַ קליינע ווײַלע, און איז מכוון איינצובויגן די סטרא אחרא וואָס אין דעם לינקן טייל (ט), למשל, אַז ער וויל עסן און ער לייגט אָפּ דעם עסן מיט אַ שעה שפּעטער, אָדער ווייניגער און אין יענער צייט איז ער עוסק אין תורה, אַזוי ווי ס'ווערט געבראַכט אין גמרא (י) אַז די פערטע שעה פון טאָג איז די צייט ווען אַלע מענטשן עסן, און די זעקסטע שעה איז די צייט ווען תלמידי

ח) משלי ט"ז, ד': אַלץ וואָס דער אויבערשטער האָט געטאָן איז פאַר זיין לויב און אויך דער רשע פאַר דעם טאָג פון שלעכטס.

ט) פון הארץ.

י) שבת י', ע"א.

חכמים עסן, און זיי פלעגן זיך הונגערן צוויי שעה צוליב אַט־דער כוונה, כאָטש אַז אויך נאָך דער סעודה פלעגן זיי דאָך לערנען אַ גאַנצן טאָג. און אזוי אויך אויב ער האַלט איין זיין מויל פון צו ריידן רייד וואָס זיין האַרץ גלוסט זייער צו ריידן וועגן די ענינים פון דער וועלט, און אַזוי אויך די געדאַנקען פון זיין מחשבה, אפילו נאָר אַ קליין ביסל, וואָס עס ווערט איינגעבויגן די סטרא אחרא למטה, ווערט נמשך דעם אויבערשטנ׳ס כבוד און זיין קדושה אַ סך למעלה און פון דער קדושה ווערט נמשך אַ העכערע קדושה אויף דעם מענטש דאָ־אונטן, איהם צוצוהעלפן מיט אַ גרויסער און שטאַרקער הילף צו דינען איהם יתברך. און דאָס איז וואָס די חכמים האָבן געזאָגט (יא): „אַ מענטש הייליגט זיך אַביסל דאָ־אונטן, הייליגט מען איהם אַ סך פון אויבן.״ — אויסער וואָס ער איז מקיים אַ מצות עשה פון דער תורה „והתקדשתם (יב) וכו׳״ — ווען ער הווליגט זיך ביי דעם וואָס איז איהם מותר, און „והתקדשתם״ איז דער טייטש: איהר זאָלט זיך מאַכן הייליג, דאָס הייסט כאָטש אַז באמת איז ער ניט הייליג און אָפּגעשיידט פון דער סטרא אחרא, וואָרום זי איז פאַראַן אין איהר שטאַרקייט און אין איהר פעסטקייט, ווי איהר געבורט, אין לינקן טייל, מעהר ניט וואָס ער באַזיגט זיין יצר הרע און איז זיך מקדש, (יג) „והייתם קדו־שים״ ד. ה. דער סוף אַז ער וועט זיין הייליג און אָפּגעשיידט באמת

יא) יומא ל״ט, ע״א.

יב) ויקרא כ׳, ז׳: און איהר זאָלט זיך הייליגן.

יג) איז יעמאָלט—.

פון דער סטרא אחרא דורך דעם וואָס מ׳איז איהם פיל מקדש פון אויבן און מ׳העלפט איהם אַוועקצוטרייבן איהר (יד) פון זיין האַרץ ביסלאַכוויז.

פרק כח און אפילו אויב ס׳פאַלן אין איהם אַריין געדאַנקען פון תאוות און אַנדערע פרעמדע מחשבות בשעת דער עבודה, אין תורה אָדער אין תפלה מיט כוונה, זאָל ער זיי ניט שענקען קיין אויפמערקזאַמקייט, נאָר ער זאָל תיכף אָפּ־ווענדן זיינע געדאַנקען פון זיי, און ער זאָל אויך ניט זיין קיין נאַר (א) עוסק צו זיין מיט מעלה זיין די מדות פון דער פרעמדער מחשבה, ווי ס׳איז באַקאַנט, ווארום יענע זאַכן זיינען געערעדט געוואָרן נאָר ביי צדיקים וואָס זיי פאַלן גאָרניט אַריין זייערע אייגענע מחשבות זרות, נאָר פון אַנ־דערע. אָבער ווען ס׳פאַלען אים אַריין פון זיינע אייגענע, פון דער בחינה פון דעם שלעכטס וואָס איז אין זיין האַרץ, אין דעם לינקן טייל — ווי קען ער עס אויפהויבן למעלה און ער אַליין איז צוגעבונדן דאָ למטה? פונ־דעסטוועגן אָבער, זאָל ער ניט זיין געפאַלן ביי זיך אין האַרצן, ער זאָל דערפון ווערן אומעטיג און פאַראַכטעט בשעת דער עבודה, וואָס זי דאַרף דאָך זיין מיט גרויס שמחה, נאָר אדרבא, ער זאָל זיך מעהר שטאַרקן און נאָך פאַרמעהרן מוט מיט זיין גאַנצן כח אין דער כוונה פון דער תפלה,

---

יד) די סטרא אחרא.

א) זיך צו פארמעסטן.

מיט מעהר פרייד און מעהר שמחה, צוטראָגנדיג זיך צו זיין האַרצן אַז דאָס וואָס די מחשבה זרה איז איהם אַריינ־געפאַלן, איז דאָס פון דער קליפה, וואָס אין דעם לינקן טייל וועלעכע פיהרט מלחמה ביים בינוני מיט דעם נפש האלקית וואָס אין איהם. און ס'איז דאָך באַקאַנט דער דרך פון די וואָס האַלטן מלחמה און אזוי אויך די וואָס ראַנגלען זיך איינער מיט'ן צווייטן, אַז בעת איינער שטאַרקט זיך, איז דאַן באַמיהט זיך דער צווייטער מיט זיין גאַנצן כח אויך שטאַרקער צו ווערן. און דעריבער, ווען דער נפש האלקית שטאַרקט זיך און פעסטיגט זיך צו דאַוונען — שטאַרקט זיך דאַן אויך אַנטקעגן איהר די קליפה אויף צו מבלבל זיין איהר און צו מאַכן איהר אַראָפּפאַלן מיט איהר מחשבה זרה, און ניט ווי דער טעות פון דער וועלט, וואָס זיי האָבן אַ טעות, צו באַווייזן פון דעם וואָס ס'פאַלט אַריין אַ מחשבה זרה, אַז פון דעם איז געדרונגען אַז זייער דאַוונען איז גאָרניט, ווארום אויב ער וואָלט געדאַוונט ווי ס'דאַרף צו זיין און ריכטיג, וואָלטן איהם קיין פרעמדע מחשבות ניט אַריינפאַלן. עס וואָלט אין דער אמת געווען אַזוי ווי זיי זאָגן, אויב עס וואָלט מעהר ניט געווען ווי איין נפש אַליין, וואָס זי איז די וואָס דאַוונט און זי איז די וואָס טראַכט און דענקט די מחשבות זרות, אין דעם

ריכטיגן אמת אַבער, זיינען זיי צוויי נפשות וועלכע האַלטן מלחמה איינע מיט דער צווייטער אין דעם מענטשנ׳ס מוח, יעדע איינע וויל און באַגעהרט צו געוועלטיגן איבער איהם, און אַז דער מוח זאָל זיין פול מיט איהר אַליין. און אַלע געדאַנקען פון תורה און יראת שמים זיינען פון נפש האלקית, און אַלע וועלט־ליכע זאַכן זיינען פון נפש הבהמית, מעהר ניט וואָס דער נפש האלקית איז אָנגעטאָן אין איהר. און דאָס איז ווי דער משל פון אַ מענטש וואָס דאַווענט מיט כוונה און אַנטקעגן איהם שטייט אַ גוי אַ רשע און שמועסט און רעדט צו איהם כדי איהם מבלבל צו זיין, וואָס געוויס איז דאָס זיין עצה איהם גאָרניט צו ענטפערן, פון גוטס ביז שלעכטס, און זיך מאַכן ווי אַ טויבער וואָס הערט ניט, און צו מקיים זיין דאָס וואָס ס׳שטייט (ב) „אל תען כסיל כאולתו פן תשוה לו גם אתה״. אַזוי זאָל ער גאָרניט ענטפערן און קיין טענה און מענה קעגן דער מחשבה זרה, ווארום דער וואָס ראַנגלט זיך מיט אַ מנוול ווערט אַליין אויך אַ מנוול. נאָר ער זאָל זיך מאַכן גלייך ווי ער ווייסט ניט און הערט ניט

ב) משלי כ״ו, ד׳: ענטפער ניט דעם נאַר לויט זיין נאַרישקייט, טאמער ווערסטו אויך ווערן גלייך צו איהם.

די געדאַנקען וואָס זיינען איהם אַריינגעפאַלן, און ער זאָל זיי אַראָפּנעמען פון זיין געדאַנק, און ער זאָל זיך נאָך מעהר שטאַרקן מיט דעם כח פון זיין כוונה. און אויב ס׳וועט איהם זיין שווער זיי אַראָפּצונעמען פון זיין געדאַנק, ווארום זיי צורודערן זיין געדאַנק גאָר שטאַרק, — יעמאָלט זאָל ער דערנידעריגן זיין נפש פאַר ג־ט און זאָל זיך בעטן ביי איהם יתברך אין זיין מחשבה, אויף איהם רחמנות צו האָבן, מיט זיינע גרויסע רחמים, אַזוי ווי אַ פאָטער וואָס דער־בארימט זיך אויף קינדער וואָס זיי נעמען זיך פון זיין מוח, און אַט־אַזוי זאָל ג־ט רחמנות האָבן אויף זיין נפש וועלכע נעמט זיך פון איהם יתברך, זי צו ראַטעווען פון די שלעכטע וואַסערן, און ער זאָל עס טאָן צוליב זיך אַליין, ווארום(ג) „חלק ה׳ — ממש — עמו״.

פרק כט אבער נאך א זאך דארפן די בינונים זיך נעמען אין באַטראַכט, אַז צייטנווייז און אָפטמאָל איז ביי זיי פאַראַן אַ פאַרשטאָפּטקייט פון האַרצן וואָס עס ווערט ווי אַ שטיין און ער קען פאַר קיין אופן ניט עפענען זיין האַרץ פאַר דער עבודה וואָס מיט׳ן האַרצן — וואָס דאָס איז תפלה. אויך קען ער טיילמאָל ניט מלחמה האַלטן מיט׳ן יצר אויף זיך צו הייליגן אין די זאַכן וועלכע זיינען איהם דערלויבט, צוליב דער שווערקייט וואָס איז ביי איהם אין האַרצן. און אַט־דאָס איז די עצה וועלכע ווערט געראַטן אין זוהר הקדוש וואָס עס האָט געזאָגט רב מתיבתא אין גן עדן, אַז

ג) דברים ל״ב, ט׳: אידן זיינען אַ טייל פון ג־ט.

„אַ האַלץ וואָס דער פייער נעמט עס ניט— צוקלאַפּט מען עס כו׳״ — „אַ גוף אין וועלכן עס גייט ניט אריין דאָס ליכט פון דער נשמה צושטויסט מען איהם״ (א) כו׳ דאָס „ליכט פון דער נשמה״ מיינט אַז דאָס ליכט פון דער נשמה און פון דעם שכל לייכטן ניט אויף אַזוי פיל אַז זיי זאָלן געוועלטיגן איבער די חומריות וואָס אין דעם גוף, און כאָטש ער פאַרשטייט און טראַכט אַריין מיט זיין שכל אין דער גרויסקייט פון ג־ט ווערט דאָס ניט אריינגענומען און קלעפּט זיך ניט אין זיין מוח אויף אַזוי פיל אַז ער זאָל קענען געוועלטיגן אויף די חומריות פון האַרצן, צוליב זייער חומריות און זייער גראָבקייט, און די סיבה איז די גראָבקייט פון דער קליפּה וואָס זי הויבט זיך אויף איבער די ליכטיגקייט פון דער קדושה פון דעם נפש האלקית, און פאַרשטעלט און מאַכט פינסטער איהר ליכטיגקייט. און דעריבער דאַרף מען איהר צושטויסן און איהר דערנידערן ביז צו דער ערד, דאָס הייסט באַשטימען צייטן אויף דערנידערן זיך צו זיין „נבזה בעיניו נמאס״ (ב) אַזוי ווי ס׳שטייט, „ולב נשבר רוח נשברה״ (ג) וואָס דאָס איז די סטרא אחרא וואָס ביי בינונים איז דאָס דער מענטש אַליין, וואָרום די נפש החיונית וואָס באַלעבט דעם קערפּער איז אין איהר נאַטירליכער שטאַרקייט אין זיין האַרץ, קומט דאָך אויס אַז זי איז דער מענטש אַליין.

א) אעא דלא סליק בי׳ נהורא מבטשין לי׳, גופא דלא סליק בי׳ נהורא דנשמתא מבטשין לי׳.

ב) תהלים ט״ו, ד׳: פאַראכטעט ביי זיך אין די אויגן פאַרמיאוס׳ט.

ג) און אַ צובראָכן האַרץ — אַ צובראכענער גייסט.

און וועגן דעם נפש האלקית וואָס אויף איהם שטייט דאָך: „נשמה שנתת בי טהורה היא״(ד), — וואָס דו האָסט אַריינגעגעבן אין מיר דווקא, הייסט דאָס, אַז דער מענטש אַליין איז ניט אָט־די ריינע נשמה, סיידן ביי צדיקים וואָס ביי זיי איז פאַרקערט, וואָס די ריינע נשמה, וואָס דאָס איז דער נפש האלקית — אָט זי איז דער מענטש, און זייער גוף ווערט אָנגערופן פלייש פון אַ מענטש, און אַזוי ווי דער מאמר פון הלל הזקן צו זיינע תלמידים, ווען ער פלעגט גיין עסן פלעגט ער זאָגן אַז ער גייט טאָן אַ חסד מיט אַ געפאַלענער און אָרימער, מיינענדיג זיין גוף, וואָס ער איז ביי איהם געווען פאַררעכענט ווי אַ פרעמדער, און דעריבער פלעגט ער זאָגן אַז ער טוט מיט איהם אַ חסד וואָס ער גיט איהם עסן, ווארום ער אַליין איז מעהר ניט ווי די נפש האלקית אַליין, ווארום נאָר זי אַליין באַלעבט זיין גוף און זיין פלייש, ווארום דאָס שלעכטס וואָס איז געווען אין דער נפש החיונית וואָס איז אָנגעטאָן אין זיין בלוט און זיין פלייש, איז איבערגעקעהרט געוואָרן אויף גוטס און אַריינגענומען געוואָרען אין דער קדושה פון דעם נפש האלקית ממש ביי צדיקים. אָבער ביי אַ בינוני, וויבאַלד דער מהות און די עצמות פון דער נפש החיונית הבהמית וואָס איז פון דער סטרא אחרא וואָס איז אָנגעטאָן אין זיין בלוט און זיין פלייש איז ניט איבערגעקעהרט געוואָרן אויף גוטס, איז זי דאָך דער מענטש אַליין, און

ד) די נשמה וואָס דו האָסט אין מיר אריינגעגעבן, איז אַ ריינע. (ברכת השחר).

אויב אַזוי איז ער דאָך ווייט פון ג־ט מיט אַן אומענדליכן ווייטקייט, וואָרום דער כח וועלכער גלוסט וואָס אין זיין נפש הבהמית, קען דאָך אויך גלוסטן צו דברים האסורים, וואָס זיינען קעגן זיין ווילן יתברך, כאָטש ער גלוסט ניט צו טאָן זיי בפועל ממש חס ושלום, נאָר אַז זיי זיינען ניט פאַרמיאוס׳ט ביי איהם מיט אַן אמת אַזוי ווי ביי צדיקים, ווי ס׳ווערט אויבן ער־קלערט [פרק יב]. און דערמיט איז ער ערגער און פאַר־מיאוסט און פאַראַכטעט מעהר פון די טמא׳דיקע בעלי חיים און שקצים און רמשים, ווי אויבן דערמאָנט (ה), און אַזוי ווי ס׳שטייט (ו) „ואנכי תולעת ולא איש" וגו׳ [און אויך ווען עס שטאַרקט זיך אין איהם זיין נפש האלקית אויף מעורר זיין די ליבשאַפט צו ג־ט בשעת דעם דאַוונען, איז דאָס ניט אינגאַנצן מיט אַ ריכטיגן אמת, ווי־באַלד דאָס גייט דורך און גייט אַוועק נאָכ׳ן דאַוונען, ווי מען האָט גערעדט פריער, סוף פרק י״ג], און בפרט אויב ער וועט זיך דערמאָנען די טומאה פון זיין נפש מיט די זינד פון דער יוגענד און דעם פגם וואָס ער האָט גע־מאַכט אין די העכערע וועלטן, און דאָרט איז העכער פון צייט, און ס׳איז גלייך ווי ער וואָלט פוגם געווען און טמא געוואָרן היינטיגן טאָג חס ושלום ממש, און כאָטש אפילו ער האָט שוין געטאָן אַ ריכטיגע תשובה, איז דאָך דער עיקר תשובה אין האַרצן, און אין דעם האַרץ איז דאָך פאַראַן אַ סך בחינות און מדריגות און אַלעס איז לויט דעם

ה) פרק כ״ה, ע׳ [60] ס׳.

ו) תהלים כ״ב ז׳. און איך בין אַ וואָרים און ניט קיין מענטש.

וואָס פאַר אַ מענטש ער איז, און לויט דער צייט און דעם אָרט, אַזוי ווי ס'איז באַקאַנט צו די וואָס וויסן. און דעריבער איז איצט אין דער צייט בעת ער זעהט ביי זיך אַליין אַז ס'גייט ניט אַריין אין איהם די ליכטיגקייט פון דער נשמה, איז גע־דרונגן אַז היינט איז ניט אָנגענומען געוואָרן זיין תשובה, און זיינע זינד שיידן פאַנאַנדער, אָדער מ'וויל איהם אויפהויבן צו א נאָך העכערער תשובה, פון אַ טיפערן האַרצן. און דעריבער האָט דוד המלך געזאָגט (ז) „וחטאתי נגדי תמיד". און אויך דער וואָס איז ריין פון די האַרבע זינד פון דער יוגענד, זאָל ער זיך נעמען צום האַרצן מקיים צו זיין דעם מאמר פון זוהר הקדוש אויף צו זיין פון די בעלי חשבון, דאָס הייסט מאַכן אַ חשבון מיט זיין נפש פון די אַלע מחשבות און די דיבורים און די מעשים וואָס זיינען דורכ־געגאַנגען און אַוועקגעגאַנגען פון דעם טאָג וואָס ער איז געוואָרן ביז היינטיגן טאָג — אויב זיי זיינען אַלע געווען פון דער זייט פון קדושה אָדער פון דער זייט פון טומאה רחמנא ליצלן, וואָס דאָס זיינען אַלע מחשבות און די רייד און די מעשים וואָס זיינען ניט צו ג־ט און צו זיין ווילן און צו זיין עבודה, וואָס דאָס איז דער טייטש פון דעם וואָרט סטרא אחרא, ווי עס איז אויבן ערקלערט געוואָרן [אין פרק ו']. און דאָס איז באַוואוסט אַז יעדער צייט ווען דער מענטש טראַכט הייליגע מחשבות, ווערט ער אין דער צייט אַ מרכבה פאַר די היכלות פון קדושה, וואָס פון זיי נעמען זיך אָט־די

ז) תהלים נ"א, ה': און מיינע זינד שטייען שטענדיג קעגען מיר.

מחשבות. און אַזוי איז פאַרקערט, ווערט ער אַ מרכבה טמאה אין דער צייט צו די היכלות פון טומאה, וואָס פון זיי נעמען זיך אַלע שלעכטע מחשבות. און אַזוי איז אויך אין רייד און מעשה. נאָך זאָל ער צוטראָגען צו זיין האַרץ די מעהרהייט פון זיינע חלומות, וואָס זיי זיינען פוסטקייט און צובראָכענקייט פון גייסט, ווייל זיין נפש גייט ניט אַרויף למעלה, און אַזוי ווי ס׳שטייט (ח): „מי יעלה בהר ה׳ — נקי כפים" וגו׳, און יענע וועלכע זיינען פון דער שלעכטער זייט קומען און באהעפטען זיך אין איהם און מעלדן איהם אין חלום זאַכען פון דער וועלט וכו׳ און אָפטמאָל לאַכן זיי אָפּ פון איהם און ווייזן איהם ניט־ריכטיגע זאַכן און זיינען איהם מצער אין זיין חלום כו׳, אַזוי ווי ס׳ווערט ערקלערט אין זוהר ויקרא [דף כ"ה ע"א און ע"ב], זעה דאָרט באריכות. והנה, וואָס מעהר ער וועט מאריך זיין אין די ענינים אין זיין מחשבה און אויך פאַרטיפענדיג זיך אין ספרים, אַז זיין האַרץ זאָל ווערן צובראָכן ביי איהם אין אינווייניג און ער זאָל זיין פאַרשעמט אין זיינע אייגענע אויגן, פאַר׳מיאוס׳ט ווי עס שטייט אין פסוק (ב), אינגאַנצן פאַר׳מיאוס׳ט אַז ער זאָל פאַר׳מיאוס׳ן זיין לעבן ממש, איז מיט דעם פאַר׳מיאוס׳ט ער דאָך און איז מבזה די סטרא אחרא און מאַכט איהר נידעריג צו דער ערד און מאַכט איהר אַראָפּנידערן פון איהר גרויסקייט און איהר גרויסהאַלטן־זיך און איהר מאַכן זיך הויך, וואָס זי מאַכט זיך הויך אויף דער ליכטיגקייט

ח) תהלים כ"ד, ג׳: ווער וועט ארויפגיין צו ג־ט׳ס באַרג — דער וואָס האָט ריינע הענד וגו׳.

פון קדושה פון דעם נפש האלקית אויף צו פאַרטונקלען איהר ליכטיגקייט, און ער זאָל אויך שרייען אויף איהר מיט אַ קול פון שטורם און צאָרן, איהר צו דערנידערן, אַזוי ווי רז״ל זאָגן (ט), אַז אויביג זאָל אַ מענטש מאַכן דער־צערענען דעם יצר טוב אויף דעם יצר הרע, ווי ס׳שטייט (י) „רגזו וגו׳״, דאָס הייסט דערצערענען זיך אויף דעם נפש הבהמית וואָס דאָס איז זיין יצר הרע, מיט אַ קול פון שטורם און צאָרן אין זיין מחשבה איהם צו זאָגן: „דו, ביסט שלעכט און רשע און משוקץ און מתועב און מנוול וכו׳״, ווי די אַלע נעמען וואָס אונזערע חכמים ז״ל האָבן איהם אָנגערופן באמת. ווי לאַנג וועסטו נאָך פאַרשטעלן פאַר מיר די ליכטיגקייט פון אין סוף ברוך הוא, וואָס פילט אָן אַלע וועלטן, ער (יא) איז געווען און איז יעצט און ער וועט זיין דער זעלבער אויך אויף דעם אָרט וואו איך געפין זיך, אַזוי ווי די ליכטיגקייט פון אור אין סוף ברוך הוא איז געווען אַליין איידער די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן, אָהן קיין שום ענדערונג, אַזוי ווי ס׳שטייט (יב) „אני ה׳ לא שניתי״, וואָרום ער איז העכער פון צייט וכו׳ און דו, מנוול וכו׳ לייקענסט אָפּ דעם אמת וואָס ווערט אָנגעזעהן פאַר די אויגן, אַז אַלעס איז פאַר איהם ווי גאָרניט ממש באמת,

---

ט) ברכות ה׳, ע״א.

י) תהלים ד׳, ה׳: דערצערנט, און זינדיגט ניט.

יא) דער אויבערשטער.

יב) מלאכי ד׳, י׳: איך, ג־ט, איך האָב זיך ניט געאנדערשט.

אין אַ בחינה פון ראי׳ חושיית. והנה, דורך דעם וועט ער העלפן זיין נפש האלקית צו דערלייכטן איהרע אויגן באמת — די פאַראיינציגונג פון אור אין סוף ב״ה מיט אַ ראי׳ חושיית און ניט קיין בחינה פון הערן און פאַרשטיין אַליין, אַזוי ווי ס׳ווערט ערקלערט אויף אַן אַנדער אָרט, אַז דאָס איז דער שורש פון דער גאַנצער עבודה, און דער טעם איז, ווייל אין דער אמת׳ן איז גאָר קיין ממשות ניטאָ אין דער סטרא אחרא, וואָס דעריבער ווערט זי געגליכן צו פינסטערניש, וואָס האָט ניט אין זיך קיין שום ממשות גאָרניט — און ממילא ווערט זי אָוועקגעשטויסן פאַר דער ליכטיגקייט. און אַזוי אויך די סטרא אחרא, כאָטש זי האָט אַ סך חיות צו באַלעבן אַלע בעלי חיים טמאים און די נפשות פון די גויים און אויך דעם נפש הבהמית וואָס ביי אידן, ווי ס׳ווערט אויבן דערמאָנט (יג). פונדעסטוועגן איז איהר גאַנצע חיות ניט פון זיך אַליין חס ושלום, נאָר פון דער זייט פון קדושה, ווי אויבן דערמאָנט (יד). און דעריבער איז זי אינ־גאַנצן בטל פאַר דער קדושה, אַזוי ווי פינסטערניש ווערט בטל פאַר דער גשמיות׳דיגער ליכטיגקייט. מעהר ניט אַז קעגן דער קדושה פון דעם נפש האלקית וואָס ביים מענטשן, האָט דער אויבערשטער איהר געגעבן רשות און יכולת זיך צו מאַכן אויפהויבן אַנטקעגן איהר, כדי אַז דער מענטש זאָל זיך דערוועקן צו שטאַרקן זיך אויף איהר, צו דערנידערן איהר

יג) פרק ו׳, ז׳.
יד) פרק ו׳.

דורך די נידעריגקייט און געפאַלענקייט פון זיין געמיט און וואָס ער איז פאַרשעמט און פאַר׳מיאוס׳ט ביי זיך אין די אויגן, און דורך דער התעוררות פון דאָ־אונטן וועט קומען אַ התעוררות פון אויבן אויף מקיים צו זיין דאָס וואָס שטייט (טו), „משם אורידך נאם ה׳״, דאָס הייסט, אַז ער נעמט איהר אַראָפּ פון איהר געוועלטיגקייט און פון איהר יכולת, און נעמט צו פון איהר דעם כח און רשות וואָס ער האָט איהר געגעבן, זיך צו דערהויבן אַנטקעגן דער ליכטיגקייט פון דער קדושה פון נפש האלקית, און יעמאָלט ווערט זי ממילא בטל און ווערט אָוועקגעשטופּט, אַזוי ווי ס׳ווערט בטל די פינסטערניש פאַר דער גשמיות׳דיקער ליכטיגקייט. און אַזוי ווי מיר געפינען די דאָזיגע זאַך בפירוש אין דער תורה ביי די מרגלים, וואָס פון אָנהויב האָבן זיי געזאָגט (טז): „כי חזק הוא ממנו״, „אל תקרי ממנו כו׳״, וואָס זיי האָבן ניט געגלייבט אין דעם אויבערשטנ׳ס יכולת, און דערנאָך האָבן זיי חרטה געהאַט און זיי האָבן געזאָגט (יז): „הננו ועלינו״ וגו׳ איז פון וואַנען איז צו זיי צוריקגעקומען די אמונה אין דער יכולת פון דעם אויבערשטן? משה רבנו עליו השלום האָט זיי דאָך ניט געוויזן קיין שום אות און מופת אויף דעם אין צווישן צייט, מעהר ניט וואָס ער האָט זיי געזאָגט ווי דער אויבערשטער איז דערצערנט

טו) עובדי׳, פסוק ד׳: פון דאָרטן וועל איך דיר אַראָפּנידערן — זאָגט ג־ט.

טז) במדבר י״ג, ל״א: ווייל ער איז שטאַרקער פון אונז. — אויף דעם האָבן די רז״ל געזאָגט (ערכין ט״ו ע״א): לייען ניט „ממנו״ — פון אונז, נאָר „ממנו״ — פון איהם, מיינענדיג דעם אויבערשטן ב״ה.

יז) אָט זיינען מיר אינגאנצן — מיר וועלן ארויפגיין.

אויף זיי און ער האָט געשוואָרן ניט אריינצוברענגען זיי אין לאַנד אַריין, און וואָס האָט זיי דאָס געהאָלפן אויב זיי האָבן חס ושלום ניט געגלויבט אַז דער אויבערשטער קען אַיינעמען די איין און דרייסיג קעניגען און דעריבער האָבן זיי אינגאַנצן ניט געוואָלט אַריינגיין אין לאַנד אַריין. נאָר געוויס, ווייל אידן אַליין ווייַנען גלויביקע, די קינדער פון גלויביקע, מעהר ניט וואָס די סטרא אחרא וואָס איז אָנגעטאָן אין זייער גוף האָט זיך אויפגעהויבן אויף די ליכטיגקייט פון דער קדושה פון זייער נפש האלקית, מיט איהר גרויסהאַלטן זיך און איהר געהויבנקייט מיט חוצפה אָהן טעם און דעת, און דעריבער, באַלד ווי דער אויבערשטער האָט זיך דערצערנט אויף זיי און האָט אָנגעשריען מיט אַ קול פון אַ רעש און צאָרן (יח) „עד מתי לעדה הרעה הזאת וגו׳ במדבר הזה יפלו פגריכם וגו׳ אני ה׳ דברתי, אם לא זאת אעשה לכל העדה הרעה הזאת" וגו׳, און ווען זיי האָבן געהערט די דאָזיגע שווערע רייד איז אונטערטעניג געוואָרן און צובראָכן געוואָרן זייער האַרץ אין זיי, אַזוי ווי ס׳שטייט (יט) „ויתאבלו העם מאד", און ממילא איז אַראָפּגעפאַלן די סטרא אחרא פון איהר געוועלטיגקייט, און פון איהר געהויבנקייט און פון איהר גרויסהאַלטן זיך און אידן אַליין זיינען דאָך גלויביגע. און פון דעם קען אָפּלערנען יעדער מענטש וואָס איהם פאַלן אַריין אין זיין מחשבה ספיקות אויף אמונה —

יח) במדבר י״ד, כ״ז־כ״ט־ל״ה: ווי לאַנג נאָך וועט די דאזיגע שלעכטע געמיינדע וגו׳ אין דער דאָזיגער וויסטעניש וועלן אייערע טויטע קערפּערס פאַלן — איך ג־ט האָב גערעדט, אויב ניט דאָס וועל איך טאָן צו דער גאַנצער שלעכטער עדה.

יט) במדבר י״ד, ל״ט: און דאָס פאָלק האָט זייער געקלאָגט.

אַז דאָס זיינען פּוסטע רייד פון דער סטרא אחרא אַליין, וואָס זי הויבט זיך אַליין אויף, אויף זיין נפש, אָבער אידן אַליין זיינען גלויביקע כו׳, און אויך די סטרא אחרא אַליין האָט אינגאנצן קיינע ספיקות ניט אין אמונה, מעהר ניט וואָס איהר איז געגעבן געוואָרן רשות צו צוטומלען דעם מענטשן מיט ליגן און פאַלשקייט כדי ער זאָל באַ־קומען מעהר שכר, אַזוי ווי די זונה פּרוואווט איבערצורעדן דעם מלך׳ס זוהן מיט ליגנס און פאַלשקייט, מיט דעם מלך׳ס רשות, אַזוי ווי ס׳ווערט געבראַכט אין זוהר הקדוש.

פרק ל נאָך דאָס זאָל ער זיך צוטראָגן צו זיין האַרץ, מקיים צו זיין דעם מאמר רז״ל (א) „און דו זאָלסט זיין נידעריג פאַר יעדן מענטשן״, און דו זאָלסט זיין מיט א ריכטיגן אמת, פאַר איטליכן מענטשן ממש, אפילו פאַר א קל שבקלים. און דאָס איז לויט דער מאמר רז״ל(ב) „זאָלסט ניט משפט׳ן דיין חבר, ביז וואַנען דו וועסט צוקומען צו זיין אָרט״, ווארום זיין אָרט ברענגט איהם מיט צו זינדיגן, ווייל זיין פרנסה איז צו גיין אין מאַרק א גאַנצן טאָג, און צו זיין פון די וואָס זיצן אין די ווינקעלאך, און זיינע אויגן זעהן אַלע תאוות און דאָס אויג זעהט און דאָס האַרץ גלוסט, און זיין יצר ברענט ווי אַ ברענענדיקער אויוון פון בעקער, אַזוי ווי ס׳שטייט אין הושע (ג) „הוא בוער כאש להבה״, וגו׳ אַנדערש אָבער דער וואָס גייט ווייניג אין מאַרק, און דעם גרעסטן טייל

א) אבות פרק ד׳ מ״ו.
ב) אבות פרק ב׳ מ״ד.
ג) ז׳ ו׳: ער ברענט ווי אַ פלאַם פייער וגו׳.

פון טאָג זיצט ער אין שטוב, און אויך אויב ער גייט אַ גאַנצן טאָג אין מאַרק, קען זיין אַז ער איז פון נאַטור ניט אַזאַ צוהיצטער, וואָרום ניט ביי איטליכן מענטשן איז דער יצר גלייך, פאַראַן איינער וואָס זיין יצר כו׳, אַזוי ווי ס׳ווערט ערקלערט אויף אַן אַנדער אָרט. והנה באמת אפילו דער וואָס איז אין זיין נאַטור גאָר אַ צוהיצטער און זיין פרנסה איז צו זיצן אַ גאַנצן טאָג אין די ווינקלאַך, האָט ער אויך ניט קיין שום פאַרענט־פער אויף זיינע זינד, און ער ווערט אָנגערופן רשע גמור, דערפאַר וואָס פאַר זיינע אויגן איז ניט פאַראַן די שרעק פאַר ג־ט, וואָרום ער האָט זיך געדאַרפט איינ־האַלטן און געוועלטיגן איבער דעם רוח פון זיין תאוה וואָס אין זיין האַרצן, צוליב דער מורא פאַר ג־ט, וועלכער זעהט אַלע זיינע מעשים, אַזוי ווי ס׳איז אויבן ערקלערט געוואָרן, ווייל דער מוח געוועלטיגט איבער׳ן האַרצן פון זיין געבורט. והנה, דער אמת איז אַז עס איז טאַקי אַ גרויסע און שטאַרקע מלחמה צו צוברעכן דעם יצר וועלכער ברענט ווי אַ פלאַם־פייער צוליב די שרעק פאַר ג־ט און ס׳איז ווי אַ נסיון ממש. און דעריבער דאַרף איטליכער מענטש לויט ווי עס איז זיין אָרט און מדרגה אין עבודת ה׳, אָפּוועגן און פרואוון ביי זיך אַליין, צו דינט ער דעם אויבערשטן לויט דעם ערך און די בחינה פון אָט אַזאַ שטאַרקער מלחמה און אַזאַ נסיון, אין דער בחינה פון טאָן גוטס, אַזוי ווי, למשל אין דער עבודה פון תפלה מיט כוונה, אויסצוגיסן זיין נפש פאַר ג־ט מיט זיין גאַנצן כח ממש, ביז די לעצטע כחות פון דעם נפש, און מלחמה צו האַלטן מיט זיין גוף

און דעם נפש הבהמית וואָס איז אין איהם, וועלכע לאָזן ניט צו די כוונה, מיט אַ שטאַרקער מלחמה, און צוקלאַפּן זיי און צושטויסן זיי ווי זאַמד יעדן טאָג פאַר׳ן דאַווענען אין דער פריה און ביינאַכט, און אויך ביים דאַווענען דאַרף ער זיך אָנשטרענגען מיט א יגיעת נפש און יגיעת בשר (ד), אַזוי ווי ס׳וועט ווייטער (ה) ערקלערט ווערן באריכות. און יעדער וואָס איז ניט צוגעקומען צו דער מדה, צו מלחמה האַלטן מיט זיין גוף, אַזאַ שטאַרקע מלחמה, איז ער נאָך אַלץ ניט צוגעקומען צו דער בחינה און דעם ערך פון דער מלחמה מיט׳ן יצר וואָס ברענט ווי אַ פלאַם־פייער, אַז ער זאָל ווערן אונטערגעוואָרפן און צובראָכן פאַר די שרעק פאַר ג־ט. און אַזוי אויך אין דעם ענין פון בענטשן נאָכ׳ן עסן און אַלע ברכות הנהנין און אויף מצוות מיט כוונה, ניט רעדענדיג שוין וועגן דער כוונה פון די מצוות אַליין (ו) לשמן. און אַזוי אויך אין דעם ענין פון זיין פאַרנומען מיט לערנען תורה, צו לערנען אַ סך מעהר פון זיין באַגעהר און זיין ווילן לויט זיין נאַטור און לויט זיין געוואוינהייט, דורך אַ שטאַרקער מלחמה מיט זיין גוף. וואָרום דער וואָס לערנט עפּעס מעהר ווי זיין נאַטור איז, איז דאָס אַ קליינע מלחמה און זי האָט גאָר קיין צושטעל און קיין פאַר־גלייך ניט צו דער מלחמה מיט׳ן יצר וואָס ברענט ווי פייער, וואָס ער ווערט אָנגערופן אַ רשע גמור, אויב ער באַזיגט ניט זיין יצר אַז ער זאָל זיין אונטערגעוואָרפן און צו־

ד) האַרעוואַניע פון דעם נפש און גוף.

ה) פרק מ״ב. ע׳ קיח [118].

ו) אז זיי זאלן געטאָן ווערן.

בראָכן פאַר ג־ט, און וואָס איז מיר דער אונטערשיד די בחינה פון אַוועקגיין פון שלעכטס און וואָס איז מיר דער אונטערשייד די בחינה פון טאָן גוטס — ס'איז אַלץ דער באַפעהל פון דעם הייליגן מלך, דעם איין און איינציגן און דעם פאַראיינציגטן ברוך הוא. און אַזוי אויך ביי די אַנדערע מצוות, און איבער־הויפּט ביי געלט־זאַכן, ווי די עבודה פון צדקה און ענליכעס. און אפילו אין דער בחינה פון „סור מרע" קען יעדער פאַר־שטאַנדיגער מענטש אויסגעפינען ביי זיך אין נפש אַז ער קערט ניט אָפּ אינגאַנצן פון דעם שלעכטס אין אַלץ, פון אַלץ און אַלץ, דאָרט וואו עס פאָדערט זיך אַ שטאַרקע מלחמה אין אַזאַ פאַרנעם ווי ס'איז אויבן דערמאָנט געוואָרן, און אפילו ווייניגער פון דעם אויבן דערמאָנטן פאַרנעם, אַזוי ווי, למשל, מפסיק זיין אינמיטן אַ פיינעם שמועס אָדער אינמיטן דערציילן וועגן זיין חבר'ס שלעכטע אויפפיהרונג, און אפילו גאָר אַ קליינעם און אַ גרינגן גנאי, כאָטש ס'איז אמת, און אפילו כדי זיך אַליין ריינצואוואַשן, אַזוי ווי ס'איז באַוואוסט פון דעם וואָס ר' שמעון האָט געזאָגט צו זיין פאָטער רבנו הקדוש „ניט איך האָב עס געשריבן, נאָר יהודא דער שניידער האָט עס געשריבן" און ער האָט איהם געזאָגט: גיי אַוועק פון לשון הרע [זע דאָרט אין גמרא אָנהויב פרק יו"ד אין בבא בתרא (ז)], און דאָס זעלבע ביי אַ סך זאַכן וואָס טרעפן זיך אָפט, און איבערהויפּט אין דעם ענין פון הייליגן זיך אין די זאַכן וואָס זיינען פאַר איהם ערלויבט, וואָס דאָס איז מדאורייתא, אַזוי ווי ס'שטייט (ח): „קדושים תהיו וגו' והתקדשתם

ז) קס"ד, ע"ב.

ח) ויקרא י"ט, ב', כ', ז': הייליג זאָלט איהר זיין וגו'. און איהר זאָלט זיך הייליגן.

וגו׳״. און אויך די זאַכן וואָס זיינען מדרבנן, זיינען זיי נאָך האַרבער ווי דברי תורה וכו׳ נאָר די אַלע און עהנלי־כע זאַכן זיינען פון די עבירות וואָס אַ מענטש טרעט מיט זיינע פיאַטעס און זיי זיינען שוין געוואָרן ווי אַ היתר. וואָרום ער האָט אויף זיי שוין עובר געווען און ווידערהאָלט, וכו׳ אָבער אין דער אמת׳ן, אויב ער איז אַ יודע ספר און ער האַלט זיך אָן אין ג־ט׳ס תורה, און וויל זיין נאָענט צו ג־ט, איז זיין זינד שטאַרק גרויס און זיין שולד איז גרעסער טאָפּעלט און פילפאַכיג, מיט דעם וואָס ער האַלט ניט מלחמה און שטאַרקט זיך ניט איבער זיין יצר לויט דעם ערך און דער בחינה פון דער אויבן דערמאָנטער שטאַרקער מלחמה — פון דער שולד פון דעם קל שבקלים פון די ווינקל־זיצערס, וועלכע זיינען ווייט פון ג־ט און זיין תו־רה, און זייער שולד איז ניט אַזוי גרויס פאַרוואָס זיי האַלטן ניט איין דעם יצר וואָס ברענט ווי אַ פלאַם־פייער, איבער די שרעק פאַר ג־ט וועלכער ווייסט און קוקט אויף אַלע זייערע מעשים, — ווי די שולד פון דעם נאָענטן וועלכער דערנעהנטערט זיך צו ג־ט און צו זיין תורה, און זיין עבודה, און אַזוי ווי די רז״ל האָבן געזאָגט וועגן אחר׳ן (ט) : וואָס ער האָט געוואוסט וועגן מיין כבוד וכו׳, און דעריבער האָבן די חכמים געזאָגט (י) וועגן עמי־הארצים אַז ביי זיי ווערן (יא) זדונות אַזוי ווי שגגות.

ט) חגיגה ט״ו (זע דאָרט אין חידושי הב״ח).
י) בבא מציעא ל״ג, ע״ב.
יא) בייזוויליגע עבירות אזוי ווי ניט־ווילענדיגע.

פרק לא והנה אפילו אז ער וועט זיך גאר לאנג פארטיפן אין די אויבן־דערמאָנטע ענינים אַרום אַ שעה און צוויי, צו זיין אין אַ געפאַלענעם גייסט און אַ צובראָכן האַרץ, וועט ער קומען צו אַ גרויסער עצבות, זאָל ער קיין מורא ניט האָבן. און כאָטש אַז עצבות איז פון דער זייט פון קליפּת נוגה און ניט פון דער זייט פון קדושה, ווארום ביי דער זייט פון קדושה שטייט (א): „עוז וחדוה במקומו", און די שכינה רוהט ניט, סיידן פון שמחה, און אַזוי אויך ביי אַ דבר הלכה וכו' נאָר אויב די עצבות איז פון הימל'שע זאַכן, נעמט זי זיך פון דער בחינה פון טוב וואָס איז פאַראַן אין נוגה [און דעריבער האָט דער אריז"ל געשריבן אַז אפילו דאגה וועגן עוונות איז ניט פאַסיג, סיידן אין דער צייט פון וידוי, און ניט אין דער צייט פון דאַוונען און לערנען תורה, וואָס זיי דאַרפן זיין מיט שמחה וואָס פון דעם צד פון קדושה דוקא]. פונדעסטוועגן איז דאָך דאָס די מדה איינצובויגן די סטרא אחרא מיט איהר מין און איהר גלייכן, אַזוי ווי די רז"ל האָבן געזאָגט(ב) „מיני' ובי' אבא לישדי בי' נרגא" — און(ג) „עס טרעפט איהם זיינס־גלייכן". און וועגן דעם שטייט(ד) „בכל

א) דברי הימים א' ט', כ"ז: שטארקקייט און פריילעכקייט זיינען אין זיין פלאץ.

ב) סנהדרין ל"ט, ע"ב: פון דעם וואלד אליין נעמט מען די האק אויף איהם צו ווארפן.

ג) שבת קכ"א, ע"ב.

ד) משלי י"ד, כ': אין יעדן אומעט וועט זיין אַ מעלה.

עצב יהי׳ מותר״ און די מעלה איז די שמחה וואָס קומט נאָך דעם אומעט, ווי ס׳ווערט שפּעטער ערקלערט. נאָר אין דער אמת׳ן ווערט אַ צובראָכן האַרץ, און די ביטערקייט פון דעם נפש וועגן איהר ווייטקייט פון די ליכטיגקייט פון דעם ג־טליכן פנים, און וואָס זי איז אַנגעטאָן אין סטרא אחרא — גאָר ניט אָנגערופן מיט׳ן נאָמען עצבות אין לשון הקודש, וואָרום עצבות מיינט אַז דאָס האַרץ איז פאַרשטאָפּט ווי אַ שטיין און ס׳איז גאָרניט פאַראַן קיין חיות אין זיין האַרצן, אָבער ביי פאַר־ביטערטקייט און אַ צובראָכן האַרץ איז דאָך אדרבא, פאַראַן חיות אין זיין האַרצן, נתפעל צו ווערן און צו זיין פאַר־ביטערט. מעהר ניט וואָס דאָס איז חיות פון דער בחינה פון גבורות קדושות, און די שמחה איז פון דער בחינה פון חסדים, וואָרום דאָס האַרץ באַשטייט פון זייביידן. והנה אַמאָל דאַרף מען דערוועקן די בחינה פון גבורות קדושות כדי ממתיק צו זיין די דינים וואָס זיי זיינען די בחינה פון דעם נפש הבהמית און יצר הרע בעת ער געוועלטיגט חס ושלום אויף דעם מענטשן, וואָרום די דינים קענען ניט נמתק ווערן, סיידן מיט זייער אייגענעם שורש, און דעריבער האָבן די רז״ל גע־זאָגט (ה) אַז אַ מענטש זאָל שטענדיג אָנרייצן דעם יצר טוב דאָס מיינט אין יעדער צייט וואָס ער זעהט אין זיין נפש אַז ער דאַרף אָנקומען דערצו. אָבער די פּאַסיגע צייט וואָס דאָס איז די באַשטימטע און פּאַסיגע צייט דערצו ביי רוב מענטשן, איז דאָס אין דער צייט ווען ער איז סיי־ווי אומעטיג פון וועלטליכע זאַכן, אָדער גלאַט־אַזוי אָהן

ה) ברכות ה׳, ע״א.

קיין שום סיבה, איז דאַן די פּאַסיגע צייט איבערצודרייען די אומעטיגקייט און צו ווערן פון די אויבן (ו) דערמאָנטע בעלי חשבון און מקיים צו זיין דעם מאמר רז״ל שטענדיג זאָל ער אָנרייצן, וכו׳ ווי אויבן דערמאָנט, און דערמיט וועט ער פּטור ווערן פון די עצבות וואָס פון די וועלטליכע ענינים, און דערנאָך וועט ער קומען צו אַן אמת׳ער שמחה, דאָס הייסט אַז ער זאָל אַזוי ענטפערן צו זיין האַרץ כדי זיך טאָפּעלט צו טרייסטן, נאָך די דאָזיגע אויבן־דערמאָנטע רייד, און אמת, זאָ־גענדיג צו זיין האַרץ: אמת, אָהן אַ ספק איז טאַקע אַזוי, אַז איך בין גאָר ווייט בתכלית פון ג־ט, און בין פאַרמיאוס׳ט און משוקץ כו׳ אָבער דאָס אַלץ בין דאָך איך אליין, דאָס הייסט דער גוף מיט׳ן נפש החיונית וואָס אין איהם. פונדעסטוועגן איז אָבער דאָך אין מיר פאַראַן אַ חלק פון ג־ט ממש, וועלכער איז פאַראַן אפילו ביי דעם קל שבקלים, וואָס דאָס איז דער נפש האלקית מיט אַ ניצוץ פון ג־טליכקייט ממש, וואָס איז אָנגעטאָן אין איהר צו באַלעבן איהר, מעהר ניט וואָס זי איז אין אַ בחינה פון גלות, און דעריבער איז דאָך אַדרבא, וואָס וויטער ביז גאָר איך בין פון ג־ט און פאַרמיאוס׳ט און משוקץ, איז דאָך מיין נפש האלקית אַלץ אין אַ גרעסערן גלות, און ס׳איז אויף איהר גאָר אַ גרויס רחמנות. און דעריבער וועל איך אַריינלייגן מיין גאַנצע שטרעבונג און באַגעהר איהר אַרויסצוציען און אויפצוהויבן איהר פון אָט דעם גלות, איהר צוריקצוברענגען צו איהר פאָטער׳ס הויז ווי אין

ו) פרק כ״ט. ע׳ 144 [72].

איהר יוגענט איידער זי איז אַנגעטאָן געוואָרן אין מיין גוף, וואָס זי איז געוועזן אַריינגענומען אין זיין ליכטיגקייט ית־ברך, און אינגאַנצן פאַראייניציגט מיט איהם, און אויך איצט וועט זי זיין אַזוי אַריינגענומען און פאַראייניציגט מיט איהם יתברך, אויב איך וועל אַריינלייגן מיין גאַנצן שטרעבן אין תורה און מצוות, אַנצוטאָן אין זיי איהרע אַלע צעהן בחינות, ווי אויבן דערמאָנט, און בפרט אין דער מצוה פון תפלה, צו שרייען צו ג־ט בשעת איהר איז ענג פון איהר גלות אין מיין פאַרמיאוסט'ן גוף, איהר ארויסנעמען פון דער געפענגעניש און צו באַהעפטן איהר אין איהם יתברך, און דאָס איז די בחינה פון תשובה און מעשים טובים, וואָס דאָס זיינען די גוטע מעשים וואָס ער טוט כדי אומצו־קעהרן דעם חלק ה' צום מקור און שורש פון אַלע וועלטן. און דאָס זאָל זיין זיין עבודה אַלע זיינע טעג מיט גרויס שמחה, וואָס דאָס איז די שמחה פון נפש בעת זי גייט אַרויס פון דעם פאַרמיאוס'טן גוף און זי קומט צוריק צו איהר פאָטער'ס שטוב ווי אין איהר יוגענט, אין דער צייט פון תורה און עבודה, און אַזוי ווי די רז"ל האָבן געזאָגט (ז) אַז מ'זאָל דעם גאַנצן לעבן זיין אין תשובה, און דו האָסט ניט קיין גרעסערע שמחה ווי אַרויסגיין פון דעם גלות און דעם גע־פענגעניש, אַזוי ווי דער משל פון דעם מלך'ס זוהן וואָס איז

ז) זע שבת קנ"ג ע"א.

געוועז אין געפענגעניש און פלעגט מאַהלן אין תפיסה און איז געוועז באַשמוצט מיט בלאָטע און ער איז אַרויס פריי צו זיין פאָטער'ס, דעם מלך'ס הויז, און כאָטש דער גוף איז נאָך אַלץ פאַרשמוצט און פאַרמיאוס'ט, און אזוי ווי ס'שטייט אין זוהר, אַז ער ווערט אָנגערופן „די פעל פון דעם שלאַנג", ווארום דער מהות און די עצמות פון נפש הבהמית זיינען ניט איבערגעקעהרט געוואָרן אויף גוטס זי זאָל אַריינ־געבומען ווערן אין קדושה. פונדעסטוועגן אָבער זאָל זיין נפש זיין טייער ביי איהם אין די אויגן, ער זאָל זיך פרייען מיט איהר שמחה מעהר ווי מיט דעם פאַרמיאוסט'ן גוף, ניט אויסצומישן און צו פאַרטומלען די שמחה פון דעם נפש מיט דעם אומעט פון דעם גוף. והנה אָט־די בחינה איז די בחינה פון יציאת־מצרים, וואָס דערביי שטייט (ח) „כי ברח העם", ווארום אין פלוג איז דאָס אַ וואונדער פאַרוואָס איז אַזוי געווען. און ווען זיי וואָלטן געזאָגט פרעה'ן ער זאָל זיי אַרויסלאָזן פריי אויף אייביג, — וואָלט ער דען ניט געמוזט זיי אַרויסלאָזן? נאָר ווייל דאָס שלעכטס וואָס אין די נפשות פון אידן איז נאָך געווען אין זיין מאַכט אין לינקן טייל, ווארום ביז מתן תורה איז נאָך ניט אַראָפּ זייער אומריינקייט, מעהר ניט וואָס זייער שטרעבן און זייער באַגעהר איז געווען אַז זייער ג־טליכער נפש זאָל אַרויסגיין פון דעם גלות פון דער סטרא אחרא וואָס דאָס איז די טומאה פון מצרים, און זיך באַהעפטן אין איהם

ח) שמות י"ד, ה': אַז דאָס פאָלק איז אַנטלאָפן.

יתברך, און אַזוי ווי ס׳שטייט (ט) „ה׳ עוזי ומעוזי ומנוסי ביום צרה וגו׳ משגבי ומנוסי וגו׳ והוא מנוס לי וגו׳״. און דערי־בער איז לעתיד לבוא — ווען ג־ט וועט אַרויסראַמען דעם רוח הטומאה פון דער וועלט, שטייט (י) „ובמנוסה לא תלכון כי הולך לפניכם ה׳״ וגו׳. און אַז די בחינה פון דער תשובה זאָל זיין העכער און שטאַרקער, פון טיפעניש פון האַרצן, און אויך די שמחה פון נפש זאָל זיין מיט נאָך מעהר ליכטיג־קייט און שמחה — ווען ער וועט זיך באַטראַכטן אין זיין האַרצן מיט וויסן און פאַרשטענדיגקייט, זיך צו טרייסטן פון זיין אומעט און טרויער, זאָגן ווי אויבן דערמאָנט: אמת טאַקי כו׳ אָבער ניט איך האָב זיך אַליין געמאַכט, און פאַרוואָס האָט ג־ט אַזוי געטאָן, אַראָפּצולאָזן אַ חלק פון זיין ליכטיגקייט יתברך וואָס איז פול און רינגלט אַרום אַלע וועלטן, און אַלע אַנטקעגן איהם באַטרעפען ווי גאָרניט, און אַט־דאָס האָט ער אָנגעטאָן אין אַ פעל פון אַ שלאַנג און אין אַ טיפה סרוחה. איז דאָך ניט אַנדערש אַז אַט־די ירידה דאַרף מען צוליב אַן עליה — צו דערהויבן צו ג־ט דעם גאַנצן נפש החיונית הבהמית וואָס פון דער קליפת נוגה, און אַלע איהרע לבושים, וואָס דאָס זיינען די בחינה פון איהר מחשבה, דיבור און מעשה, דורך זייער אָנטאָן־זיך אין מעשה,

---

ט) ירמי׳ ט״ז, י״ט: ג־ט איז מיין שטאַרקייט און מיין פעסטונג און מיין אנטלויפונג אין דעם טאג פון צרה — מיין פעסטונג און מיין אנטלויפונג, ער איז אן אנטלויפונג פאר מיר.

י) ישעי׳ נ״ב, י״ב: און מיט געלאף וועט איהר ניט גיין, וואָרום פאר אייך גייט ג־ט.

דיבור און מחשבה פון דער תורה [און אַזוי ווי ס'וועט ווייטער ערקלערט ווערן באריכות דער ענין פון אָט דער העלאה, ווי אַזוי דאָס איז דער תכלית פון באַשאַפן די וועלט]. און אויב אַזוי, וועל איך דאָס טאָן, און דאָס וועט זיין מיין גאַנצער שטרעבן אַלע טעג פון מיין לעבן, צו פאַרנעמען אינגאַנצן אין זיי דעם לעבן פון מיין רוח און מיין נפש, און אַזוי ווי ס'שטייט (יא) „אליך ה' נפשי אשא", וואָס דאָס מיינט פאַר־בינדן מיין מחשבה און מיין דיבור מיט זיין מחשבה און זיין דיבור יתברך, און דאָס זיינען די הלכות גופא וואָס זיינען פאַר אונז צוגעגרייט געוואָרן, און אַזוי אויך די מעשה, אין דעם טאָן פון די מצוות, וואָס דעריבער ווערט די תורה אָנגערופן „משיבת נפש" (יב) וואָס דאָס מיינט צו איהר מקור און צו איהר שורש, און אויף דערויף שטייט (יג): „פקודי ה' ישרים משמחי לב".

פרק לב והנה דורך מקיים זיין די אלע אויבן דערמאנטע זאַכן, אַז זיין גוף זאָל זיין נבזה און נמאס אין זיינע אויגן, נאָר זיין שמחה זאָל זיין אַ שמחה פון דעם נפש אליין — איז דאָס א גלייכער און גרינגער וועג צוצוקומען צו דער ערפי־לונג פון דער מצוה פון ואהבת לרעך כמוך(א) צו איטליכן נפש פון אידן פון גרויס ביז קליין. וואָרום וויבאַלד אַז זיין גוף איז פאַרמיאוס'ט און פאַראומווירדיקט ביי איהם — און

יא) תהלים כ"ה א': צו דיר ג־ט דערהויב איך מיין נפש.
יב) תהלים י"ט, ח': זי ברענגט צוריק דעם נפש.
יג) תהלים י"ט, ט': ג־ט'ס באַפעהלן זיינען גלייכע, זיי דער־פרייען דאָס האַרץ.
א) ויקרא י"ט, י"ח: זאָלסט ליב האָבן דיין חבר ווי זיך אַליין.

דער נפש און דער רוח — ווער ווייסט דען זייער גרויסקייט און זייער הויכקייט אין זייער שורש און זייער מקור אין אלקים חיים, וואָרום זיי אַלע זיינען דאָך גלייך און אַלע האָבן איין פאָטער און דעריבער ווערן אַלע אידן אָנגערופן ברידער ממש צוליב דעם שורש פון זייער נפש אין ה׳ אחד, מעהר ניט וואָס די גופים זיינען פאַנאנדער געטיילט, און דעריבער איז אָט־די וועלכע מאַכן זייער קערפער דעם עיקר און זייער נפש אַ זייטיגע — קען צווישן זיי ניט זיין קיין אמת׳ע ליבשאַפט און ברידערליכקייט, נאָר אַזאַ וואָס איז אָפּהענגיג פון עפּעס אַ זאַך. און דאָס איז וואָס הלל הזקן האָט געזאָגט (ב) וועגן דעם קיום פון דער דאָזיגער מצוה, אַז דאָס איז די גאַנצע תורה, און דאָס איבעריקע איז אַ פירוש כו׳ וואָרום דער יסוד און שורש פון דער גאַנצער תורה איז צו דערהויבן און מעלה זיין דעם נפש איבערן גוף גאָר הויך — ביז דעם עיקר און שורש פון אַלע וועלטן, און אויך ממשיך צו זיין אור אין סוף ב״ה אין כנסת ישראל, אַזוי ווי ס׳וועט שפּעטער ערקלערט ווערן (ג), וואָס דאָס מיינט אין דעם מקור פון די נשמות פון אַלע אידן, עס זאָל זיין „אחד באחד״ דוקא (ד), און ניט אויב ס׳איז חס ושלום פאַראַן אַ צושיידונג צווישן די נשמות, וואָרום דער אויבערשטער רוהט ניט אויף אַ פּגום׳דיקן פּלאַץ, און אַזוי ווי מיר זאָגן „ברכנו אבינו כולנו כאחד באור פניך״ (ה) — און אַזוי ווי ס׳ווערט באריכות אָרומגערעדט אויף אַן אַנדער אָרט. און דאָס וואָס איז פאַראַן אין גמרא, אַז דער וואָס זעהט ביים צווייטן אַז ער האָט גע־

ב) שבת ל״א ע״א.

ג) פרק מ״א ע׳ [114] קיד.

ד) זיי זאָלן ווערן אלע ווי איינע.

ה) בענטש אונז, אונזער פאָטער, אלע אינאיינעם, מיט דער ליכטיגקייט פון דיין פנים (תפלת שמונה עשרה).

זינדיגט, איז אַ מצוה איהם פיינט צו האָבן און אויך זאָגן זיין רבי'ן ער זאָל איהם פיינט האָבן, דאָס איז ביי זיינעם אַ חבר אין תורה און מצוות. און ער האָט שוין מקיים געווען ביי איהם די מצוה פון „הוכח תוכיח את עמיתך" (ו), „עם שאתך בתורה ובמצות" — און פונדעסטוועגן האָט ער ניט תשובה געטאָן פון זיינע זינד, אַזוי ווי ס'שטייט אין ספר חרדים, אָבער דער וואָס איז ניט זיין חבר און איז ניט נאָענט צו איהם — וועגן דעם האָט הלל הזקן געזאָגט (ז) „דו זאָלסט זיין פון אהרן'ס תלמידים. ליב האָבן שלום וכו', ליב האָבן די מענטשן און זיי דערנעהנטערן צו תורה", וואָס דאָס מיינט אַז אפילו די וואָס זיינען ווייט פון ג-ט'ס תורה און זיין עבודה און דעריי־בער ווערן זיי גלאַט אָנגערופן מיט'ן נאָמען באַשעפענישן, דאַרף מען זיי שלעפן מיט קייטן־שטריק פון ליבשאַפט. טאָמער אפשר וועט ער זיי פאַרט קענען דערנעהנטערן צו תורה און עבודת ה', און אויב ניט, האָט ער דאָך ניט אָנגעוואָרן דעם שכר פון דער מצוה פון אהבת רעים (ח) — און אויך די וועלכע זיינען נאָענט צו איהם און ער האָט זיי גע'מוסר'ט און זיי האָבן זיך ניט אומגעקעהרט פון זייערע זינד, וואָס ס'איז אַ מצוה זיי פיינט האָבן, איז אויך אַ מצוה זיי ליב צו האָבן, אוןביידע זיינען אמת. פיינט האָבן — צוליב דעם שלעכטס וואָס איז אין זיי, און ליבשאַפט — מצד דער בחינה פון דעם באַהאַלטענעם גוטס וואָס אין זיי, וואָס דאָס איז דער

ו) דו זאָלסט מוכיח זיין דיין חבר (ויקרא י"ט, י"ז) וואָס די חכמים זאָגן וועגן דעם (שבועות ל', ע"א) „וואָס איז מיט דיר אין תורה און מצוות".

ז) אבות פרק א', מי"ב.

ח) ליב האבן פריינט.

ג־טליכער פונק וואָס אין זיי, וועלכער באַלעבט זייער נפש האלקית, און איך צו דערוועקן אויף איהר רחמים ביי זיך אין האַרצן, ווארום זי איז דאָך אין אַ בחינה פון גלות אין דעם שלעכטס פון דער סטרא אחרא וואָס איז גובר אויף איהר ביי די רשעים. און דאָס רחמנות איז מבטל די שנאה און דערוועקט די ליבשאַפט, ווי עס איז באַקאַנט פון דעם וואָס שטייט (ט) „ליעקב אשר פדה את אברהם" [און דוד המלך ע"ה האָט ניט געזאָגט (י) „תכלית שנאה שנאתים" וגו' נאָר אויף די מינים און אפיקורסים וועלכע האָבן ניט קיין חלק אין אלקי ישראל, אַזוי ווי ס'שטייט אין דער גמרא אַנהויב פרק ט"ז פון מסכת שבת].

פרק לג נאך דאס וועט זיין די אמת'ע שמחה פון דעם נפש,

און איבערהויפט ווען ער זעהט ביי זיין נפש אין באַ־שטימטע צייטן, אַז ער דאַרף איהר דורכלייטערן און באַלייכטן איהר מיט אַ שמחה פון האַרצן, זאָל ער יעמאָלט פאַרטיפן זיין געדאַנק און זאָל פאַרשטעלן אין זיין שכל און זיין פאַרשטאַנד דעם ענין פון זיין אמת'ער פאַראייציגונג יתברך, ווי ער איז פול אין אַלע וועלטן, די אויבערשטע און די אונטערשטע, און אפילו די גאַנצע דאָזיגע וועלט איז פול מיט זיין כבוד יתברך, און אַלץ אַנטקעגן איהם באַטרעפט ווי גאָרניט

ט) ישעי' כ"ט, כ"ב: „צו יעקב'ן, וואָס ער האָט אויסגעלייזט אברהמ'ען", ד. ה. די מדה פון יעקב, וואָס דאָס איז רחמנות, האָלט אויף די מדה פון אברהמ'ען וואָס דאָס איז חסד און אהבה.

י) תהלים קל"ט, כ"ב: איך האָב זיי פיינט תכלית שנאה.

ממש, און ער איז איינער אַליין אין די אויבערשטע און אונ־טערשטע ממש, ווי ער איז געווען איינער אַליין פאַר ששת ימי בראשית, און אויך אין דעם אָרט וואָס אין איהם איז באַשאַפן געוואָרן אַט־די וועלט, דער הימל און די ערד און זייער גאַנצע הערשאַפט, איז ער געווען איינער אַליין וואָס פילט אָן דעם פלאַץ, און אויך איצט איז ער איינער אַליין, גאָר אָהן קיין שום ענדערונג, וואָרום אַלע וואָס זיינען באַשאַפן געוואָרן, זיינען בטל צו איהם במציאות ממש, אַזוי ווי ס׳זיינען בטל די אותיות פון דעם דיבור און פון דער מחשבה אין זייער מקור און זייער שורש, וואָס דאָס איז דער מהות פון דעם נפש און איהר עצמות וואָס דאָס זיינען איהרע צעהן בחינות, חכמה בינה, און דעת כו׳, וואָס אין זיי איז נאָך ניטאָ די בחינה פון אותיות איידער זיי טוען זיך אָן אין דעם לבוש פון מחשבה [אַזוי ווי ס׳איז ערקלערט געוואָרן באריכות אין די פרקים כ׳ און כ״א, זע דאָרט] און אַזוי ווי ס׳איז פאַראַן אויך אויף אַן אַנדער אָרט אַ משל דערויף אין גשמיות פון דעם ענין וואָס דער שיין און די ליכטיגקייט פון דער זון איז בטל אין זיין מקור, וואָס דאָס איז דער גוף פון דעם זון־באַל וואָס אין הימל, וואָס געוויס לייכט און פאַרשפרייט זיך דאָרט אויך זיין שיין און זיין ליכטיגקייט, און נאָך מעהר שטאַרקער ווי זיין פאַרשפרייטונג און זיין לייכטונג אין דעם חלל פון דער וועלט, נאָר וייל דאָרט ווערט עס בטל במציאות אין זיין מקור, און ס׳איז גלייך ווי עס איז גאָרניט פאַראַן במציאות. און פונקט אַזוי, דרך משל — איז דאָס בטל־ווערן במציאות פון דער וועלט און אַלץ וואָס פילט איהר אָן, לגבי איהר מקור, וואָס דאָס איז דער אור אין סוף ב״ה, אַזוי ווי ס׳ווערט דאָרט

אויספיהרליך ערקלערט. והנה, אַז ער וועט זיך דערין אַ סך פּאַרטיפן, וועט זיך פרייען זיין האַרץ און ס'וועט זיך פרייען זיין נפש, פרייענדיג זיך און זינגענדיג מיט'ן גאַנצן האַרץ און נפש און מיט'ן זייער מיט אַט־דער אמונה, וואָרום זי איז גרויס, וואָרום דאָס מיינט נאָענטקייט צו ג־ט ממש, און דאָס איז דער גאַנצער מענטש און דער תכלית פון זיין באַשאַפונג און דער באַשאַפונג פון אַלע וועלטן, די העכערע און די נידעריגע, אַז ער (א) זאָל האָבן אַ דירה דאַ־אונטן, ווי עס וועט ווייטער אויספיהרליך ערקלערט ווערן (ב). והנה, ווי גרויס איז די שמחה פון אַ פּראָסטן מענטש, ווען ער דערנעהנטערט זיך צו אַ מלך פון פלייש און בלוט וועלכער שטייט איין און וואוינט ביי איהם מיט איהם אין זיין הויז. און עס איז אַ קל וחומר אָהן אַ ברעג צו דער נאָענטקייט און דעם וואוינען פון דעם מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא, און אַזוי ווי ס'שטייט (ג) „כי מי הוא זה אשר ערב לבו לגשת אלי נאום ה׳". און אויף דעם האָט מען מתקן געווען אָפּצוגעבן לויב און דאַנק צו זיין נאָמען יתברך, יעדן אינדערפריה, און צו זאָגן: אשרינו, מה טוב חלקנו, וכו׳ ומה יפה ירושתנו (ד) — דאָס מיינט אַז אַזוי ווי אַ מענטש פרייט זיך און איז פאַרגניגט מיט אַ ירושה וואָס ס'איז איהם אַריינגעפאַלן אַ גרויסע רייכקייט

א) דער אויבערשטער.

ב) פרק ל״ו ע׳ צ [90].

ג) ירמי׳ ל׳, כ״א: וואָרום ווער איז דער וואָס ער האָט גוט געהייסן זיין האַרץ זיך צו דערנעהנטערן צו מיר — זאָגט ג־ט.

ד) וואויל איז אונז, ווי גוט איז אונזער חלק, און ווי שיין איז אונזער ירושה.

וואָס ער האָט דערויף ניט געהאָרעוועט, אָט־אַזוי און נאָך אַ סך מעהר אָהן אַ ברעג, דאַרפן מיר זיך פרייען איבער אונזער ירושה וואָס אונזערע אבות האָבן אונז געמאַכט ירש׳־נען, וואָס דאָס איז די אמת׳ע פאַראייניגונג פון ג־ט, וואָס אפילו דאָ אונטן, אויף דער וועלט, איז מעהר ניטאָ ווי ער אַליין, און דאָס איז זיין וואוין־פלאַץ דאָ־אונטן, און דאָס איז וואָס די רז״ל האָבן געזאָגט (ה): תרי״ג מצוות זיינען געגעבן געוואָרן צו אידן, איז געקומען חבקוק און האָט זיי אַוועקגעשטעלט אויף איינער, וואָרום עס שטייט (ו) „וצדיק באמונתו יחי׳״ — ד. ה. גלייך ווי זיי וואָלטן ניט געווען מעהר ווי איין מצוה, וואָס דאָס איז די אמונה, אַליין, וואָרום דורך די אמונה אַליין קען ער צוקומען צו מקיים זיין אַלע תרי״ג מצוות, ד. ה. אַז זיין האַרץ וועט זיין פרייליך און צופרידן מיט זיין גלויבן אין דער פאַראייניגונג פון ג־ט מיט אַ פולער שמחה, גלייך ווי ער וואָלט אויף זיך מעהר ניט געהאַט ווי די מצוה אַליין, און זי אַליין איז דער תכלית פון זיין באַשאַפונג און דער באַשאַפונג פון אַלע וועלטן — איז מיט׳ן כח און מיט׳ן חיות פון זיין נפש אין אָט־דער גרויסער שמחה, וועט זיין נפש שטייגן העכער און העכער איבער די אַלע וואָס שטערן מקיים צו זיין אַלע תרי״ג מצוות, פון אינעווייניג און פון דרויסען. און דאָס איז וואָס שטייט: „באמונתו יחי׳״ — „יחי׳״ דייקא, ער לעבט

ה) מכות כ״ד, ע״א.

ו) חבקוק ב׳, ד׳: און דער צדיק לעבט אין זיין אמונה.

אויף, אַזוי ווי תחית המתים, דרך משל, אַזוי וועט אויפלעבן זיין נפש מיט אַט־דער גרויסער שמחה. און דאָס איז אַ טאָפּעלע און פילפאַכיגע שמחה, וואָרום אויסער דער שמחה פון דעם נפש וועלכע באַגרייפט די נאָענטקייט צו ג־ט און זיין וואוי־נען ביי איהם, מיט איהם, וועט ער זיך נאָך טאָפּעלט פרייען מיט דער שמחה פון ג־ט און דעם גרויסן נחת רוח פאַר איהם יתברך מיט אַט־דער אמונה, וואָס עס ווערט איינגעבויגען די סטרא אחרא ממש און פינסטערניש ווערט איבערגעקעהרט אויף ליכטיגקייט, וואָס דאָס איז די פינסטער־קייט פון די קליפות וואָס אין דעם חומריות׳דיקן עולם הזה, וועלכע מאַכן פינסטער און פאַרדעקן זיין ליכטיגקייט יתברך, ביז צו דער צייט פון דעם קץ, אַזוי ווי ס׳שטייט (ז) „קץ שם לחושך" [וואָס דאָס איז דער קץ הימין, וואָס ער וועט אָפּ־ראַמען דעם רוח הטומאה פון דער וועלט, און עס וועט זיך אַנטפּלעקן דעם כבוד פון ג־ט, און עס וועלן דערזעהן אַלע מענטשן צוזאַמען, און ווי ס׳וועט שפּעטער ערקלערט ווערן]. און איבערהויפּט אין חוץ לארץ, וואָס די לופט פון די גוי׳שע לענדער איז טמא און פול מיט קליפות און סטרא אחרא, און ס׳איז ניטא פאַר איהם יתברך קיין שמחה, ווי די ליכטיג־קייט און די שמחה מיט דער מעהרהייט פון די ליכטיגקייט וואָס קומט אַרויס פון דער פינסטערניש דוקא. און דאָס איז וואָס שטייט (ח) „ישמח ישראל בעושיו" — דאָס מיינט אַז איטלעכער וואָס איז מזרע ישראל דאַרף זיך פרייען מיט דער

ז) איוב כ״ח, י״ג: ער מאַכט אַן ענדע צו דער פינסטערניש.

ח) תהלים קמ״ט, ב׳: ישראל וועט זיך פרייען מיט דעם וואָס האָט איהם געמאַכט.

שמחה פון ג־ט וועלכער איז צופרידן און פרייט זיך מיט זיין דירה דא־אונטן, וואָס זיי זיינען די בחינה פון גשמיות׳דיקער עשי׳ ממש, און דאָס וואָס ער זאָגט „בעושיו״, לשון רבים, ווייל דאָס איז דער גשמיות׳דיקער עולם הזה, וועלכער איז פול מיט קליפות און סטרא אחרא, וואָס ווערט אָנגערופן „רשות הרבים״, און „בערג פון צושיידונג״, און זיי ווערן איבערגעקעהרט אויף ליכטיגקייט און זיי ווערן אַ רשות פון דעם איינציגן צו זיין פאַראייניגונג יתברך מיט אָט־דער אמונה.

פרק לד והנה, דאָס איז באַקאַנט אז די אבות, זיי זיינען דאס די „מרכבה״, וואָס אַלע זייערע יאָהרן האָבן זיי קיינמאָל ניט אויפגעהערט אפילו אויף איין ווילע פון צוצובינדן זייער דעת און זייער נשמה צו דעם האַר פון די וועלטן, מיט דעם אויבן־דערמאָנטן ביטול, צו זיין פאַראייניגונג יתברך, און נאָך זיי אַלע נביאים, איטליכער לויט דער מדרגה פון זיין נשמה און זיין השגה. און די מדרגה פון משה רבנו ע״ה זי איז די וואָס שטייגט איבער זיי אַלע, וואָס אויף איהם האָט מען געזאָגט (א), אַז די שכינה רעדט פון משה׳ס האַלדז, און אַ מעין פון דעם האָבן אידן זוכה געווען שטייענדיג ביים באַרג סיני נאָר זיי האָבן עס ניט געקענט פאַרנעמען, אַזוי ווי די רז״ל זאָגן (ב) אַז ביי יעדן דיבור איז ביי זיי אויסגעגאַנגען די נשמה כו׳, וואָס דאָס איז דער ענין פון דעם אויבן־דערמאָנטן בטל־ווערן במציאות. דעריבער האָט ער זיי באַלד געהייסן מאַכן פאַר איהם אַ משכן און אין איהם דעם קדשי הקדשים, אויף צו

א) זע זהר פרשת פנחס רל״ב, ע״א, רד״ל שמות רבה סוף פרק ד׳.
ב) שבת פ״ח, ע״ב.

מאַכן רוען זיין שכינה, וואָס דאָס איז די אַנטפּלעקונג פון זיין פאַראייניציגונג יתברך, אַזוי ווי ס׳וועט ווייטער ערקלערט ווערן (ג). און זינט דער בית המקדש איז חרוב געוואָרן האָט דער אויבערשטער ניט אין זיין וועלט קיין משכן און קיין אָרט פאַר זיין וואוינונג, וואָס דאָס איז זיין פאַראייניציגונג יתברך, נאָר די פיר איילן פון הלכה, וואָס דאָס איז זיין ווילן יתברך און זיין חכמה וועלכע זיינען אַנגעטאָן אין די הלכות וואָס זיינען אויסגעשטעלט געוואָרן פאַר אונז. און דעריבער, נאָכדעם ווי דער מענטש וועט פאַרטיפן זיין מחשבה אין דעם ענין פון דעם אויבן־דערמאָנטן ביטול, לויט זיין יכולת, זאָל ער אָט־דאָס באַטראַכטן אין זיין האַרצן: אַז וויבאַלד מיין שכל און דער שורש פון מיין נשמה איז צו קליין צו קענען פאַר־נעמען צו זיין א מרכבה און אַ וואוינונג פאַר זיין פאַראייניציגונג יתברך מיט אַ ריכטיגן אמת, וויבאַלד מיין מחשבה קען איהם יתברך גאָר־גאָרניט באַנעמען און באַגרייפן קיין שום השגה אין דער וועלט, און אפילו ניט עטוואָס פון דעם — פון דער השגה פון די אבות און פון די נביאים, איז אויב אַזוי, וועל איך פאַר איהם מאַכן אַ משכן און אַ וואוין־אָרט, וואָס דאָס איז דאָס פאַרנעמען זיך מיט לערנען תורה אויף וויפיל איך האָב צייט, דורך באַשטימען צייטן בייטאָג און ביינאַכט, לויט דעם דין וואָס איז געגעבן געוואָרן צו יעדן איינעם אין הלכות תלמוד תורה, און לויט ווי די רז״ל האָבן געזאָגט (ד) „אפילו

ג) פרק נ״ג ע׳ [148] קמח.
ד) מנחות צ״ט, ע״ב.

איין פרק אין דער פריה כו׳, און דערמיט זאָל זיך פרייען זיין האַרץ און ער זאָל זיין פריילֹיך און ליבן און דאַנקען פאַר זיין חלק מיט שמחה און מיט אַ גוט האַרץ וואָס ער האָט זוכה געווען צו זיין אַ גאַסט געבער פאַר דעם אויבער־שטן צוויי מאָהל אַ טאָג, לויט זיין פרייער צייט און לויט דעם פאַרנעם פון זיין כח וואָס ג־ט האָט אים געשענקט. און אויב ג־ט וועט איהם נאָך גערעמער מאַכן — איז דאָן, דער וואָס האָט ריינע הענט וועט זיך נאָך מעהר שטאַרקן און אַ גוטע מחשבה וכו׳(ה), און אויך די רעשט פון גאַנצן טאָג, וואָס ער פאַרנעמט זיך מיט משא ומתן, זאָל זיין אַ וואוין־אָרט פאַר איהם יתברך, דורך געבן צדקה וואָס ער וועט אַוועק־געבן פון זיין האָרעוואַניע, וואָס דאָס איז פון דעם אויבערשטנ׳ס מדות „אַזוי ווי ער איז אַ דערבאַרעמדיגער״(ו) וכו׳, און אַזוי ווי ס׳שטייט אין תיקונים אַז חסד איז „די רעכטע האַנד״, און כאָטש ער גיט דאָך מעהר ניט אַוועק ווי אַ פינפטל, איז אָט־דער פינפטל מעלה מיט זיך אויך די אַנדערע פיר טיילן צו ג־ט, זיי זאָלן ווערן אַ וואוין־אָרט פאַר איהם יתברך, אַזוי ווי ס׳איז באַ־וואוסט דער מאמר רז״ל (ז) אַז די מצוה פון צדקה איז פאַררעכנט אַנטקעגן אַלע קרבנות, און דורך די קרבנות האָבן אַלע בעלי חי עולה געווען צו ג־ט דורך איין בהמה, און אַלע געוואוקסן

ה) שטעלט צונויף דער אויבערשטער צו אַ מעשה.
ו) שבת קל״ג ע״ב.
ז) סוכה מ״ט, ע״ב; בבא בתרא ט׳, ע״א.

דורך איין עשרון סולת (ח) וואָס איז געווען געמישט מיט בוימל כו׳, און אויסער דעם איז בשעת דעם לערנען און דעם דאוונען, גייט ארויף צו ג־ט אַלץ וואָס ער האָט געגעסן און געטרונקן און נהנה געווען פון די אַנדערע פיר טיילן פאַר׳ן געזונט פון זיין קערפּער, ווי ס׳וועט ווייטער ערקלערט ווערן. והנה אין די אַלע אויבנדערמאָנטע פּרטים פון די מינים שמחות פון דעם נפש, איז פון זיי ניט פאַראַן קיין אָפּ־האַלט צו זיין פאַראַכטעט און פארמיאוס׳ט אין זיינע אויגן, און אַ צעבראָכענע האַרץ און אַ נידריגן געמיט בשעת דער שמחה ממש, וויבאַלד אַז אָט דאָס וואָס ער איז פאַראַכטעט אין זיינע אויגן וכו׳ איז דאָס מצד דעם גוף און דעם נפש הבהמית, און דאָס וואָס ער איז אין שמחה איז מצד דעם נפש האלקית און דעם ניצוץ פון ג־טליכקייט וואָס איז אָנגעטאָן אין איהר אויף איהר צו באַלעבן, ווי אויבן דערמאָנט [אין פרק ל״א], און אויף דעם שטייגער שטייט אין זהר „געוויין ליגט אין מיין האַרץ פון דער זייט און פריילינקייט ליגט אין מיין האַרץ פון יענער זייט״.

פרק לה והנה, מעהר צו ערקלערן דעם וואָרט „לעשותו״ (א)

און אויך צו פאַרשטיין אַ קליין ביסל דעם תכלית פון דער באַשאַפונג פון די בינונים און דאָס אַראָפּנידערין פון זייערע נשמות אויף דער וועלט, זיך אָנצוטאָן אין דעם נפש הבהמית וואָס

ח) ריינע מעהל.

א) זע אויבן פרק י״ז ע׳ 88 [44].

פון דער קליפה און סטרא אחרא, וויבאַלד אַז זיי קענען איהר ניט אַוועקשיקן אַלע זייערע יאָהרן, און אָפּשטופּן איהר פון איהר פּלאַץ פון דעם לינקן טייל וואָס אין האַרצן, עס זאָלן ניט אַרויפגיין פון איהר קיין טראַכטונגען אין מוח אַריין, ווארום דער מהות און דער עצמות פון נפש הבהמית וואָס פון דער קליפה איז ביי זיי מיט איהר פעסטקייט און מיט איהר שטאַרקייט ווי איהר געבורט, נאָר וואָס איהרע לבושים טוען זיך ניט אָן אין זייער גוף ווי אויבן דערמאָנט (ב), און אויב אַזוי, איז פאַרוואָס זיינען זייערע נשמות אַראָפּגעקומען אויף דער וועלט צו האָרעווען אומזיסט חס ושלום צו האַלטן מלחמה זייערע גאַנצע יאָהרן מיט'ן יצר, און זיי זאָלן ניט קענען איהם בייקומען? איז זאָל דאָס זיין זייער נחמה, טאָפּעלט זיי צו טרייסטן און זיי זיין צו הילף, און צו דערפרייען זייער האַרץ מיט ג־ט וועלכער רוהט מיט זיי אין זייער תורה און זייער עבודה. און דאָס איז דורך פריער אַראָפּברענגען דעם לשון פון דעם ינוקא [אין זוהר פרשת בלק] אויפ'ן פסוק (ג) „החכם עיניו בראשו". און אין וואָס פאַר אַן אָרט דען זיינען דעם מענטשנ'ס אויגן? כו', נאָר דער פסוק מיינט אודאי אַזוי: וואָס מיר האָבן געלערנט אַז אַ מענטש זאָל ניט גיין קיין פיר איילן מיט אַ הוילן קאָפּ — וואָס איז דער טעם? — ווארום די שכינה רוהט אויף זיין קאָפּ, און יעדער חכם — זיינען זיינע אויגן און אַלעס וואָס ער

ב) פרק י״ב, ע׳ לב [32].

ג) קהלת ב׳, י״ד: דער קלוגער — זיינען די אויגן זיינע אין זיין קאָפּ.

פאַרמאָגט אין זיין קאָפּ, אין דעם וואָס רוהט און שטייט איבער זיין קאָפּ, און ווען זיינע אויגן זיינען דאָרט זאָל ער וויסן אַז יענע ליכט וואָס לייכט פון איבער זיין קאָפּ דאַרף האָבן בוימל, ווייל דער גוף פון דעם מענטשן איז אַ קנויט און די ליכט איז אָנגעצונדן פון אויבן, און שלמה המלך שרייט און זאָגט (ד) „ושמן על ראשך אל יחסר!" — וואָרום דאָס ליכט וואָס איז אין זיין קאָפּ דאַרף האָבן בוימל, און דאָס זיינען די גוטע מעשים. און דאָס מיינט אַז דער חכם — זיינען זיינע אויגן אין זיין קאָפּ. ביז אַהער איז זיין לשון. והנה, די ערקלערונג פון אָט דעם משל, וואָס ער האָט צוגע־גליכען דאָס ליכט פון דער שכינה צו דעם פייער פון אַ ליכט וואָס לייכט ניט און האַלט זיך ניט אין דעם קנויט אָהן בוימל — און אַזוי רוהט ניט די שכינה אויף דעם מענטש'ס קערפּער — וואָס ווערט געגליכן צו אַ קנויט — נאָר דורך מעשים טובים דוקא, און ס'איז ניט גענוג פאַר איהם די נשמה זיינע וואָס זי איז א טייל פון ג־טליכקייט פון למעלה אַז זי זאָל ווערן ווי בוימל צו דעם קנויט, איז דאָס קלאָר און פאַרשטענד־ליך צו יעדן פאַרשטאַנדיגן, וואָרום די נשמה פון אַ מענטשן, אפילו אויב ער איז אַ צדיק גמור און דינט ג־ט מיט יראה און אהבה בתענוגים, פונדעסטוועגן איז זי ניט בטל במציאות אינגאַנצן, בטל צו ווערן און אַריינגענומען ווערן אין דעם אור פון ג־ט ממש, צו ווערן פאַראייניגט און פאַראיינציגט מיט אַ פולשטענדיגער פאַראיינציגונג, נאָר ער איז אַ זאַך פאַר זיך — וואָס האָט מורא פאַר ג־ט און האָט איהם ליב. אַנדערש אָבער

ד) קהלת ט׳, ח׳: און עס זאָהל ניט פעהלן קיין בוימל אויף דיין קאפּ.

זיינען די מצוות און מעשים טובים וואָס זיינען זיין רצון יתברך, און זיין רצון יתברך איז דער מקור פון דעם לעבן פאַר אַלע וועלטן און באַשעפענישן וואָס ער נידערט אַראָפּ צו זיי דורך פיל פאַרקלענערונגען און דורך דעם וואָס עס ווערט פאַר־באָרגן די פנימיות (ה) פון דעם רצון העליון ב"ה, און די אַראָפּ־נידערונג פון די מדריגות ביז וואַנעט זיי קענען ווערן און באַשאַפן ווערן יש מאין, און אַ זעלבסשטענדיגע זאַך פאַר זיך, און זיי זאָלן ניט בטל ווערן במציאות, ווי אויבן דערמאָנט. אַנדערש אָבער די מצוות וואָס זיי זיינען די פנימיות (ה) פון זיין רצון יתברך, און דאָרט איז גאָרניט פאַראַן קיין פאַרבאָרגונג פון די פנימיות, איז דער חיות וואָס אין זיי גאָרניט קיין באַזונ־דערע זאַך פאַר זיך, נאָר ס'איז פאַראייניגט און ס'איז אַריינגענו־מען אין זיין ווילן יתברך, און זיי ווערן פאַראייניגט מיט אַ פול־שטענדיגער פאַראייניגונג. והנה, דער ענין פון מאַכן רוען די שכינה מיינט די אַנטפּלעקונג פון זיין ג־טליכקייט ית־ברך און פון דעם אור אין סוף ברוך הוא אין אַ געוויסער זאַך, און דאָס מיינט צו זאָגן, אַז יענע זאַך ווערט אַריינגענומען אין דעם אור פון ג־ט, און איז אינגאַנצן בטל צו איהם במציאות, וואָס יעמאָלט רוהט און אַנטפּלעקט זיך אין איהם ג־ט וואָס ער איז איינער. אָבער אַלץ וואָס איז ניט אינגאַנצן בטל במציאות צו איהם — אויף דעם רוהט ניט און אַנטפּלעקט זיך ניט דער אור פון ג־ט, און אפילו אַ צדיק גמור, וואָס באַהעפט זיך אין איהם מיט גרויס אהבה, קען דאָך קיין מחשבה אינגאַנצן ניט באַנעמען איהם

ה) אינוויייניגסטע.

מיט אַן אמת, וואָרום די אמת׳דיגקייט פון ה׳ אלקים אמת, איז זיין פאַראייניציגונג און זיין איינציגקייט, אַז ער איז איינער אַליין און אויסער איהם איז ממש קיינער ניטאָ. איז דעריבער דער וואָס האָט ליב (ו), וואָס ער איז אַ יש און ניט „גאָרניט" — קען זיין מחשבה, איהם גאָר־ניט באַגרייפן, און דער אור פון ג־ט רוהט ניט און אַנטפלעקט זיך ניט אין איהם, סיידן דורך מקיים זיין די מצוות, וואָס זיי זיינען זיין ווילן און זיין חכמה יתברך ממש, אָהן קיין שום הסתר פנים*. והנה, ווען דער מענטש איז זיך עוסק אין תורה, איז יעמאָלט זיין נשמה, וואָס זי איז זיין נפש האלקית, מיט איהרע צוויי אינ־ווייניגסטע לבושים אַליין — וואָס דאָס זיינען דער כח פון דיבור און מחשבה — ווערן זיי אַריינגענומען אין דעם ג־טליכן אור פון אין סוף ב״ה, און זיי ווערן פאַראייני־ציגט מיט איהם מיט אַ פול־שטענדיגער פאַראייניציגונג, און דאָס איז דאָס רוהונג פון די

הגהה

(און אזוי ווי איך האָב געהערט פון מיין רבי׳ן ע״ה א פירוש און א טעם אויף דעם וואס שטייט אין עץ חיים, אז דער אור אין סוף ברוך הוא פאַר־איינציגט זיך ניט אפילו אין דעם עולם האצילות, סיידן אז ער טוט זיך פריער אן אין דער ספירה פון חכמה — און דאס איז וייל אין סוף ב״ה איז דאך דער אמת׳ער אחד וואס ער איז איינער אליין און מעהר אויסער איהם איז ניטא, און דאס איז די מדריגה פון חכמה, וכו׳).

ו) דעם אויבערשטן.

שכינה אויף זיין נפש האלקית, לויט ווי דער מאמר רז״ל (ז) אַז אפילו איינער וואָס זיצט און איז עוסק אין תורה, איז די שכינה מיט איהם. אָבער כדי ממשיך צו זיין דעם אור און די הארה פון דער שכינה אויך אויף זיין גוף און זיין נפש הבהמית, וואָס זי איז דער לעבענס־נפש וואָס איז אָנגעטאָן אין זיין גוף ממש, דאַרף ער מקיים זיין מצוות מעשיות, וואָס ווערן געטאָן דורך דעם גוף ממש, וואָס יעמאָלט ווערט דער כח פון דעם גוף ממש וואָס אין דעם דאָזיגן טאָן, אַריינגענומען אין דעם ג־טליכן אור און אין זיין ווילן, און איז פאַראייניגט מיט איהם מיט אַ פולשטענדיגער פאַראייניגונג. און דאָס איז דער דריטער לבוש פון דעם נפש האלקית, און יעמאָלט ווערט אויך דער כח פון דעם נפש החיונית וואָס אין זיין גוף ממש, וואָס איז פון קליפת נוגה, איבערגעקעהרט פון שלעכטס אויף גוטס, און ווערט ממש אַריינגענומען אין קדושה, ווי דער נפש האלקית ממש, ווייבאַלד ער איז דאָך דער וואָס טוט און מאַכט די מעשה פון דער מצוה, וואָרום אָהן איהם וואָלט דער נפש האלקית גאָרניט געקענט אויפטאָן אין דעם גוף, וואָרום זי איז דאָך אַ רוחניות׳דיקע און דער גוף איז אַ גשמיות׳דיקער און אַ חומריות׳דיקער, און דער פאַר־בינדער צווישן זיי איז די נפש החיונית הבהמית וואָס זי איז אָנגעטאָן אין דעם מענטשנס בלוט וואָס איז אין זיין האַרצן

ז) אבות ג׳, ו׳.

און אין דעם גאַנצן קערפּער, און כאָטש די מהות און די עצמות פון דעם נפש הבהמית וואָס איז אין זיין האַרץ, וואָס דאָס זיינען איהרע שלעכטע מדות — זיינען נאָך ניט אַריינגענומען געוואָרן אין קדושה — פונדעסטוועגן אָבער, וויבאַלד זיי האָבן זיך אונטערגעוואָרפן צו קדושה, און ניט־ווילנדיג ענטפערן זיי „אמן" און זיינען מסכים און זיי שטימען איין צו טאָן די מצוה, דורך די פאַרשטאַרקונג פון זיין נפש האלקית וואָס איז אין מוח — וואָס ער געוועלטיגט איבער'ן האַרץ, און אין די ווילע זיינען זיי אין אַ בחינה פון גלות און שלאָף, ווי אויבן ערקלערט (ח), און דעריבער איז דאָס ניט קיין אָפּהאַלט אַז די שכינה זאָל רוען אויף דעם מענטשנס גוף אין די צייט, דאָס מיינט אַז דער כח פון דעם נפש החיונית וואָס איז אָנגעטאָן אין דעם טאָן פון דער מצוה, ווערט ממש אריינגענומען אין דעם ג־טליכן אור און ווערט פאַראייניגט מיט איהם מיט אַ פולשטענדיגער פאַראייניגונג, און דורך דעם ציהט ער אַראָפּ אַ הארה צו דעם כללות נפש החיונית, וואָס איז אין דעם גאַנצן גוף, און אויך אויף דעם גשמיות׳דיקן גוף אין אַ בחינה פון „מקיף מלמעלה" (ט) — פון זיין קאָפּ ביז זיינע פיס, און דאָס איז וואָס שטייט „אַז די שכינה רוהט אויף זיין קאָפּ", — „אויף" דייקא, און אַזוי אויך „אויף יעדער צעהן

ח) פרק י"ג, ע' 72 [36].
ט) ארומנעמען פון אויבן.

רוהט די שכינה״. והנה, יעדע בחינה פון ממשיך זיין דעם אור פון דער שכינה, וואָס דאָס איז די בחינה פון דער אַנט־פלעקונג פון דעם אור פון אין סוף ב״ה, הייסט דאָס ניט אַן ענדערונג חס ושלום אין איהם יתברך און אויך ניט אַ מעהרונג, אַזוי ווי ס׳איז פאַראַן אין סנהדרין (י) אַז אַן אפיקורס האָט געזאָגט צו רבן גמליאל׳ן: איהר זאָגט אַז אויף יעדער צעהן רוהט די שכינה — וויפיל שכינות האָט איהר דען? און ער האָט איהם געענטפערט מיט אַ משל פון דעם ליכט פון דער זון וואָס גייט אַריין אין אַ סך פענסטער כו׳ און דער פאַרשטאנדיגער וועט פאַרשטיין.

פרק לו והנה, עס איז באַוואוסט דער מאמר רז״ל אַז דער תכ־לית פון דער באַשאַפונג פון אָט־דער וועלט איז, וואָס דער אויבערשטער האָט באַגעהרט האָבן אַ דירה דאָ־אונטן(א). והנה, עס איז דאָך אָבער ביי איהם יתברך ניט שייך די בחינה פון „אויבן״ און „אונטן״. ווארום ער יתברך פילט דאָך אָן אַלע וועלטן גלייך. נאָר די ערקלערונג פון דער זאַך איז, אַז איידער די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן איז ער יתברך געוועזן איינער אליין, איין און איינציגער, און האָט אָנגעפילט אָט דעם גאַנצן אָרט אין וועלכן ער האָט באַשאַפן די וועלט. און איצט איז אויך אַזוי פאַר איהם יתברך. נאָר די ענדערונג איז ביי די וואָס באַקומען זיין חיות און זיין אור יתברך, וואָס זיי באַ־

י) ל״ט, ע״א.
א) מדרש תנחומא נשא ז, א.

קומען דאָס דורך אַ סך לבושים וואָס זיי פאַרדעקן און באַ־האַלטן זיין אור יתברך אַזוי ווי ס׳שטייט (ב) „כי לא יראני האדם וחי״ און אַזוי ווי די רבותינו ז״ל האָבן דאָס ערקלערט(ג) אַז אפילו די מלאכים וועלכע ווערן אָנגערופן „חיות״ זעהן ניט כו׳ און דאָס איז דער ענין פון דעם אַראָפּלאָזן־זיך פון די וועלטן און זייער אַראָפּנידערונג פון מדרגה צו מדרגה, דורך די פיל לבושים וואָס פאַרשטעלן דעם אור און דעם חיות וואָס קומט פון איהם יתברך, ביז וואַנען ס׳איז באַשאַפן געוואָרן דער עולם־הזה וואָס ער איז אַ גשמיות׳דיקער און אַ חומריות׳דיקער ממש, און ער איז דער נידעריגסטער אין מדרגה, וואָס קיין נידעריגערער פון איהם איז שוין ניטאָ, אין דעם ענין פון פאַרשטעלונג פון זיין אור יתברך, און אַ טאָפּעלע און פילפאַכיגע פינסטערניש, ביז וואַנען אַז ער איז פול מיט קליפות און סטרא אחרא, וואָס זיינען ממש קעגן ג־ט זאָגענדיג: „איך און אויסער מיר איז גאָרניט פאַראַן״. והנה, דער תכלית פון דעם אַראָפּלאָזן־זיך פון די וועלטן און זייער אַראָפּנידערונג פון מדרגה צו מדרגה איז ניט צוליב די העכערע וועלטן, ווייל פאַר זיי איז דאָס אַן אַראָפּנידערונג פון דעם אור פון זיין פנים יתברך, נאָר דער תכלית איז אָט־די אונטערשטע וועלט, וואָרום אַזוי איז געוועזן זיין ווילן יתברך, אַז ער יתברך זאָל האָבן נחת רוח ווען ס׳ווערט איינגעבויגן די סטרא אחרא

ב) שמות ל״ג, כ׳: וואָרום אַ מענטש קען מיר ניט זעהן און בלייבן לעבן.

ג) ספרי ס״פ בהעלותך. במדבר רבה ס״פ נשא.

און די פינסטערניש ווערט איבערגעקעהרט אויף ליכ־טיגקייט, אַז דאָס ג־טליכע ליכט פון אין סוף ב"ה זאָל לייכטן אין דעם פלאַץ פון פינסטערניש און דער סטרא אחרא פון דער גאַנצער דאָזיגער וועלט, העכער און שטאַרקער, און מיט דער מעלה פון ליכטיגקייט וואָס קומט פון פינסטערניש, ווי ער לייכט אין די העכערע וועלטן, וואָס דאָרט לייכט ער דורך לבושים און הסתר פנים וואָס פאַרשטעלן און פאַרבאָרגן דער אור פון אין סוף ב"ה, אַז זיי זאָלן ניט בטל ווערן במציאות. און צוליב דעם האָט דער אויבערשטער געגעבן אידן די תורה, וואָס זי ווערט אָנגערופן „עוז" און „כח" — און אזוי ווי די רז"ל האָבן געזאָגט (ד), אַז דער אויבערשטער גיט אַריין כח אין די צדיקים, כדי זיי זאָלן קענען באַקומען זייער שכר לעתיד לבוא, אַז זיי זאָלן ניט בטל ווערן במציאות ממש אין דעם ג־טליכן אור וואָס וועט אַנטפּלעקט ווערן לעתיד לבוא אָהן קיין שום לבוש, אַזוי ווי ס'שטייט (ה) „ולא יכנף עוד מוריך" — [וואָס דער טייטש איז אַז ער וועט זיך ניט פאַרדעקן פון דיר מיט פליגל און לבוש] — „והיו עיניך רואות את מוריך" (ו), און ס'שטייט (ז) „כי עין בעין יראו" וגו' און ס'שטייט (ח) „לא יהי' לך השמש עוד לאור יומם וגו' כי ה' יהי' לך לאור עולם". וגו' און ס'איז באַוואוסט

ד) סנהדרין ק', ע"ב.
ה) ישעי' ל', כ'.
ו) און דיינע אויגן וועלן זעהן דיין רבי'ן.
ז) ישעי' נ"ב, ה': זיי וועלן זעהן מיט אייגענע אויגן.
ח) ישעי' ס', י"ט: עס וועט שוין ניט זיין פאַר דיר די זון אַלס ליכט בייטאָג — וואָרום ג־ט וועט זיין פאַר דיר אַן אייביג ליכט.

אַז די צייטן פון משיח'ן און בפרט ווען ס'וועט זיין תחית המתים, זיינען דער תכלית און די שלימות פון דער באַשאַפונג פון דער וועלט וואָס צוליב דעם איז זי לכתחלה באַשאַפן געוואָרן* און ס'איז שוין גע־ווען אַמאָל אַ מעין פון דעם בשעת מתן תורה. אַזוי ווי ס'שטייט(ט) „אתה הראית לדעת כי ה' הוא האלקים אין עוד מלבדו." דו ביזט באַוויזן גע־

הגהה

(און דער באקומען שכר איז דער עיקר אין דעם זיבעטן יאהר־טויזענט, אזוי ווי ס'ווערט ערקלעט אין „לקוטי תורה" פון דעם אר"י ז"ל).

וואָרן ממש מיט קערפּערליכן זעהן, אַזוי ווי ס'שטייט (י): „וכל העם רואים את הקולות" — זיי האָבן געזעהן דאָס וואָס מ'הערט, און די רז"ל האָבן ערקלערט: זיי האָבן געקוקט אין מזרח — און געהערט דעם דיבור אַרויסקומענדיג „אנכי" כו', און אַזוי אין די פיר זייטן און אויבן און אונטן, אַזוי ווי ס'ווערט ערקלערט אין תיקונים, אַז ס'איז ניטאָ קיין אָרט וואָס פון איהם האָט ער (יב) ניט גערעדט מ'הערט, און די רז"ל האָבן ערקלערט (יא): זיי האָבן געקוקט מיט זיי כו' און דאָס איז צוליב דעם וואָס זיין ווילן יתברך ווערט אַנטפּלעקט אין די עשרת הדברות, וואָס זיי זיינען די כללות התורה, וואָס זי איז די פנימיות פון זיין רצון יתברך און זיין חכמה, און דאָרט איז אינגאַנצן ניטאָ קיין הסתר פנים, אַזוי ווי ס'שטייט „כי באור פניך נתת לנו תורת חיים"(יג)

ט) דברים ד', ל"ה: דו ביזט באַוויזן געוואָרן צו וויסן אַז ג־ט איז דער ג־ט און אויסער איהם איז גארניט פאראן.

י) שמות כ', ט"ו: און דאָס גאַנצע פאָלק זעהט די קולות.

יא) זע שמות רבה פ"ה, ט.

יב) דער אויבערשטער.

יג) אין תפלת שמונה עשרה: וואָרום מיט דער ליכטיגקייט פון דיין

און דעריבער זיינען זיי בטל געוואָרן במציאות ממש, אַזוי ווי די רז״ל זאָגן (יד) אַז ביי יעדן איינציגן דיבור פלעגט זיי די נשמה אויסגיין כו׳, נאָר דער אויבערשטער האָט איהר זיי צוריקגעגעבן דורך דעם טל וואָס מיט איהם וועט ער מאַכן אויפלעבן די טויטע, און דאָס איז דער טל פון תורה וואָס ווערט אָנגערופן „עוז״, אַזוי ווי די רז״ל האָבן געזאָגט (טו) אַז יעדער וואָס איז עוסק אין תורה — לעבט איהם אויף דער טל פון תורה כו׳ נאָר וואָס שפּעטער האָט די זינד באַווירקט, און זיי און די וועלט זיינען פאַרגרעבט געוואָרן ביז צו דער צייט פון „קץ הימין״, וואָס יעמאָלט וועט אויסגעלייטערט ווערן די גשמיות פון קערפּער און פון דער וועלט און מ׳וועט קענען פאַרנעמען די אַנטפּלעקונג פון דער ג־טליכער ליכטיג־קייט וואָס וועט לייכטן צו די אידן דורך די תורה, וועלכע ווערט אָנגערופן „עוז״, און דורך דער שטאַרקער ליכטיגקייט ביי אידן וועט אויך אויפשיינען די פינסטערניש ביי די גוים, אַזוי ווי ס׳שטייט (טז) „והלכו גוים לאורך״ וגו׳ און עס שטייט (יז) „בית יעקב לכו ונלכה באור ה׳״, און ס׳שטייט (יח) „ונגלה כבוד ה׳ וראו כל בשר יחדיו״ וגו׳ און עס שטייט (יט) „לבוא

פנים האָסטו אונז געגעבן די תורה פון לעבן.

יד) שבת פ״ח, ע״ב.

טו) זע כתובות קי״א, ע״ב.

טז) ישעי׳ ס׳, ג׳: און פעלקער וועלן גיין נאָך דיין ליכטיגקייט.

יז) ישעי׳ ב׳, ה׳: הויז פון יעקב, קומט און לאָמיר גיין אין דער ליכטיגקייט פון ג־ט.

יח) ישעי׳ מ׳, ה׳: און עס וועט אַנטפּלעקט ווערן דער כבוד פון ג־ט, און אַלע באַשעפעניש וועלן זעהן אינאיינעם.

יט) ישעי׳ ב׳, כ״א: אַריינגיין אין די היילן פון פעלזן און אין די

בנקרת הצורים ובסעיפי הסלעים מפני פחד ה׳ והדר גאונו״ וגו׳, און אַזוי ווי מיר זאָגן „והופע בהדר גאון עזך על כל יושבי תבל ארצך״ (כ) וגו׳.

פרק לז והנה דער תכלית פון אַט דער גאַנצקייט פון משיח׳ס צייטן און פון תחית המתים וואָס דאָס איז די אַנטפּלעקונג פון דעם אור אין סוף ברוך הוא אין דער גשמיות׳דיקער וועלט — איז אָפּהענגיג אין אונזערע מעשים און אונזער עבודה אין דער גאַנצער צייט וואָס עס ציהט זיך דער גלות. וואָרום דאָס וואָס באַווירקט דעם שכר פון דער מצוה איז די מצוה אַליין. וואָרום טועדיג איהר, איז דער מענטש ממשיך די אַנטפּלעקונג פון דעם אור אין סוף ברוך הוא פון למעלה דאָ אונטן, אויף זיך אָנצוטאָן אין דער גשמיות פון דער וועלט אין אַ זאַך וואָס איז פריער געווען אונטער דער געוועלטיגקייט פון קליפּת נוגה און פלעגט ציען זיין חיות פון איהר, וואָס דאָס זיינען די אַלע זאַכן וועלכע זיינען טהור און מותר וואָס מיט זיי ווערן געטאָן די מצוות מעשיות, אַזוי ווי פּאַרמעט אויף תפילין און מזוזה און ספר תורה, און אַזוי ווי די רז״ל זאָגן אַז פאַר אַ „מלאכת שמים״, איז ניט כשר, סיידן „טהורים ומותרים בפיך״ (א) און אַזוי אויך אַן אתרוג וואָס ער

ווינקלען פון שטיינער, פאַר דעם פחד פון ג־ט און דעם גלאַנץ פון זיין מאכט.

כ) אין תפלת שמונה עשרה פון ראש השנה : און דערשיין מיט דעם פּראַכט פון דיין שטאַרקער מאַכט איבער אַלע איינוואוינער פון דיין וועלט.

א) פאַר דעם אויבערשטנ׳ס אַ מצוה טאָר מען ניצן נאָר אַזאַ זאַך וואָס מען מעג עסן. (זע שבת ק״ח, ע״א).

איז ניט קיין ערלה *) און געלט פאַר צדקה וואָס זיינען ניט קיין גע'גזל'טע און ענליכע זאכן. און איצט ווען ער איז דורך זיין מקיים זיין די מצוה פון ג־ט און זיין ווילן, ווערט דאָך דער חיות וואָס איז פאַראַן אין זיי דערהויבן און ווערט בטל און ווערט אַריינגענומען אין דעם אור אין סוף ב"ה, וואָס דאָס איז זיין רצון יתברך וואָס איז אָנגעטאָן אין זיי, וויבאַלד דאָרט איז גאָרניט פאַראַן קיין בחינה פון הסתר פנים אויף צו פאַרדעקן זיין ליכטיגקייט יתברך, און אַזוי אויך דער כח פון דעם נפש החיונית הבהמית וואָס איז אין די איברים פון דעם קערפער פון דעם מענטשן וואָס איז מקיים די מצוה, ווערט אויך אָנגעטאָן אין אָט־דעם טאָן, און ער דערהויבט זיך פון די קליפה און ווערט אַריינגענומען אין דער הייליגקייט פון דער מצוה וואָס זי איז זיין ווילן יתברך, און איז בטל אין דעם אור אין סוף ב"ה, און אויך אין דער מצוה פון תלמוד תורה און קריאת־שמע און תפילה און ענליכע, כאָטש זיי זיינען ניט ממש אין גשמיות'דיקע עשיה, וואָס איז אונטער דער געוועלטיקייט פון קליפת נוגה, פונדעסטוועגן האַלטן מיר דאָך אַז טראַכטן איז ניט גלייך צו רעדן און ער איז ניט יוצא זיין חוב, ביז וואַנען אַז ער רעדט ניט אַרויס מיט זיינע ליפּן, און מיר האַלטן דאָך אַז פאַרבייגן די ליפּן הייסט אַ מעשה, וואָרום דער נפש האלקית קען ניט אַרויסרעדן מיט די ליפּן און מיט'ן מויל און מיט דער צונג און די ציינער וואָס זיי

הגהה

*) (וואָרום ערלה איז פון די דריי קליפות וואָס זיינען אינגאנצן טמא, וואָס זיי האָבן קיינמאָל ניט קיין עלי' אַזוי ווי ס'ווערט ערקלערט אין עץ חיים, און אַזוי איז אויך יעדע אנדערע מצוה וואָס קומט דורך אַן עבירה חס ושלום).

זיינען גשמיות׳דיקע, נאָר דורך דער נפש החיונית הבהמית וואָס איז אָנגעטאָן אין די איברים פון קערפּער ממש, און אַלץ וואָס מעהר ער רעדט מיט אַ גרעסערן כח, אַלץ מעהר לייגט ער אַריין און טוט אָן מעהר כוחות פון נפש החיונית אין די רייד, און דאָס איז וואָס דער פּסוק זאָגט (ב) „כל עצמותי תאמרנה״ וגו׳. און דאָס איז וואָס די רז״ל האָבן געזאָגט (ג) „אויב זי (ד) ליגט אין אַלע רמ״ח איברים — האַלט זי זיך, און אויב ניט — האַלט זי זיך ניט״. וואָרום דאָס פאַרגעסן קומט פון דער קליפּה פון גוף און נפש החיונית הבהמית, וואָס זיי זיינען פון קליפּת נוגה וועלכע ווערט טיילמאָל אַריינגענומען אין קדושה, און דאָס איז ווען ער שוואַכט אָפּ זייער כח און לייגט אַריין זייער גאַנצן כח אין דער קדושה פון תורה אָדער תפילה.

דאס און נאָך אַ זאַך, אַז דער כח פון דעם נפש החיונית וועלכע טוט זיך אָן אין די אותיות פון דיבור אין תלמוד תורה אָדער דאַווענען און עהנליכעס, אָדער אין די מצוות מעשיות, איז דאָך זיין גאַנצער וואוקס און זיין חיות פון דעם בלוט, וואָס ער איז פון קליפּת נוגה ממש, וואָס

ב) תהלים ל״ה, י׳: אלע מיינע ביינער זאלן זאגן.
ג) עירובין נ״ד, ע״א.
ד) די תורה.

דאָס זיינען די אַלע שפייזן און געטראַנקען וואָס ער האָט געגעסן און געטרונקען און זיי זיינען געוואָרן בלוט, וואָס זיי זיינען געווען אונטער איהר מאַכט און פון איהר האָבן זיי יונק געווען זייער חיות, און איצט ווערט זי איבערגעקעהרט פון שלעכטס אויף גוטס און ווערט אַריינגענומען אין קדושה דורך דעם כח פון דעם נפש החיונית וועלכער וואַקסט פון איהר, וועלכער האָט זיך אָנגעטאָן אין די אותיות אָדער אין דער עשיה, וואָס זיי זיינען די פנימיות פון זיין ווילן יתברך, אָהן שום הסתר פנים, און זייער חיות ווערט אויך אַריינגענומען אין און אין סוף ב״ה וואָס דאָס איז זיין ווילן יתברך, און מיט זייער חיות ווערט אויך אַריינגענומען און ס׳איז אויך עולה דער כח פון דעם נפש החיונית, און דורך דעם וועט אויך עולה זיין די גאַנצע קליפת נוגה, וואָס דאָס איז די כללות פון דעם חיות פון אָט־דער גשמיות׳דיגער און חומריות׳דיקער וועלט, ווען יעדער נשמה און נפש האלקית וואָס ביי אַלע אידן, וואָס צוטיילט זיך אין פּרטות אויף זעקס הונדערט טויזנט, און יעדער פּרטיות׳דיקער נפש וועט מקיים זיין אַלע תרי״ג מצוות פון דער תורה, די שס״ה לא תעשה אויף צו אָפּטיילן די דריי הונדערט פינף און זעכציג אָדערן פון דעם בלוט פון נפש החיונית וואָס אין דעם קערפּער, אַז זיי זאָלן ניט יונק זיין און מקבל זיין חיות דורך דער עבירה פון איינער פון די דריי קליפות וואָס זיינען אינגאַנצן טמא, וואָס פון זיי ציען זיך די שס״ה מצוות לא תעשה פון דער תורה און זייערע אָפּצווייגונגען,

וואָס זיינען מדרבנן, און די נפש החיונית וועט שוין מעהר ניט קענען עולה זיין צו ג־ט אויב זי איז טמא געוואָרן מיט דער טומאה פון די דריי קליפות טמאות, וואָס זיי האָבן קיינמאָל קיין עליה ניט, נאָר זיי וועלן ווערן אינגאַנצן בטל און אויסגעראָטעט, אַזוי ווי ס׳שטייט (ה) „ואת רוח הטומאה אעביר מן הארץ" — און די רמ"ח מצוות עשה, ממשיך צו זיין דעם אור אין סוף ב"ה למטה, צו אויפהויבן צו איהם און פאַרבינדן און פאַראייניציגן מיט איהם די כללות פון נפש החיונית וואָס איז אין די רמ"ח איברים פון קערפּער, מיט אַ פולשטענדיגער פאַראייניציגונג, זיי זאָלן ווערן איינס ממש, אַט־אַזוי ווי ס׳איז געוועזן זיין ווילען יתברך, אַז ער זאָל האָבן אַ דירה דאָ־אונטן, און זיי זיינען פאַר איהם אַ „מרכבה" אַזוי ווי די אבות. — און וויבאַלד אַז די כללות פון דעם נפש החיונית וואָס ביי אַלע אידן וועט ווערן אַ הייליגע מרכבה צו ג־ט, וועט יעמאָלט אויך די גאַנצע חיות פון אַט־דער וועלט, וואָס איצט איז דאָס די קליפּת נוגה, וועט זי דאַן אַרויסגיין פון איהר טומאה און פון איהר קראַנקהייט, און זי וועט עולה זיין אין קדושה, צו ווערן אַ מרכבה צו ג־ט מיט די אַנטפּלעקונג פון זיין כבוד, און אַלע באַשעפעניש אינאיינעם וועלן זעהן, און ער וועט דערשיינען אויף זיי מיט דער שיינקייט פון דער גרויסקייט פון זיין שטאַרקייט, און די גאַנצע וועלט וועט ווערן פול מיט דעם אויבערשטנס

ה) זכרי׳ י"ג, ב׳: און דעם רוח פון טומאה וועל איך אויסראמען פון דער וועלט.

כבוד, און אידן וועלן זעהן מיט זייערע אייגענע אויגן, אַזוי ווי ביי מתן תורה, וואו עס שטייט(ו) „אתה הראת לדעת כי ה׳ הוא האלקים אין עוד מלבדו״, און דורך דעם וועלן איינגעשלונגען ווערן און אינגאַנצן בטל ווערן די אַלע דריי קליפות הטמאות, וואָרום זייער איצטיגע יניקה און חיות פון קדושה איז דאָס דורך קליפת נוגה וואָס פאַרמיטלט צווישן זיי. קומט דאָך אויס, אַז דער גאַנצער תכלית פון משיח׳ס צייטען און תחיית המתים, וואָס דאָס איז די אַנטפּלעקונג פון זיין כבוד און זיין ג־טליכקייט יתברך און צו אויסראָמען דעם רוח פון טומאה פון דער וועלט — ווענדט זיך אין דער המשכה פון זיין ג־טליכקייט און דעם אור אין סוף ב״ה צו דעם נפש החיונית וואָס איז ביי כללות ישראל, אין איהרע אַלע רמ״ח איברים, דורך דעם וואָס זי וועט מקיים זיין אַלע רמ״ח מצוות עשה, און צו אויסראָמען דעם רוח פון טומאה פון איהר דורך איהר אָפּהיטן אַלע שס״ה מצוות לא תעשה, אַז עס זאָלן ניט קענען פון איהר יונק זיין איהרע שס״ה אָדערן, וואָרום דער כלל ישראל, וואָס דאָס זיינען זעקס הונדערט טויזענט פּרטיות׳דיקע נשמות, זיינען זיי די כללות פון דעם חיות פון דעם כללות פון דער וועלט, וואָרום צוליב זיי איז זי באַשאַפן געוואָרן, און יעדער פּרט פון זיי ענטהאַלט און ס׳געהערט צו איהם דער חיות פון איין טייל פון זעקס הונדערט טויזענט פון דער גאַנצער וועלט,

---

ו) דברים ד׳, ל״ה: דו האָסט זיך באַוויזן צו וויסן אַז ג־ט איז דער ג־ט, אויסער איהם איז ניטא קיינער.

וואָס איז אָפּהענגיג אין זיין נפש החיונית, איהם(ז) צו דער־הויבן צו ג־ט, דורך דעם וואָס זי(ח) וועט זיך דערהויבן, דאָס מיינט מיט דעם וואָס ער נוצט פון דער וועלט פאַר דעם באַדערפעניש פון זיין גוף און זיין נפש החיונית אויף עבודת ה׳, אַזוי ווי עסן, טרינקען, א. ד. גל., און אַ דירה און אַלע כלים וואָס ער נוצט זיך מיט זיי, נאָר די דאָזיגע זעקס הונדערט טויזענט פּרטיות׳דיקע נשמות זיינען שרשים, און יעדער שרש צוטיילט זיך אויף זעקס הונדערט טויזענט פונקען, וואָס איטליכער פונק איז איין נשמה, און אַזוי איז אויך אין „נפש" און אין „רוח" אין יעדן עולם פון די פיר עולמות אצילות, בריאה, יצירה, עשיה. און יעדער פונק איז ניט אַראָפּגעגאַנגען אויף דער וועלט — כאָטש דאָס איז אַ גרויסע ירידה און אַ בחינה פון גלות ממש, ווייל אפילו אויב ער וועט זיין אַ צדיק גמור, וואָס דינט דעם אויבערשטן מיט יראה און גרויס ליבשאַפט מיט פאַרגעניגן (ט), וועט ער ניט צוקומען צו דער הויכקייט פון זיין באַהעפטונג אין ג־ט מיט יראה און אהבה איידער ער איז אַראָפּ אויף דער חומריות׳דיקער וועלט, גאָר ניט, אפילו אַביסל דערפון אויך ניט, און עס איז גאָרניט קיין צושטעל און קיין פאַרגלייך צווישן זיי, אַזוי ווי יעדן פאַרשטאַנדיגן איז באַוואוסט אַז דער קערפּער קען ניט פאַר־

ז) דעם טייל וועלט.
ח) דער נפש החיונית.
ט) אהבה בתענוגים.

נעמען כו׳ — נאָר זיין אַראָפּקומען אויף דער וועלט, זיך אָנצוטאָן אין גוף און אַ נפש החיונית, איז דאָס כדי זיי מתקן צו זיין און זיי אָפּשיידן פון דעם שלעכטס פון די דריי קליפות טמאות, דורך דעם אָפּהיטן די שס״ה לא תעשה און זייערע אָפּצווייגונגען און דערהויבן זיין נפש החיונית מיט איהר טייל וואָס געהערט צו איהר פון דעם כללות פון עולם הזה, און זיי פאַרבינדן און זיי פאַראייניגן מיט דעם אור אין סוף ב״ה וואָס ער וועט אין זיי ממשיך זיין דורך זיין מקיים זיין די אַלע רמ״ח מצוות עשה מיט זיין נפש החיונית, וואָס זי איז די וואָס איז מקיים די אַלע מצוות מעשיות, ווי אויבן ערקלערט, און אַזוי ווי ס׳איז ערקלערט געוואָרן [אין עץ חיים שער כ״ו] אז די נשמה אַליין דאַרף גאָר קיין תיקון ניט האָבן כו׳ און זי האָט זיך ניט געדאַרפט אָנטאָן אין עולם הזה כו׳ נאָר צו ממשיך זיין אור, זיי מתקן צו זיין כו׳ און דאָס איז ממש גלייך צו דעם סוד פון גלות השכינה וואָס איז כדי מברר צו זיין די ניצוצים וכו׳. און דערמיט וועט זיין פאַרשטענדליך דאָס וואָס אונזערע רז״ל האָבן אַזוי שטאַרק געמאַכט גרויס די מעלה פון צדקה און האָבן געזאָגט(י) אַז זי איז פאַררעכענט קעגן אַלע מצוות און אין גאַנץ תלמוד ירושלמי ווערט זי אָנגערופן מיט׳ן נאָמען „מצוה״ סתם, וואָרום אַזוי איז געווען די גע־וואוינהייט פון דער שפראַך, אָנצורופן צדקה מיט׳ן נאָמען

י) בבא בתרא ט״ו, ע״א.

„מצוה" סתם, ווארום זי איז דער עיקר פון די מצוות מעשיות און זי גייט איבער זיי אַלעמען, ווארום זיי(יא) אַלע זיינען נאָר כדי אויפצוהויבן דעם נפש החיונית צו ג־ט וואָס זי איז די וואָס איז זיי מקיים און טוט זיך אָן אין זיי כדי אַריינגענומען צו ווערן אין דעם אור אין סוף ב"ה וואָס איז אָנגעטאָן אין זיי. און ס'איז ניטאָ קיין מצוה וואָס אין איהר טוט זיך דער נפש החיונית אַזוי פיל אָן, ווי אין דער מצוה פון צדקה, ווארום אין אַלע מצוות טוט זיך אָן נאָר איין כח פון דעם נפש החיונית, און נאָר בשעת מ'טוט די מצוה אַליין, אָבער ביי צדקה, וואָס אַ מענטש גיט פון דער האָרעוואַניע פון זיינע הענט, איז דאָך דער גאַנצער כח פון זיין נפש החיונית אָנגעטאָן אין דעם טאָהן פון זיין מלאכה אָדער אַן אַנדער געשעפט אין וועלכן ער האָט פאַרדינט אָט די געלט, און אַז ער גיט עס אַוועק אויף צדקה, איז דאָך יעמאָלט זיין גאַנצער נפש החיונית עולה צו ג־ט, און אויך דער וואָס לעבט ניט פון זיין האָרעוואַניע איז פונדעסטוועגן, וויבאַלד ער וואָלט דאָך געקענט מיט די געלט איינקויפן פאַר דעם לעבן פון זיין נפש החיונית, — גיט ער דערמיט אַוועק דעם לעבן פון זיין נפש צו ג־ט, און דעריבער האָבן די רז"ל געזאָגט (יב) אז זי (יג)

יא) די אנדערע מצוות.
יב) בבא בתרא י', ע"א.
יג) צדקה.

ברענגט נעהנטער די גאולה, ווארום מיט איין מאל צדקה איז ער מעלה א סך פון דעם נפש החיונית, וואס ער וואלט ניט געקענט מעלה זיין אזוי פיל פון איהרע כחות און בחינות מיט וויפיל אנדערע מצוות מעשיות. און דאס וואס די רז"ל האבן געזאגט (יד) אז לערנען תורה איז קעגען זיי (טו) אלע, דאס איז ווייל תלמוד תורה איז דורך דיבור און מחשבה וואס זיי זיינען די אינעווייניגסטע לבושים פון דער נפש החיונית, און אויך דער מהות און די עצמות פון די בחינות פון חב"ד פון קליפת נוגה וואס אין דעם נפש החיונית, ווערן אריינגענומען אין קדושה ממש ווען ער איז זיך עוסק אין תורה מיט פארטיפונג און שכל. און כאטש דער מהות און די עצמות פון די מדות חסד, גבורה, תפארת (טז) כו' קענען די בינונים זיי ניט בייקומען אויף איבערקעהרן זיי צו קדושה, — איז דאס ווייל ביי מדות איז דאס שלעכטס שטארקער ווי אין חב"ד, ווארום דארט האבן זיי מעהר יניקה פון קדושה, ווי ס'איז באקאנט צו יודעי חן. דאס און נאך א זאך, און זי איז די וואס גייט איבער זיי אלע, איז פאראן אין דער מעלה פון לערנען תורה אויף אלע מצוות, לויט דעם וואס מיר האבן פריער געזאגט (יז) אין נאמען פון די תיקונים, אז די רמ"ח מצוות זיינען „די רמ"ח איברים פון דעם מלך", און אזוי ווי ביים מענטשן וואס איז דא־אונטן, דרך משל, איז גארניט קיין צושטעל און קיין פארגלייך צווישן דעם חיות וואס איז אין זיינע רמ"ח

יד) פאה פרק א' מ"א.
טו) די מצוות.
טז) ראשי תיבות חג"ת.
יז) פרק כ"ג, ע' 108 [כח].

אברים, צו דעם חיות וואָס איז פאַראַן אין די מוחין, וואָס דאָס איז דער שכל וואָס איז איינגעטיילט אין די דריי בחינות פון חב״ד — אָט אַזוי ממש — דרך משל, להבדיל ברבבות הבדלות אָהן אַ ברעג — איז די הארה פון אור אין סוף ב״ה וואָס טוט זיך אָן אין מצוות מעשיות, קעגן דער הארה פון אור אין סוף וואָס איז פאַראַן אין דער בחינה פון חב״ד וואָס איז דער חכמה פון תורה, איטליכער לויט זיין שכל און זיין באַגריף. און כאָטש ער איז מעהר ניט משיג ווי אין גשמיות, איז דאָך אָבער די תורה געגליכן געוואָרן צו וואַסער וואָס גייט אַראָפּ פון אַ הויכן פלאַץ כו׳. אַזוי ווי ס׳איז אויבן ערקלערט געוואָרן(יח). פונדעסטוועגן אָבער האָבן די רז״ל געזאָגט (יט), אַז ניט דער לערנען איז דער עיקר נאָר דער טאָן (כ), און (כא) „היום לעשותם״ — שטייט, און מ׳איז מבטל תלמוד תורה צוליב מקיים זיין מצוות מעשיות, אויב מען קען זיי ניט טאָן דורך קיין אַנדערע — וואָרום דאָס איז דער גאַנצער מענטש און דער תכלית פון זיין באַשאַפונג און זיין אַראָפּגיין אויף דער וועלט, כדי אַז ער יתברך זאָל האָבן אַ דירה דאָ־אונטן דוקא, איבערצוקעהרן די פינסטערניש אויף ליכטיגקייט און דעם אויבערשטנס כבוד זאָל אָנפילן די גאַנצע גשמיות׳דיקע וועלט דוקא, און אַלע באַשעפענישן פון פלייש

יח) פרק ד׳, ע׳ טז [16].

יט) אבות פרק א׳ מי״ז: לא המדרש עיקר אלא המעשה.

כ) די מצוות.

כא) דברים ד׳, י״א: היינט (אויף דער וועלט) דאַרף מען זיי טאָן (די מצוות).

זאָלן דערזעהן אינאיינעם ווי אויבן דערמאָנט. אַנדערש איז אָבער ווען מ׳קען די מצוה מקיים זיין דורך אַנדערע, איז מען ניט מבטל קיין תלמוד תורה, כאָטש די גאַנצע תורה איז דאָך מעהר ניט ווי אַן ערקלערונג אויף די מצוות מעשיות. און דאָס איז ווייל זי איז די בחינה פון חב״ד פון אין סוף ב״ה, און בעת ער איז זיך עוסק אין איהר, איז ער ממשיך אויף זיך דעם אור אין סוף ב״ה, מעהר, העכער און אַ גרעסערע הארה אָהן אַ ברעג, ווי די הארה און די המשכה וואָס דורך מצוות, וואָס זיי זיינען די „איברים פון דעם מלך״, און דאָס איז וואָס רב ששת האָט געזאָגט (כב) „פריי זיך, מיין נפש, פאַר דיר האָב איך געלערנט מקרא, פאַר דיר האָב איך געלערנט משנה״ אַזוי ווי ס׳ווערט באריכות ערקלערט אויף אַן אַנדער אָרט. והנה, אַט־די המשכה און די הארה וואָס דער מענטש איז ממשיך און מאַכט לייכטן פון דער הארה פון אור אין סוף ב״ה אויף זיין נפש און אויף די נפשות פון אַלע אידן, וואָס דאָס איז די שכינה, כנסת ישראל, דער מקור פון אַלע נשמות ישראל, אַזוי ווי ס׳וועט שפּעטער ערקלערט ווערן, דורך דעם עסק פון תורה — ווערט זי אָנגערופן מיט׳ן נאָמען „קריאה״(כג), — „קורא בתורה״ (כד) דאָס מיינט אַז דורך דעם עסק פון תורה רופט ער צו דעם אויבערשטן צו קומען צו איהם כביכול, אַזוי ווי אַ מענטש וואָס רופט זיין חבר ער זאָל קומען צו איהם, און ווי אַ קליינער זוהן וואָס רופט זיין פאָטער ער זאָל קומען צו איהם צו

כב) פסחים ס״ח, ע״ב.
כג) רופן.
כד) „רופן דורך תורה״.

זיין אינאיינעם מיט איהם און זיך ניט אָפּשיידן פון איהם ער זאָל ניט בלייבן איינער אַליין חס ושלום, און דאָס איז וואָס שטייט „קרוב ה׳ לכל קוראיו לכל אשר יקראוהו באמת״ (כה) — און אמת הייסט נאָר תורה, דאָס מיינט אַז ער רופט דעם אויבערשטן דורך דער תורה דוקא. אָבער ניט דער וועלכער רופט איהם ניט דורך דעם עסק פון תורה, נאָר ער שרייט גלאַט „טאַטע, טאַטע!״ און אַזוי ווי דער נביא קלאָגט זיך אויף איהם (כו) „ואין קורא בשמך״ גו׳, און אַזוי ווי ס׳ווערט ערקלערט אין אַן אַנדער אָרט. און פון דעם זאָל זיך דער פאַרשטאַנדיגער פאַרטראַכטן, כדי ממשיך צו זיין אויף זיך אַ גרויסע יראה בעת׳ן פאַרנעמען זיך מיט תורה, אזוי ווי ס׳איז פריער ערקלערט געוואָרן [פרק כ״ג].

פרק לח והנה, דורך דעם אלעמען וואס מיר האבן פריער גערעדט, וועט זיין גוט פאַרשטאַנדיג דער פסק הלכה וואָס ווערט אויסגעשטעלט אין תלמוד און פוסקים, אַז טראַכטן איז ניט גלייך ווי ריידן (א), און אויב ער האָט געלייענט קריאת־שמע נאָר אין זיין מחשבה און אין זיין האַרצן, מיט׳ן גאַנצן כח פון זיין כוונה, האָט ער ניט יוצא געווען זיין פליכט, און ער דאַרף נאָכ־אַמאָל איבערלייענען, און אַזוי אויך ביים בענטשען נאָכ׳ן עסן, וואָס איז דאורייתא און ביי אַנדערע ברכות וואָס זיינען דרבנן, און ביי דאַוונען. און אויב ער האָט אויסגערעדט מיט זיינע ליפּן

כה) תהלים קמ״ה, י״ח: נאָענט איז ג־ט צו אַלע די וואָס רופן איהם, צו אַלע די וואָס רופן איהם מיט אַן אמת.

כו) ישעי׳ ס״ד, ו׳: און ניטאָ ווער עס רופט מיט דיין נאָמען.

א) הרהור לאו כדיבור דמי.

און האָט ניט מכוון געווען מיט'ן האַרץ, האָט ער יוצא געווען זיין פליכט בדיעבד (ב) און ער דאַרף ניט איבערלייענען, אויסער דעם ערשטן פסוק פון קריאת־שמע און די ערשטע ברכה פון שמונה עשרה, און אַזוי ווי עס שטייט [אין אָנהויב צווייטן פרק פון ברכות] „ביז דאַנען איז די מצוה פון כוונה, פון דאַנען און ווייטער איז די מצוה פון לייענען" וכו', און דאָס איז ווייל די נשמה פאַר זיך אַליין דאַרף קיין תקון ניט האָבן דורך מצוות, נאָר ממשיך צו זיין אור צו מתקן זיין דעם נפש החיונית און דעם גוף דורך די אותיות פון דיבור וואָס דער נפש רעדט מיט די פינף אַרויסריידונגען פון מויל, און אַזוי מיט די מצוות מעשיות וואָס דער נפש טוט מיט די אַנדערע איברים פון גוף. פונדעסטוועגן אָבער האָבן זיי געזאָגט (ג), אַז תפלה אָדער אַן אַנ־דער ברכה אָהן כוונה זיינען ווי אַ גוף אָהן אַ נשמה, וואָס דאָס מיינט, אַז אַזוי ווי אַלע באַשעפענישען וואָס אויף דער וועלט וואָס זיי האָבן אַ גוף און אַ נשמה, וואָס דאָס איז (ד) „דער נפש פון אַלע לעבעדיגע", און „דער רוח פון יעדן מענטשנ'ס פלייש", און „די נשמה פון יעדן וואָס האָט אַ רוח חיים אין זיינע נאָזלעכער", פון אַלע בעלי חיים, און ג־ט באַלעבט זיי אַלע און מאַכט זיי זיין פון „אין" צו „יש" אַלע מאָל מיט דעם אור און דעם חיות וואָס ער גיט אַריין אין זיי, וואָס אויך דער חומריות'דיקער גוף און אַפילו שטיינער און ערד וואָס זיינען ממש אומבאַוועגליך, האָבן אין זיך

ב) אויב ער האָט שוין געלייענט אויף אַזאַ אופן.

ג) זע של"ה, מס' תמיד עמוד התפלה, ענין חנוכה רמ"ט.

ד) נפש כל חי ורוח כל בשר איש ונשמת כל אשר רוח חיים באפיו.

אור און חיות פון איהם יתברך, אַז עס זאָל ניט צוריק ווערן גאָרניט און ניט, אַזוי ווי עס איז פריער געווען. און פונדעסט־וועגן איז גאָרניט פאַראַן קיין צושטעל און קיין פאַרגלייך צווישן דער בחינה פון דעם אור און דעם חיות וואָס לייכט אין דעם קערפּער, צו דער בחינה פון דעם אור און דעם חיות וואָס לייכט אין דער נשמה, וואָס זי איז דער נפש פון אַלע לעבעדיגע. און כאָטש אין זיי ביידן איז איין אור, וואָס איז גלייך אין דער בחינה פון הסתר פּנים און גלייכע לבושים, וואָס דער אור באַהאַלט זיך און פאַרבאַרגט זיך און טוט זיך אָן אין זיי, וואָרום זיי ביידע זיינען פון עולם הזה, וואָס אין זיין כללות באַהאַלט זיך גלייך דער אור און דער חיות וואָס פון רוח פיו יתברך אין א בחינה פון „הסתר פּנים", און אַראָפּנידערונג פון די מדרגות אין דעם אַראָפּלאָזן זיך פון די וועלטן פון מדרגה צו מדרגה מיט פיל און שטאַרקע צמצומים, ביז וואַנען ס׳איז אָנגעטאָן געוואָרן אין די קליפּת נוגה אויף צו באַלעבן דעם כללות פון דעם חומריות׳דיקן עולם הזה, וואָס דאָס מיינט אַלע זאַכן וואָס זיינען מותר און טהור וואָס אין עולם הזה, און פון איהר און דורך איהר נעמען זייער השפּעה די זאַכן וואָס זיינען טמא, וואָרום זי איז אַ בחינה פון אַ פאַרמיטלער, ווי אויבן ערקלערט (ה) — פונ־דעסטוועגן איז די הארה וואָס דאָס איז די המשכה פון דעם חיות וואָס ג־ט באַלייכט און באַלעבט דורך אָט־דעם לבוש,

---

ה) פרק ד׳. ע׳ כ״ב [22].

איז ניט גלייך ביי אַלע אין דער בחינה פון פאַרקלענערונג און צושפרייטונג, וואָרום אין דעם גשמיות׳דיקן גוף וואָס איז ממש אומבאַוועגליך ווי שטיינער און ערד, איז די הארה אין אַ בחינה פון אַ גרויסער פאַרקלענערונג וואָס ניטאָ קיין גלייכן, און דער חיות וואָס אין איהם איז אַזוי ווינציג אַז אין איהם איז ניטאָ אפילו דער כח פון וואַקסן, און ביי געוואוקס איז די הארה ניט מיט אַזאַ גרויסן צמצום, און אין אַלגעמיין ווערן זיי אייַנגעטיילט אין פיר מדרגות: דומם (ו), צומח (ז), חי (ח) און מדבר (ט) — אנטקעגן די פיר אותיות פון דעם שם הוי׳ ב״ה וואָס פון איהם ווערען זיי מושפע. און אַזוי ווי עס האָט ניט קיין צושטעל און קיין פאַרגלייך די הארה און די המשכה פון דעם חיות וואָס אין דעם דומם און אין דעם צומח לגבי די האָרה און די המשכה פון דעם חיות וואָס איז אָנגעטאָן אין חי און אין מדבר — כאָטש ביי זיי אַלעמען איז דאָך איין אור וואָס ער איז גלייך אין דער בחינה פון הסתר פנים, און איז אָנגעטאָן אין איין לבוש ביי זיי אַלע — וואָס דאָס איז דער לבוש פון נוגה — אַזוי איז אויך גאָר קיין צושטעל און קיין פאַרגלייך ניט פאַראַן צווישן דער הארה און דער המשכה פון אור

ו) אומבאוועגליכע זאכען.

ז) געוואוקסן.

ח) לעבעדיגע באשעפינשן.

ט) מענטשן (וואָס קענען ריידן).

אין סוף ברוך הוא, וואָס דאָס איז די פּנימיות פון זיין רצון יתברך אָהן הסתר פּנים און אָהן קיין שום לבוש, וואָס לייכט און איז אָנגעטאָן אין די מצוות מעשיות ממש, און אַזוי אויך אין די מצוות וואָס ווענדן זיך אין דיבור און אַרויס־ריידן מיט די ליפּן — אָהן כוונה, וואָס דאָס ווערט פאַר־רעכענט ווי מעשה ממש, ווי אויבן דערמאָנט — לגבי די הארה און די המשכה פון אור אין סוף ברוך הוא וואָס לייכט און איז אָנגעטאָן אין דער כוונה פון די מצוות מעשיות וואָס דער מענטש איז מכוון בעת ער טוט זיי, כדי זיך באַ־העפטן אין איהם יתברך דורך מקיים זיין זיין ווילן, וואָס ער און זיין ווילן זיינען איינס, און אַזוי אויך אין דער כוונה פון דאַווענען און קריאת־שמע מיט איהרע ברכות, און אַנדערע ברכות, וואָס מיט זיין כוונה אין זיי באַהעפט ער זיין מחשבה און זיין שכל אין איהם יתברך, און ניט אַז דאָס באַהעפטן פון דער מחשבה און דעם שכל פון דעם מענטשן אין איהם יתברך איז פון זיך אַליין העכער פון דער באַהעפטונג פון דעם מקיים זיין די מצוות מעשיות בפועל ממש — אַזוי ווי ס'ווערט שפּעטער ערקלערט — נאָר ווייל דאָס איז אויך זיין רצון יתברך אַז מ'זאָל זיך אין איהם באַהעפטן מיט'ן שכל און מיט דער מחשבה און מיט כוונה אין מצוות מעשיות און כוונה ביי קריאת־שמע און תפלה און אַנדערע ברכות. און די הארה פון אָט־דעם רצון העליון וואָס לייכט און איז אָנגעטאָן אין אָט־דער כוונה איז גרעסער אָהן אַ ברעג, העכער און העכער פון דער הארה פון דעם

רצון העליון וועלכע באַלייכט און איז אָנגטאָן אין דעם מקיים זיין די מצוות אַליין, מיט מעשה און מיט די־בור אָהן כוונה, אַזוי ווי די גרויסקייט פון דער מעלה פון דעם אור הנשמה אויף דעם גוף וואָס ער איז אַ כלי און אַ מלבוש פאַר דער נשמה, אַזוי ווי דער גוף פון דער מצוה אַליין, וואָס איז אַ כלי און אַ מלבוש צו איהר כוונה, און כאָטש אין זייביידן, אין דער מצוה און אין איהר כוונה, איז אָנגעטאָן איין רצון, וואָס ער איז פשוט בתכלית הפשיטות, אָהן קיין שום ענדערונג און מעהרונג חס ושלום, און ער איז פאַראייניגט מיט זיין מהות און זיין עצמות יתברך מיט אַ פולשטענדיגער פאַראייניגונג — פונדעסטוועגן איז די הארה ניט גלייך אין דער בחינה פון פאַרקלענערונג און צושפּרייטונג *, און זי טיילט זיך אויף אין פיר מדרגות, וואָרום די מצוות גופא אַליין ממש זיינען צוויי מדרגות, וואָס דאָס זיינען מצוות מעשיות ממש און מצוות וואָס ווענדן זיך אין דיבור און מחשבה, ווי לערנען תורה און לייענען קריאת־שמע און דאַוונען און בענטשן נאָכן עסן און אַנדע־רע ברכות, און די כוונה פון די מצות אַז מ׳זאָל זיך באַ־העפטן אין איהם יתברך — וואָס זי איז ווי אַ נשמה צו

הגהה

(און אזוי ווי ס׳ווערט ערקלערט אין עץ חיים אז די כוונה פון מצוות און תלמוד תורה איז אין א מדרגה פון אור, און די מצוות אליין זיינען מדרגות און בחינות פון כלים, וואס דאס זיינען די בחינה פון צמצום, וואס דורך דעם צמצום פון דעם אור זיינען גע־וואָרן די כלים, אזוי ווי ס׳איז באַקאַנט צו די יודעי חן).

אַ גוף, טיילט זיך אויך איין אין צוויי מדרגות, אַט אַזוי ווי די צוויי מדרגות פון דער נשמה וואָס זיינען פאַראַן אין דעם חומריות'דיקן גוף, וואָס דאָס זיינען „חי" און „מדבר". וואָרום דער וואָס זיין דעת איז פעאיג צו דער־קענען ג־ט און זיך צו באַטראַכטן אין זיין גרויסקייט יתברך, און צו באַשאַפן דורך זיין פאַרשטאַנד אַ הויכע יראה אין זיין מוח און אַן אהבה צו ג־ט אין דעם רעכטן טייל וואָס אין זיין האַרץ, אַז זיין נפש זאָל זיין דאָרשטיג צו ג־ט, זיך צו באַהעפטן אין איהם דורך מקיים זיין די תורה און די מצוות וואָס זיינען אַ המשכה און אַ הארה פון אור אין סוף ברוך הוא אויף זיין נפש, זיך צו באַהעפטן אין איהם, און מיט אַט דער כוונה לערנט ער און ער איז מקיים די מצוות, און אַזוי, מיט אַט דער כוונה דאַוונט ער און בענטשט — איז דאָך אַט־די כוונה על דרך משל, ווי די נשמה פון אַ מדבר (י) וואָס ער האָט שכל און איז אַ בעל בחירה (יא) און ער רעדט מיט פאַר־שטאַנד. און דער וואָס זיין פאַרשטאַנד איז צו קליין צו וויסן און זיך באַטראַכטן אין דער גרויסקייט פון אין סוף ברוך הוא, צו באַשאַפן אַן אהבה פון זיין פאַרשטאַנד אין די אַנטפלעקונג פון זיין האַרץ, און אויך אַ יראה

י) אַ מענטש.

יא) וואָס ער קען זיך אויסקלייבן צי גוט צי פאַרקעהרט.

אין זיין מוח און אַ ציטערניש פאַר ג־ט אין זיין האַרצן, נאָר ער געדענקט און ער וועקט אויף די נאַטירליכע אהבה וואָס איז פאַרבאַהאַלטן אין זיין האַרץ, און נעמט איהר אַרויס פון די פאַרבאָרגענקייט און די באַהעלטעניש פון האַרצן, צו דער אַנטפּלעקונג אין מוח, על כל פנים, אַז זיין רצון וואָס אין זיין מוח און אין די פאַרבאָרגענקייט פון זיין האַרץ זאָל מסכים זיין און איינשטימען מיט אַ פולשטענדיגע ווענלונג, מיט אַ ריכטיגן אמת זיך מוסר נפש זיין בפועל ממש פאַר דער פאַראייניגונג פון ג־ט, כדי צו באַהעפטן אין איהם זיין נפש אלקית און איהרע לבושים און אריינגעמען זיי אין זיין פאַראייניגונג און זיין איינציגקייט, וואָס דאָס איז דער רצון העליון וועלכער איז אָנגעטאָן אין תלמוד תורה און אין דעם קיום המצוות, ווי אויבן דערמאָנט, און אויך יראה איז אריינגענומען אין איהר צו נעמען אויף זיך זיין מלכות אויף ניט ווידערשפעניגן קעגן איהם חס ושלום, און מיט אָט־דער כוונה גייט ער אַוועק פון שלעכטס און טוט גוטס און לערנט און דאַווענט און בענטשט מיט דעם טייטש פון די ווערטער אַליין, אָהן יראה און אהבה (יב) אין די אַנטפּלעקונג פון זיין האַרצן און זיין מוח — איז אָט די כוונה על דרך משל אַזוי ווי די נשמה פון אַ לעבעדיקן באַשעפעניש, וואָס

יב) דחילו ורחימו.

ער האָט ניט קיין שכל און קיין בחירה, און אַלע זיינע מדות, וואָס דאָס זיינען זיין מורא פאַר זאַכן וואָס שאָדן איהם און זיין ליבשאַפט צו זאַכן וואָס ער האָט האָלט — זיינען ביי איהם נאָר נאַטירליכע און נעמען זיך ניט פון זיין פאַרשטאַנד און פון זיין דעת, און אַזוי זיינען, על דרך משל, די נאַטירליכע יראה און אהבה וואָס זיינען באַהאַלטן אין דעם האַרץ פון איטליכן אידן, וואָרום זיי זיינען ביי אונז אַ ירושה פון אונזערע אבות, און אַזוי ווי אַ נאַטור אין אונזערע נפשות, אַזוי ווי אויבן דערמאָנט.

פרק לט און צוליב דעם ווערן אויך די מלאכים אָנגערופן

מיט'ן נאָמען חיות און בהמות, אַזוי ווי ס'שטייט ופני ארי' אל הימין וגו' ופני שור מהשמאל וגו' (א). ווייל זיי האָבן ניט קיין בחירה, און זייער יראה און זייער אהבה איז ביי זיי אַ נאַטירליכע, אַזוי ווי ס'שטייט אין רעיא מהימנא, פרשת פינחס, און דעריבער איז די מעלה פון צדיקים העכער פון זיי, וואָרום דער פלאַץ פאַר די נשמות פון צדיקים איז אין דעם עולם הבריאה, און דער פלאַץ פאַר די מלאכים איז אין עולם היצירה* און דער אונטערשייד וואָס צווישן זיי איז, ווייל אין עולם היצירה לייכטן נאָר די מדות פון אין סוף ברוך הוא

ה ג ה ה

(און דאס איז נאר ביי סתם

א) יחזקאל א, י׳: און דאס פנים פון א לייב צו דער רעכטער זייט וגו' און דאָס פנים פון אַ אָקס פון דער לינקער זייט וגו'.

אליין, וואָס דאָס זיינען די ליבשאַפט צו איהם, די יראה און שרעק פאַר איהם כו׳, און אַזוי ווי עס ווערט ער־קלערט [אין תיקונים און אין עץ חיים] אַז די זעקס ספירות איז זייער פּלאַץ אין עולם היצירה, און דעריבער איז דאָס שטענדיג די עבודה פון די מלאכים וואָס זיי רוען ניט טאָג און נאַכט, צו שטיין מיט יראה און מיט פּחד א. אַ. וו. און דאָס מיינט די גאַנצע מחנה פון גבריאל וואָס פון דער לינקער זייט און די עבודה פון דער מחנה פון מיכאל איז די אהבה כו׳ אָבער אין עולם הבריאה, דאָרט לייכט די חכמה, בינה און דעת פון אין סוף ברוך הוא, וואָס זיי זיינען דער מקור פון מדות און אַ מוטער און אַ שורש פאַר זיי, און אַזוי ווי ס׳איז פאַראַן אין תיקונים אַז „אימא עילאה״ (ב) מאַכט איהר פּלאַץ אין די דריי ספירות אין „כרסיא״, וואָס דאָס איז עולם הבריאה, און דעריבער איז דאָס דער פּלאַץ פון די נשמות פון די צדיקים וועלכע דינען ג־ט מיט יראה און אהבה, וועלכע נעמען זיך פון דעם פאַרשטאַנד און דעם דעת פון דער גרויסקייט פון אין סוף ברוך הוא, וואָס אַט־די אהבה ווערט אָנגערופן „רעותא דלבא״ (ג)

(מלאכים, אבער פאראן העכערע מלאכים אין דעם עולם הבריאה, וואָס זייער עבודה איז מיט שכלי־דיקע יראה און אהבה, אזוי ווי ס׳ווערט דארט ערקלערט אין „רעיא מהימנא״, אז ס׳איז פאראן צוויי־ערליי חיות הקודש: נאטירליכע און שכל׳דיקע און אזוי ווי ס׳ווערט ערקלערט אין עץ חיים).

ב) בינה.

ג) באגעהר פון הארצן.

ווי אויבן דעמאָנט, און פון „באגעהר פון האַרצן״ ווערט אַ לבוש פאַר דער נשמה אין דעם עולם הבריאה, וואָס דאָס איז דער גן עדן העליון, ווי עס וועט שפּעטער ערקלערט ווערן, און אַזוי ווי ס׳שטייט אין זוהר ויקהל. אָבער דאָס איז דוקא די נשמות ממש, וואָס זיי זיינען א בחינה פון „מוחין דגדלות״ פון אין סוף ברוך הוא, אָבער די בחינה פון דעם רוח פון די צדיקים, און אַזוי אויך אַלע אַנדערע נשמות פון אידן וואָס האָבן געדינט דעם אויבערשטן מיט יראה און אהבה, וועלכע זיינען באַהאַלטן אינ׳ם האַרץ פון אַלע אידן — זיי זיינען ניט עולה אַהין־צו, נאָר שבת און ראש חדש, דורך דער זייל וואָס פון דעם גן עדן התחתון צום גן עדן העליון, וואָס דאָס איז דער עולם הבריאה וועל־כער ווערט אָנגערופן גן עדן העליון, צו האָבן תענוג פון אלקות און הנאָה צו האָבן פון דעם זיו השכינה, וואָרום אַ שכל פון אַ באַשאפענעם קען ניט האָבן קיין הנאה און תענוג, נאָר אין דעם וואָס ער קליגט זיך און פאַרשטייט און ער ווייסט און באַגרייפט מיט זיין שכל און זיין פאַרשטאַנד דאָס וואָס ער קען פאַרשטיין און משיג זיין פון אור אין סוף ברוך הוא דורך זיין חכמה און זיין בינה יתברך, וואָס לייכטן דאָרט, אין עולם הבריאה. און דאָס וואָס די נשמות זיינען זוכה עולה זיין העכער פון די מלאכים, כאָטש אפילו זייער עבודה איז געווען נאָר מיט נאַטירליכע יראה און אַהבה — דאָס איז ווייל דורך זייער יראה און אהבה איז איינגעבויגן געוואָרן די סטרא אחרא וועלכע איז אָנגעטאָן אין זייער גוף, סיי

אין דער בחינה פון „אַוועקגיין פון שלעכטס", אײַנצוהאַלטן די תאוות און צוברעכן זיי — און סיי אין דער בחינה פון „טאָן גוטס", ווי אויבן דערמאָנט, און זיי האָבן געהאַט די בחירה אויסצוקלייבן דאָס שלעכטס חס ושלום, און זיי האָבן אויסגעקליבן דאָס גוטס, אײַנצובויגן די סטרא אחרא, צו ממשיך זיין דעם כבוד פון הקדוש ברוך הוא כו' אַזוי ווי ס'איז גרויס די מעלה פון ליכט(ד) כו' ווי אויבן דערמאָנט. והנה, דאָס איז אַלץ וועגן דער וואוינונג פון די נשמות און דעם אָרט וואו זיי געפינען זיך, אָבער זייער תורה און זייער עבודה ווערן ממש אַריינגענומען אין די צעהן ספירות וואָס זיינען אַ בחינה פון ג־טליכקייט און דער אור אין סוף פאַראייניגט זיך מיט זיי מיט אַ פולשטענדיגער פאַראייניגונג און דאָס איז אין די צעהן ספירות פון דעם עולם הבריאה, דורך שכל'דיגע יראה און אהבה, און אין די צעהן ספירות פון עולם היצירה דורך נאַ־טירליכע יראה און אהבה, און אין זיי זיינען אָנגעטאָן די צעהן ספירות פון דעם עולם האצילות, און זיי זיינען פאַראייניגט מיט זיי בתכלית, און די צעהן ספירות פון אצילות זיינען פאַראייניגט בתכלית מיט זייער מאציל — אין סוף ברוך הוא. די נשמות, אָבער, זיי ווערן ניט אריינגענומען אין די ג־טליכקייט פון די צעהן ספירות, נאָר זיי שטייען אין די היכלות און אין די וואוינונגען פון בריאה אָדער יצירה, און זיינען נהנה פון דעם אָפשיין פון דער שכינה, וואָס דאָס

ד) וואָס קומט ארויס פון פינסטערניש.

איז דער אור אין סוף ברוך הוא וואָס איז פאַראייניציגט מיט די צעהן ספירות פון בריאה אָדער פון יצירה, און דאָס איז דער אָפּשיין פון זייער תורה און זייער עבודה ממש [זע זוהר ויקהל, דף ר״י] וואָרום דער שכר פון דער מצוה איז די מצוה אַליין. און דער עולם פון אצילות וואָס ער איז העכער פון דעם שכל און פון דעם באַגריף און פון דעם פאַרשטאַנד פון דעם שכל פון אַ באַשאַפענעם, וואָרום דאָרט זיינען אין סוף ב״ה׳ס חכמה און בינה און דעת פאַראייניציגט מיט איהם מיט אַ פולשטענדיגער פאַראייניציגונג, מיט אַ שטאַרקער פאַראייניציגונג און אַ וואונדערליכער, אַ סך העכער און שטאַרקער אָן אַ ברעג, ווי אין עולם הבריאה, וואָרום דאָרט האָבן זיי אַראָפּגענידערט צו לייכטן אין אַ בחינה פון צמצום, כדי באַשאַפענע בעלי שכל זאָלן קענען מקבל זיין פון זיי חכמה, בינה און דעת, צו דערקענען ג־ט און צו פאַרשטיין און משיג זיין עפּעס אַ השגה אין אור אין סוף ברוך הוא, לויט דעם כח פון באשאפענע בעלי שכל, וואָס זיי זיינען דאָך באַגרעניצט און האָבן אַ ברעג, — כדי אַז זיי זאָלן ניט בטל ווערן אין זייער מציאות און גאָר אינגאַנצן אויפהערן צו זיין אין גדר פון באַשעפעניש, נאָר זיי וועלען אומקעהרן זיך צו זייער מקור און זייער שורש וואָס דאָס איז די בחינה פו ג־טליכקייט ממש. והנה, אָט דער צמצום איז די סיבה פון דער הארה וואָס עס לייכט דאָרט די חכמה, בינה און דעת פון אין סוף ב״ה צו אָט־די נשמות אין דעם עולם הבריאה. אַנדערש אָבער, אין אצילות,

וואָס זיי זיינען ניט אין אַ בחינה פון צמצום אַזוי פיל, קענען ניט באַשאַפענע בעלי שכל (ה) מקבל זיין פון זיי, און דעריבער קען זייער מחשבה דאָרט גאָרניט באַנעמען, דעריבער איז דאָס די וואוינונג פאַר די גרויסע צדיקים וואָס זייער עבודה איז אַ סך העכער אפילו פון דער בחינה פון יראה און אַהבה וואָס נעמען זיך פון דעם פאַרשטיין און וויסן אין זיין גרויסקייט יתברך, אַזוי ווי דער עולם האצילות איז אַ סך העכער פון דער בחינה פון פאַרשטיין און וויסן פאַר אַ באַשאַפענעם שכל, נאָר זייער עבודה איז געווען אין אַ בחינה פון „מרכבה", ממש צו אין סוף ברוך הוא און בטל צו ווערן צו איהם במציאות און אַריינ־געגומען ווערן אין זיין אור יתברך, — זיי און אַלץ וואָס איז זייערס, דורך דעם מקיים זיין די תורה און די מצוות, לויט ווי זיי האָבן געזאָגט, אַז די אבות, זיי זיינען געווען די „מרכבה". און דאָס איז ווייל אַלע זייערע יאָהרן איז דאָס געווען זייער עבודה. אָבער דער וואָס דער שורש פון זיין נשמה איז צו קליין אויף צו פאַרנעמען אַזאַ גאַנצע עבודה, בטל צו ווערן און אַריינגענומען ווערן אין זיין אור יתברך, אין זיין עבודה מיט אַ קביעות, נאָר אין אַזעלכע מאָמענטן און צייטן וואָס זיי זיינען אַ עת רצון למעלה, אַזוי ווי אין דער תפלה פון שמונה־עשרה וואָס איז אין אצילות, און איבער־הויפט אין די השתחואות (ו) וואָס אין איהר, וואָס

ה) שכלים נבראים.
ו) בוקן זיך.

יעדע השתחואה איז אין דער בחינה פון אצילות [אַזוי ווי ס'ווערט ערקלערט אין „פרי עץ חיים" ביי קבלת שבת], וואָרום זי איז דער ענין פון בטל ווערן אין זיין אור יתברך, צו זיין פאַררעכענט פאַר איהם ווי גאָרניט ממש, יעמאָלט איז אויך דער עיקר קביעות פון זיין נשמה אין דעם עולם הבריאה, [נאָר צו געוויסע צייטן, אין אַ עת רצון, איז זיין נשמה עולה אין אצילות אין אַ בחינה פון „מיין נוקבין" אַזוי ווי ס'איז באַקאַנט צו די יודעי חן]. והנה, „דער שכר פאַר אַ מצוה איז אַ מצוה" — מיינט דאָס אַז פון דעם שכר קענען מיר וויסן איהר מהות און איהר מדרגה, און מיר פאַרנעמען זיך ניט מיט פאַרבאָרגענע זאַכן, וואָס דאָס זיינען די גרויסע צדיקים, וואָס זיי זיינען אין דער בחינה פון אַ מרכבה, נאָר די אנט־פלעקטע ענינים זיינען פאַר אונז — וואָס נאָך זיי דאַרף איט־ליכער מענטש זיך ציען צו וויסן קלאָר דעם מהות און די מדרגה פון עבודת ה' מיט יראה און אהבה וואָס זיינען פאַראַן אין האַרץ אָפענערהייט, וואָס זיי נעמען זיך פון פאַר־שטיין און וויסן די גרויסקייט פון אין סוף ברוך הוא — איז איהר אָרט אין די צעהן ספירות פון בריאה, און די עבודה מיט די נאַטירליכע יראה און אהבה וואָס אין זיין מוח — איז אין די צעהן ספירות פון יצירה, אָבער אַן עבודה אָהן אַ התעוררות פון יראה און אהבה אפילו אין מוח, אין אַ בחינה פון אַנטפלעקונג, וואָס דאָס מיינט דערוועקן די נאַטירליכע אהבה וואָס איז באַהאַלטן אין האַרצן און איהר ארויסנעמען פון די פאַרבאָרגענקייט און באַהעלטעניש פון

האַרצן, אין אַנטפּלעקונג, אפילו אין זיין מוח און אין די פאַרבאָרגענקייט פון זיין האַרץ על כל פנים, נאָר זי פאַר־בלייבט פאַרבאַהאַלטן אין האַרצן לויט איהר געבורט, אַזוי ווי זי איז געווען פאַר דער עבודה — אַזאַ מין עבודה פאַרבלייבט אונטן, אין דער וועלט פון פאַנאַנדערטיילונג (ז) וואָס ווערט אָנגערופן דאָס „דרויסענדיגע פון די וועלטן" (ח) און זי האָט ניט קיין כח עולה זיין און אַריינגענומען ווערן אין זיין איינציגקייט יתברך, וואָס דאָס זיינען די צעהן הייליגע ספירות, און אַזוי ווי ס'שטייט אין תיקונים, אַז אָהן יראה און אהבה קען זי זיך ניט דערהויבן אין דער הויך און קען ניט עולה זיין און שטעלן זיך פאַר ג־ט. און דאָס רעדט זיך אפילו ווען ער טוט עס ניט „שלא לשמה", ממש צוליב וועלכער ס'איז פניה חס ושלום, נאָר אַזוי ווי עס שטייט (ט) „ותהי יראתם אותי מצות אנשים מלומדה", דאָס מיינט צוליב די געוואוינהייט וואָס ער איז איינגעוואוינט געוואָרן פון קליינערהייט וואָס זיין פאָטער און זיין רבי האָבן איהם איינגעוואוינט און אויסגעלערענט מורא צו האָבן פאַר ג־ט און דינען איהם, און ער טוט ניט לשמה ממש וואָרום לשמה ממש קען ניט זיין אָהן דערוועקן על כל פנים

ז) עולם הפירוד.

ח) חיצוניות העולמות.

ט) ישעי' כ"ט, י"ג: און זייער מורא פאַר מיר איז געווען אַזוי ווי אַן איינגעלערנטער, מענטשליכער באַפעהל.

די נאַטירליכע יראה און אהבה, זיי ארויסצונעמען פון די באַהעלטעניש פון האַרץ צו דער אַנטפּלעקונג אין מוח און אין די פאַרבאָרגענקייט פון זיין האַרצן על כל פנים. וואָרום אַזוי ווי אַ מענטש טוט ניט קיין זאַך פאַר זיין חבר אויף צו דערפילן זיין ווילן, סיידן אַז ער האָט איהם ליב אָדער ער האָט מורא פאַר איהם, אַזוי קען מען אויך פאַר זיין נאָמען יתברך ניט טאָן מיט אַן אמת, נאָר צוליב ממלא זיין זיין ווילן, ווען מען זאָל גאָרניט געדענקען און אויפוועקן זיין ליבשאַפט און זיין מורא אין זיין מוח און אין זיין מחשבה און אין די פאַר־באָרגענקייט פון זיין האַרץ על כל פנים. און אויך אהבה אַליין ווערט ניט אָנגערופן מיט דעם נאָמען עבודה, אָהן די נידעריגערע מדרגה פון יראה, אַם ווינציגסטן, וואָס איז באַהאַלטן אין איטליכן אידן׳ס האַרץ, אַזוי ווי ס׳ווערט ווייטער ערקלערט. און ווען ער איז זיך עוסק שלא לשמה ממש, צוליב וועלכער־ס׳איז פניה פאַר זיין אייגענעם כבוד, ווי למשל, כדי צו זיין אַ תלמיד־חכם א. דגל., יעמאָלט טוט זיך אָן אַ טי־יענע פניה וואָס איז פון דער זייט פון דער קליפה פון נוגה — אין זיין תורה, און די תורה איז צייטווייליג אין אַ בחינה פון גלות אין דער קליפה ביז וואַנען ער וועט תשובה טאָן, וואָס דאָס ברענגט אַ רפואה אויף דער וועלט, וואָרום צוריקקעהרענדיג זיך צו ג־ט קומט אויך מיט איהם צוריק זיין תורה, און דעריבער האָבן די רז״ל געזאָגט (י) אַז אַלעמאָל זאָל אַמענטש זיך פאַר־

י) פסחים נ׳ ע״ב. נזיר כ״ג, ע״ב.

נעמען וכו׳ (יא) וואָרום פון „שלא לשמה" וועט ער געוויס צוקומען צו „לשמה", וואָרום געוויס וועט ער צום סוף תשובה טאָן, צו אין דעם גלגול צו אין אַן אַנדער גלגול, ווייל קיינער וועט ניט פון איהם דערווייטערט ווערן. אָבער אויב ער טוט סתם, ניט „לשמה" און ניט „שלא לשמה", יעמאָלט ווענדט זיך דאָס ניט אין תשובה, נאָר באַלד ווען ער לערנט נאָכאַמאָהל אָט־די זאַך לשמה, ווערט אויך דאָס וואָס ער האָט געלערנט סתם — באַהעפט און איז זיך מצטרף צו אָט־דעם לערנען און גייט ארויף למעלה, וויבאַלד ס׳האָט זיך דעריין נאָך ניט אָנגעטאָן קיין קליפה פון נוגה, און דעריבער זאָל זיך אַלע־מאָל אַ מענטש עוסק זיין כו׳ און אַזוי איז דער ענין ביי תפלה וואָס אָהן כוונה, אַזוי ווי ס׳ווערט ערקלערט אין זוהר.

פרק מ אבער אַזוי לאַנג ווי ער האָט נאָך ניט איבער־געלערנט יענע זאַך לשמה, גייט זיין לערנען ניט אַרויף אפילו אין די צעהן ספירות וואָס לייכטן אין דעם עולם היצירה און עשיה, וואָרום די ספירות זיינען אַ בחינה פון ג־טליכקייט און אין זיי טוט זיך אָן און פאַראייניגט זיך דער אור אין סוף ברוך הוא ממש, און אָהן יראה און אהבה קען זי ניט ארויפגיין און זיך שטעלן פאַר ג־ט אַזוי ווי ס׳שטייט אין תיקונים, נאָר זיין לערנען גייט ארויף אין די היכלות און אָפטיילונגען וואָס זיי זיינען די

יא) מיט תורה, אפילו אויב עס איז ניט „לשמה".

חיצוניות פון די עולמות וואָס אין זיי שטייען די מלאכים, און אַזוי ווי הרב ר׳ חיים וויטאל זכרונו לברכה שרייבט אין שער הנבואה פרק ב׳, אַז פון תורה אָהן כוונה ווערן באַשאַפן מלאכים אין עולם היצירה, און פון מצוות אָהן כוונה ווערן באַשאַפן מלאכים אין עולם העשיה, און אַלע מלאכים זיינען פון חומר און צורה (א), אָבער תורה שלא לשמה ממש, ווי, למשל, צו זיין אַ תלמיד חכם א. דגל., גייט גאָרניט אַרויף למעלה, אפילו צו די היכלות און די אָפּטיילונג פון די מלאכים פון קדושה, נאָר זי פאַרבלייבט אונטן, אין דעם גשמיות׳דיקן עולם הזה וואָס איז די אָפּטיילונג פון קליפות* און אַזוי ווי ס׳ווערט ערקלערט אין זוהר אויפ׳ן פסוק(ב) „מה יתרון לאדם בכל עמלו שיעמול תחת השמש״, אַז אפילו די האָראָוואַניע פון תורה, אויב ער טוט צוליב זיין כבוד כו׳ און דאָס מיינט וואָס מען זאָגט (ג) „וואויל איז

הגהה

(אַזוי ווי ס׳שטייט אין זוהר חלק ג׳ דף ל״א ע״ב און דף קכ״א ע״ב, זע דאָרט: יענער וואָרט גייט אַרויף און שפּאַלט הימלען כו׳ און ס׳ווערט אַנטפּלעקט דאָס וואָס ווערט אַנטפּלעקט: אויב ס׳איז גוט, איז גוט כו׳ זע דאָרט און דף ק״ה עמוד א׳: פון אַ וואָרט תורה

א) קערפּער און געשטאַלט.

ב) קהלת א׳, ג׳: וואָס קומט ארויס דעם מענטשן פון זיין גאַנצער מיה וואָס ער האָרעוועט אונטער דער זון.

ג) ווען מען קומט אויף יענער וועלט — פסחים נ׳, ע״א.

צו דעם וואָס קומט אַהער און זיין לערנען איז מיט איהם", דאָס מיינט אַז ס'איז ניט געבליבן אונטן, אויף דער וועלט.

(ווערט אַ קול, און גייט ארויף, כו' און דף קס"ח עמוד ב': קולות פון תורה און תפילה שפּאַלטן הימלען כו').

און כאטש תורה און הקב"ה זיינען אלץ איינס, ווארום ער און זיין ווילן זיינען איינס, פילט דאָך דער אויבערשטער אָן אַלע וועלטן גלייך, און פונדעסטוועגן זיינען די וועלטן ניט גלייך אין זייער מעלה און דער אונטערשייד איז אין די מקבלים, אין צווייערליי בחינות, ערשטנס, וואָס די העכערע זיינען מקבל אַ גרעסערע הארה אָהן אַ ברעג, ווי איידער די נידעריגערע, און צווייטנס, וואָס זיי זיינען מקבל אָהן אזוי פיל לבושים און פאַרשטעלונגען ווי די נידעריגערע, און דער עולם הזה איז די נידריגסטע וועלט איןביידע בחינות, ווארום די הארה וואָס אין איהם איז זייער פארקלענערט ביז גאָר צום ברעג, און דעריבער איז ער אַ חומריות'דיקער און א גשמיות'דיקער, און אויך דאָס איז מיט אַ סך לבושים און פאַרשטעלונגען, ביז וואַנען זי (ד) האָט זיך אָנגעטאָן אין קליפּת נוגה אויף צו באלעבן אַלע טהור'דיקע זאַכן וואָס אין עולם הזה, און אין דעם איז די ריידענדיגע נפש החיונית וואָס אין דעם מענטשן, און דעריבער איז בעת

ד) די הארה.

זי רעדט דברי תורה און תפילה אָהן כוונה, כאָטש דאָס זיינען דאָך הייליגע אותיות, און די קליפּת נוגה וואָס אין דעם נפש החיונית איז גאָרניט קיין פאַרשטעלענדיגער פאַרהאַנג אויף צו באַהאַלטן און צו פאַרדעקן אויף זיין קדושה יתברך וואָס איז אָנגעטאָן אין זיי, אַזוי ווי זי פאַרשטעלט און פאַרדעקט אויף זיין קדושה יתברך וואָס אין דעם נפש החיונית ווען זי רעדט דברים בטלים, און וואָס איז פאַראַן אין דעם נפש החיונית וואָס אין אַנדערע לעבעדיגע באַשעפענישן וואָס זיינען טהור, וואָרום כאָטש ס'איז ניטאָ קיין פּלאַץ וואָס איז ליידיג פון איהם, פונדעסטוועגן איז ער דער פאַרבאָרגענסטער פון אַלע פאַרבאָרגענע און ווערט אָנגערופן „א־ל מסתתר" (ה), און אויך די האָרה און די פאַרשפּרייטונג פון דעם חיות פון איהם יתברך באַהאַלט זיך אין די לבושים און אין אַ סך און שטאַרקע פאַרשטעלונגען, ביז וואַנען זי ווערט אָנגעטאָן און פאַרבאַ־האַלט זיך אין דעם לבוש פון נוגה. אַנדערש אָבער ביי די הייליגע אותיות פון דברי תורה און תפלה, וואָס אַדרבה, די קליפּת נוגה ווערט איבערגעקעהרט אויף גוטס און אַריינגענומען אין אָט דער קדושה ווי אויבן דערמאָנט, פונדעסטוועגן אָבער איז די הארה וואָס איז אין זיי פון זיין קדושה יתברך איז זי אין אַ בחינה פון צמצום (ו) ביז דעם לעצטן ברעג, וויבאַלד אַז דער קול און די רייד זיינען גשמיות'דיג. אָבער ביי תפלה מיט כוונה

ה) דער ג־ט וואָס באַהאַלט זיך.
ו) פאַרקלענערונג.

און תורה מיט כוונה לשמה, ווערט די כוונה דאָך אָנגעטאָן אין די אותיות פון דעם דיבור וויבאַלד זי איז זייער מקור און שורש, וואָס צוליב איהר און דורך איהר רעדט ער אָט־די אותיות, דעריבער איז זי זיי מעלה ביז צו איהר אָרט אין די צעהן ספירות פון יצירה אָדער פון בריאה ,לויט דעם ווי די כוונה איז, מיט שכל׳דיקע אָדער נאַטירליכע יראה און אהבה כו׳ ווי אויבן דערמאָנט. און דאָרט לייכט און אַנטפלעקט זיך דער אור אין סוף ב״ה וואָס דאָס איז דער רצון פון דעם אויבערשטן ב״ה וואָס איז אָנגעטאָן אין די אותיות פון דער תורה וואָס ער לערנט און אין זייער כוונה אָדער אין דער תפילה און אין איהר כוונה, אָדער אין דער מצוה און אין איהר כוונה, מיט אַ גרויסער הארה אהן א ברעג, וואָס קען גאָרניט לייכטן און אנטפלעקט ווערן, אזוי לאַנג ווי די אותיות און די מצוה זיינען נאָך אין דער גשמי׳דיקער וועלט, ניט דאָס אַליין און ניט עפּעס פון דעם, ביז צו דער צייט פון קץ הימין וואָס די וועלט וועט דערהויבן ווערן פון איהר גשמיות, און ס׳וועט אַנטפלעקט ווערן דעם אויבערשטנ׳ס כבוד וגו׳, אַזוי ווי ס׳איז פריער אויספיהרליך ערקלערט געוואָרן*, און דערמיט וועט זיין גוט פאַרשטאַנדיק דאָס וואָס דחילו און רחימו ווערן אָנגערופן „פליגלען״ (ח), דרך משל, אַזוי ווי ס׳שטייט (ט) „ובשתים יעו־

הגהה

און דאָרט (ז) לייכט און אַנט־

ז) אין די צעהן ספירות.

ח) גדפין.

ט) ישעי׳ ו׳, ב׳ : און מיט צוויי (פליגלען) פליהט ער.

י) ישעי׳ ו׳, ב׳ : און מיט צוויי (פליגלען) פליהט ער.

פף״ [און לויט ווי הר׳ ר׳ חיים ויטאל ז״ל האָט ער־קלערט אין שער היחודים פרק י״א] וואָס די פליגלען ביים פויגל זיינען די אָרימס ביים מענטשן, און אַזוי ווייטער, און אין תיקונים ערקלערט ער אַז די וועלכע זיינען זיך עוסק אין תורה און מצוות מיט יראה און אהבה, ווערן אָנגערופן „בנים״ און אויב ניט, ווערן זיי אָנגערופן „אפרוחים״ וואָס קענען פלעקט זיך אויך דער יחוד פון למעלה וואָס ווערט דורך יעדער מצוה און תלמוד תורה, וואָס איז די פאַראייניגונג פון זיינע מדות יתברך וואָס זיי ווערן אַריינגענומען איינער אין די אַנדע־רע, און גבורות ווערן פאַרזיסט מיט חסדים, דורך אַ עת רצון העל־יון אין סוף ברוך הוא, וואָס לייכט און אַנטפלעקט זיך אין א בחינה פון גרויסער און שטאַרקער אַנטפלעקונג דורך אתערותא דלת־תא (י), וואָס דאָס איז דער טאָן די מצוה אָדער דער עסק פון תורה וואָס אין זיי איז אָנגעטאָן דער רצון העליון אין סוף ב״ה, אָבער דער עיקר יחוד איז א סך העכער אין דעם עולם האצילות וואָס דאָרט איז די מהות און די עצמות פון זיינע מדות יתברך פאַראייניגט מיט זייער מאציל אין סוף ב״ה, און דאָרט איז מהות און עצמות פון דעם רצון העליון פון אין סוף ב״ה, און נאָר א הארה פון זיי לייכט אין בריאה, יצירה און עשיה, אין איטליכן עולם פון זיי לויט זיין מעלה, און כאָטש דער נפש פון דעם מענטשן וואָס איז זיך עוסק אין תורה און אין דער מצוה איז ניט פון אצילות, פונדעסטוועגן איז דאָך דער רצון העליון וואָס איז אָנגעטאָן אין אָט־דער מצוה און ער איז דאָך אליין אָט דער דבר הלכה און די תורה אין וועלכער ער איז עוסק, איז דאָך דאָס ג־טליכקייט און אור, פון אין סוף דעם מאציל ברוך הוא וואָס ער און זיין רצון זיינען

י) התעוררות פון אונטן.

איינס, און מיט זיין רצון יתברך האָט ער מאציל געווען זיינע מדות וואָס זיינען פאראייניציגט מיט איהם יתברך, און דורך דער אַנטפלעקונג פון זיין רצון וועלכער ווערט אַנטפלעקט דורך דעם עסק פון תורה און פון אָט דער מצוה, ווערן זיין אריינגענומען איינע אין דער צווייטער, און עס ווערן פאַרזיסט די גבורות מיט חסדים אין אָט־דעם עת רצון).

ניט פליען* וואָרום אזוי ווי דעם פויגל׳ס פליגלען זיינען דאָך ניט דער עיקר פון דעם פויגל און זיין חיות איז ניט אָפּהענגיג אין זיי גאָרניט, אזוי ווי מיר האָבן געלערנט (יא) אויב עס זיינען אָראָפּגענו־מען געוואָרן זיינע פליגלען, איז ער כשר, און דער עיקר איז זיין קאָפּ און זיין גאַנ־צער קערפּער, און די פליג־לען זיינען מעהר ניט וואָס זיי באַדינען זיין קאָפּ און זיין קערפּער צו פליען מיט זיי, און אזוי — דרך משל — זיינען די תורה און

הגהה

(און אין תיקון מ״ה שטייט אַז עוף איז דאָס מט״ט, זיין קאָפּ איז יו״ד און דער גוף איז וא״ו און זיינע צוויי פליגלען זיינען צוויי ה״א׳ן כו׳, וואָס דאָס מיינט דער עולם היצירה וועלכער ווערט אָנגערופן מט״ט, און אין איהם זיינען די גופי הלכות וואָס אין דער משנה, און זיין קאָפּ, דאָס זיינען די מוחין און די בחינות פון חב״ד וואָס דאָס איז די פּני־מיות פון די הלכות און זייער סוד און זייערע טעמים, און די צוויי פליגלען — דחילו ורחימו, דאָס זיינען, ה׳ עילאה וואָס זי איז רחי־מו און ה״א תתאה, איז די יראה

יא) חולין נ״ו, ע״ב.

מצוות דער עיקר פון דעם יחוד העליון, דורך דער אַנט־פלעקונג פון דעם רצון העליון, וואָס ווערט אַנטפּלעקט דורך זיי, און די יראה און אהבה זיינען זיי מעלה צו יענעם אָרט וואו עס ווערט אין איהם אַנטפּלעקט דער רצון פון אור אין סוף ב״ה, און דער יחוד, וואָס דאָס זיינען די עולמות פון יצירה און בריאה* והנה כאָטש אַז יראה און אהבה זיינען דאָך אויך פון די תר״י״ג מצוות, פונדעסטוועגן ווערן זיי אָנגערופן „פליגלען״, ווארום דער תכלית פון אהבה איז די עבודה פון אהבה, און אהבה אָהן עבודה דאָס איז „אהבה בתענוגים״ צו האָבן תענוג פון ג־טליכקייט, וואָס דאָס איז אַ מעין פון עולם הבא און פון קבלת שכר, און עס שטייט אָבער תתאה, דער עול פון מלכות שמים און פחד פאַר ג־ט אַזוי ווי מ׳־שרעקט זיך פאַר אַ מלך, דרך משל, וואָס דאָס איז אַ דרויסענ־דיקע און אַן אנטפלעקטע יראה. אַנדערש אָבער די העכערע יראה, אַ יראה פון בושה—איז פון די באַהאַלטענע זאַכן וואָס זיינען צו ג־ט אונזער ג־ט און זי איז אין חכמה עילאה, דער יו״ד פון דעם שם הוי׳ ב״ה, אַזוי ווי ס׳־ווערט ערקלערט אין רעיא מהימ־נא).

ה ג ה ה

(אָדער אפילו אין עשיה אין די צעהן ספירות פון קדושה, דעם אָרט פון די מצוות מעשיות און אויך פון מקרא (יב). אָבער ביי משנה אַנטפּלעקט זיך דער יחוד און דער אור אין סוף ב״ה אין יצירה, און ביי תלמוד אין בריאה, וואָס דאָס מיינט אַז ביי לערנען פסוק, פאַרשפּרייט זיך דער יחוד און דער אור אין סוף ב״ה פון אצילות ביז עשיה, און ביי משנה —ביז יצירה אַליין, און ביי תל־מוד — נאָר ביז בריאה וואָרום זיי זיינען אַלע אין אצילות,

יב) לערנען פסוק.

אַז היינט(יג) דאַרף מען זיי טאָן (יד) און מאָרגן(טו) וועט מען באַקומען זייער שכר, און דער ווער ס'איז ניט צוגעקומען צו דער מדה צו פיהלן דעם טעם פון א מעין עולם הבא, נאָר זיין נפש איז נאָך גלוסטיג און דאָרשטיג צו ג־ט און גייט אויס צו איהם אַ גאַנצן טאָג, און ער שטליט ניט אַיין זיין דאָרשט מיט די וואַסער פון דער תורה וואָס פאַר איהם, דער איז גלייך צו איינעם וואָס שטייט אין אַ טייך און שרייט „וואַסער! וואַסער צו טרינקען!", און ווי דער נביא קלאָגט אויף איהם (טז) „הוי כל צמא לכו למים". וואָרום לויט דעם פשוט'ן פשט איז ניט פאַרשטאַנדיג, וואָרום דער וואָס איז דאָרשטיג און גלוסט צו לערנען, וועט ער דאָך געוויס פון זיך אַליין לערנען, און נאָך וואָס דאַרף דער נביא שרייען וועגן איהם „הוי", און אַזוי ווי ס'ווערט אויספיהרליך ער־קלערט אויף אַן אַנדער אָרט.

אָבער קבלה איז זיך גאָרניט מת־פשט פון אצילות צו בריאה, יצירה, עשיה, אַזוי ווי ס'ווערט ערקלערט אין „פרי עץ חיים").

פרק מא מען דאַרף אָבער אייביג אין זינען האָבן דעם אָנ־הויב פון דער עבודה און איהר עיקר און איהר

שורש. און דאָס איז, אַז כאָטש אַז יראה איז דער שורש אויף אָוועקגיין פון שלעכטס און אהבה אויף טאָן גוטס. פונ־

יג) אויף דער וועלט.
יד) די מצוות.
טו) לעתיד לבוא.
טז) ישעי' נ"ה, א': הוי, אַלע דאָרשטיגע, גייט צום וואַסער!

דעסטוועגן איז ניט גענוג צו דערוועקן נאָר די אהבה אַליין, אויף „ועשה טוב״, און אַמווייניגסטן דאַרף ער פריער דער־וועקן די נאַטירליכע יראה וואָס איז באַהאַלטן אין דער האַרץ פון אַלע אידן, ניט צו זיין ווידערשפּעניג קעגן דעם מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא, ווי אויבן דערמאָנט, אַז זי(א) זאָל זיין אין דער אַנטפּלעקונג פון זיין האַרץ אָדער זיין מוח על כל פנים, דאָס הייסט ער זאָל באַטראַכטן אין זיין מחשבה על כל פנים די גרויסקייט פון אין סוף ברוך הוא און זיין מלוכה וואָס זי איז די מלוכה פון אַלע עולמות, די העכערע און די נידעריגערע, און ער פילט אָן אַלע וועלטן און נעמט אַרום אַלע וועלטן (ב), און אַזוי ווי ס׳שטייט (ג) „הלא את השמים ואת הארץ אני מלא״, און ער לאָזט אַוועק די אַלע העכערע און נידעריגערע און פאַראייניצט זיין מלוכה אויף זיין פאָלק ישראל אין אַלגעמיין און אויף איהם בפרט, וואָרום אַ מענטש איז מחויב צו זאָגן (ד): צוליב מיר איז די וועלט באַשאַפן געוואָרן, און ער נעמט אויך אָן אויף זיך זיין מלוכה, אַז ער זאָל זיין אַ מלך איבער איהם און ער זאָל איהם דינען און טאָן זיין רצון מיט אַלער־ליי אַרבייט פון אַ קנעכט. און אָט שטייט ג־ט איבער איהם און די גאַנצע וועלט איז פול מיט זיין כבוד, און ער קוקט אויף איהם און פּרואווט אויס נירן און האַרץ

א) די דאָזיגע יראה.

ב) ממלא כל עלמין וסובב כל עלמין.

ג) ירמי׳ כ״ג, כ״ד: איך פיל דאָך אָן דעם הימל און די ערד.

ד) זע סנהדרין פרק ד׳ משנה ה׳.

אויב ער דינט איהם ווי עס דאַרף צו זיין, און דע־ריבער דאַרף ער איהם דינען מיט מורא און מיט יראה, אַזוי ווי איינער וואָס שטייט פאַר אַ מלך. און אין דער מחשבה זאָל ער זיך פאַרטיפן, און לאַנג אָנהאַלטן אין איהר ווי ווייט זיין מוח און זיין מחשבה קענען האָבן אַ באַגריף און ווי ווייט ער האָט צייט, איידער ער פאַרנעמט זיך מיט תורה אָדער מיט אַ מצוה, אַזוי ווי פאַר לייגן טלית און תפילין. אויך זאָל ער זיך באַטראַכטן ווי דער אור אין סוף ברוך הוא וואָס נעמט אַרום אַלע וועלטן און פילט אָן אַלע וועלטן, וואָס דאָס איז דער רצון העליון — איז ער אָנגעטאָן אין די אותיות און אין דער חכמה פון דער תורה אָדער אין די ציצית אָדער אין די תפילין, און דורך זיין לערנען אָדער דורך זיין אָנטאָן דאָס, איז ער ממשיך אויף זיך זיין אור יתברך, דאָס מיינט אויף דעם חלק פון ג־טליכקייט פון למעלה וואָס איז אין זיין גוף, ער זאָל אַריינגענומען ווערן און בטל ווערן אין זיין אור יתברך, און איבערהויפט אין תפילין, עס זאָל בטל ווערן און עס זאָל אַריינגענומען ווערן די בחינה פון זיין חכמה און זיין בינה וואָס אין זיין נפש האלקית, אין דער בחינה פון חכמה און בינה פון אין סוף ברוך הוא וועלכע זיינען אָנגעטאָן איבערהויפט אין די פרשיות פון „קדש" און „והי' כי יביאך", דאָס הייסט אַז ער זאָל זיך ניט ניצן מיט זיין חכמה און זיין בינה וואָס אין זיין נפש, סיידן פאַר ג־ט אַליין, און אזוי אויך עס זאָל בטל ווערן און אַריינ־גענומען ווערן די בחינה פון דעת וואָס אין זיין נפש, וואָס זי נעמט אַריין חסד און גבורה, וואָס דאָס זיינען יראה און אהבה וואָס אין זיין האַרץ, אין דער בחינה פון דעם

„דעת עליון" — וועלכער נעמט אַריין חסד און גבורה, וואָס איז מלובש אין די פרשיות „שמע" און „והי' אם שמע", און דאָס איז, אַזוי ווי ס'שטייט אין שולחן ערוך (ה), „כדי אונטער־טעניגן דאָס האַרץ און דעם מוח" כו' און ביי אָנטאָן ציצית זאָל ער אין זינען האָבן אַזוי ווי ס'שטייט אין זוהר, ממשיך צו זיין אויף זיך זיין מלוכה יתברך, וואָס זי איז אַ מלוכה איבער אַלע וועלטן וכו', צו פאַראייניגן איהר אויף אונז דורך דער מצוה, און דאָס איז ווי דער ענין פון (ו) „שום תשים עליך מלך", און יעמאָלט, כאָטש אפילו נאָך דעם אַלעמען וועט אויף איהם ניט אָנפאַלן קיין ציטערניש און קיין פחד אין אָנטפּלעקונג פון זיין האַרץ, פונדעסטוועגן, ווי־באַלד אַז ער נעמט אויף זיך מלכות שמים, און ער איז ממשיך אויף זיך זיין יראה יתברך אין דער אָנטפּלעקונג פון זיין מחשבה און זיין רצון וואָס אין זיין מוח, און אָט־דער נעמען־אויף־זיך איז אָהן שום ספק אָן אמת'ער, וואָרום עס איז דאָך דער נאַטור פון אַלע אידישע נפשות ניט צו ווידערשפּעניגן קעגן דעם הייליגן מלך יתברך — איז דאָך די תורה וואָס ער לערנט, אָדער די מצוה וואָס ער טוט צוליב אַזאַ נעמען־אויף־זיך, און צוליב דער המשכה פון דער יראה וואָס אין זיין מוח — ווערן זיי אָנגערופן מיט'ן נאָמען „אַ גאַנצע עבודה", אַזוי ווי יעדע עבודה פון אַ קנעכט צו זיין האַר אָדער צו זיין מלך. אַנדערש אָבער ווען ער לערנט און איז מקיים די מצוה מיט אהבה אליין, כדי זיך צו באַהעפטן אין איהם דורך זיין

ה) אורח חיים סי' כ"ה סעיף ה'.
ו) דברים י"ז, ט"ו: דו זאָלסט מאַכן אַ מלך איבער דיר.

תורה און זיינע מצוות, — ווערט דאָס ניט אָנגערופן מיט'ן נאָמען „עבודה פון דעם קנעכט". און די תורה האָט געזאָגט (ז) „ועבדתם את ה' אלקיכם וגו' ואותו תעבודו" (ח) וגו', און אַזוי ווי ס'שטייט אין זוהר [פרשת בהר] „אַזוי ווי דער אָקס וואָס מ'לייגט פריער אויף איהם אַרויף אַ יאָך, כדי אַרויסצובערענגען פון איהם גוטס אויף דער וועלט כו' אָט אַזוי דאַרף אויך אַ מענטש אויף זיך פריער נעמען דעם עול מלכות שמים כו', און אויב דאָס געפינט זיך ניט ביי איהם, קען אויף איהם די קדושה ניט רוען" כו' [און אין רעיא מהימנא, דאָרט, דף קי"א עמוד ב'] אַז איטליכער מענטש דאַרף זיין אין צוויי בחינות און מדרגות, וואָס דאָס זיינען די בחינה פון אַ קנעכט און די בחינה פון אַ זוהן, און כאָטש ס'איז דאָך פאַראַן אַ זוהן וואָס ער איז אַ קנעכט אויך — קען מען אָבער צו דער מדרגה ניט צוקומען, אויב פריער קומט ניט די העכערע יראה (ט) ווי ס'איז באַקאַנט צו די וואָס ווייסן. והנה, אפילו דער וואָס אויך אין זיין מוח און אין זיין מחשבה פיהלט ער ניט קיין שום יראה און בושה איבער דער נידעריגקייט פון דעם ערך פון זיין נפש פון דעם מקור פון וואַנען זי קומט, פון די נידעריגע מדרגות פון די צעהן ספירות פון עשיה — פונדעסטוועגן אָבער, וויבאַלד אַז ביי זיין עבודה האָט ער אין זינען צו דינען דעם מלך, איז דאָס

ז) שמות כ"ג, כ"ה: איהר זאָלט דינען ג־ט, אייער ג־ט.
ח) דברים י"ג, ה': און איהם זאָלט איהר דינען.
ט) יראה עילאה.

אַ פולשטענדיגע עבודה, וואָרום די יראה און די אהבה ווערן גע־רעכענט אַלס צוויי (י) מצוות אין דער צאָהל פון די תרי״ג מצוות, און איינע האַלט ניט אָפּ די צווייטע. און נאָך מעהר: ווייל אין דער אמת׳ן איז ער אויך מקיים די מצוה פון יראה מיט דעם וואָס ער איז ממשיך די יראה אין זיין מחשבה, וואָרום אין דער שעה און אין דער רגע ליגט דאָך אויף איהם על כל פנים די מורא פאַר דעם הימל, על כל פנים ווי די מורא פאַר אַ פּראָסטן מענטש פון פלייש און בלוט לכל הפחות, וואָס איז ניט קיין מלך, וואָס קוקט אויף איהם, וואָס צוליב איהם האַלט ער זיך אָפּ פון טאָן אַ זאַך וואָס איז ניט פּאַסיג אין זיינע אויגן, וואָס דאָס ווערט אָנגערופן יראה, אַזוי ווי ר׳ יוחנן בן זכאי האָט געזאָגט צו זיינע תלמידים (יא) „זאָל דער אויבערשטער געבן, אַז די מורא פאר דעם אויבערשטן זאָל ליגן אויף אייך ווי די מורא פאַר אַ בשר ודם״ כו׳ וואָרום ווען אַ מענטש טוט אַן עבירה זאָגט ער: זאָל מיר קיין מענטש ניט זעהן כו׳ נאָר אַזאַ יראה ווערט אָנגערופן „אַ נידעריגע יראה״ (יב) — און „יראת חטא״ וואָס זי קומט פריער פאַר זיין חכמה און פאַר דער העכערער יראה (ט) וואָס דאָס איז „ירא בשת״ (יג) כו׳. וואָרום עס איז דאָך פאַראַן צווייערליי יראה כו׳ אָבער אינ־גאַנצן אָהן יראה, בלויז נאָר מיט אהבה, פליהט ניט

י) באַזונדערע.
יא) ברכות כ״ה, ע״ב.
יב) יראה תתאה.
יג) מורא האָבן פאַר בושה.

ארויף אויבן, גלייך ווי דער פויגל קען ניט פליען מיט איין פליגל, וואָרום דחילו און רחימו (יד) זיינען צוויי פליגלען [אַזוי ווי ס'שטייט אין תיקונים] און אַזוי איז יראה אַליין איין פליגל און ס'קען דערמיט ניט עולה זיין למעלה (טו), כאָטש זי ווערט אָנגערופן די באַדינונג פון אַ קנעכט, און עס דאַרף אויך זיין די בחינה פון אַ זוהן, צו דערוועקן על כל פנים די נאַטירליכע אהבה וואָס איז באַהאַלטן ביי איהם אין האַרצן, זי זאָל זיין אַנטפּלעקט אין זיין מוח על כל פנים, ער זאָל געדענקען זיין אהבה צו ג־ט וואָס ער איז איינער אין זיין מחשבה און אין זיין רצון אויף צו באַהעפטן זיך אין איהם יתברך, און דאָס זאָל זיין זיין כוונה אין דעם עסק פון דער תורה אָדער פון אַט־דער מצוה, אַז זיין נפש האלקית און די חיונית מיט זייערע לבושים זאָלן זיך באַהעפטן אין איהם ווי עס איז אויבן ערקלערט געוואָרן. נאָר די רז"ל האָבן דאָך אָבער געזאָגט (טז) אַז אַ מענטש זאָל זיך קיינמאָל ניט אַרויסנעמען פון כלל, דעריבער זאָל ער אין זינען האָבן צו פאַראייניגן און צו באַהעפטן אין איהם יתברך, דער מקור פון זיין נפש האלקית און דער מקור פון אַלע אידישע נפשות וואָס דאָס איז דער רוח פון זיין מויל יתברך וואָס ווערט אָנגערופן מיט'ן נאָמען „שכינה" ווייל זי רוהט (יז)

יד) יראה און אהבה.

טו) די עבודה.

טז) ברכות מ"ט, ע"ב.

יז) שוכנת.

און טוט זיך אָן אין אַלע וועלטן, זיי צו באַלעבן און זיי מאַכן עקזיסטירן, און זי איז די וואָס גיט איהם אַריין דעם כח פון אָט־דעם דיבור וואָס ער רעדט אין דברי תורה אָדער דעם כח פון דער מעשה צו טאָן אָט־די מצוה. און אָט־די פאַראייניגונג איז דורך ממשיך זיין אור אין סוף ברוך הוא דאָ למטה, דורך דעם עסק פון דער תורה און פון די מצוות וואָס ער איז אָנגעטאָן אין זיי. און ער זאָל אין זינען האָבן ממשיך צו זיין זיין אור יתברך אויף דעם מקור פון זיין נפש און די נפשות פון אַלע אידן, אויף זיי צו פאַראייניגן, און אַזוי ווי די ערקלערונג פון אָט־דער פאַראייניגונג וועט ווייטער אויספיהרליך אַרומגערעדט ווערן, זע דאָרט. און דאָס מיינט „לשם יחוד קוב"ה ושכינתי' בשם כל ישראל" (יח) *. און כאָטש אַז די כוונה זאָל זיין אַן אמת'ע אין זיין האַרצן, אַז זיין האַרץ זאָל באַגעהרן מיט אַן אַמת אָט־דעם יחוד העליון, דאַרף דאָך זיין אין זיין האַרץ אַ גרויסע אהבה צו ג־ט אַליין, נאָר צו טאָן אַ נחת רוח פאַר איהם, און ניט כדי צו זעטיגן זיין נפש וואָס איז דאָרשטיג צו ג־ט, נאָר ווי אַ זוהן שטרעבט

ה ג ה ה

(און דורך דעם וועלן ממילא אויך פאַרזיסט ווערן די גבורות דורך חסדים, דורך די פאַראייניגונג פון די מדות און זייער פאַראייניגונג דורך דער אַנטפלעקונג פון דעם רצון העליון ברוך הוא וואָס אַנטפלעקט זיך למעלה דורך די התעוררות פון למטה, וואָס דאָס איז זיין אַנטפלעקונג דאָ־אונטן, אין דעם עסק פון דער תורה און פון

יח) כדי צו פאַראייניגן דעם אויבערשטן מיט זיין שכינה אין דעם נאָמען פון אַלע אידן.

זיך אַן צוליב זיין פאָטער און זיין מוטער וואָס ער האָט זיי ליבער מעהר ווי זיך אַ־ליין און זיין נפש כו׳ [אַזוי ווי ס׳איז אויבן געבראַכט גע־וואָרן (יט) אין נאָמען פון רע־יא מהימנא]. פונדעסטוועגן דער מצוה וואָס זיי זיינען זיין רצון יתברך און אַזוי ווי ס׳שטייט אין אידרא רבא און אין משנת חסידים מסכת אריך אנפין פרק ד׳, אַז די תרי״ג מצוות פון דער תורה נעמען זיך פון „חיוורתא״ פון אריך אנפין וואָס דאָס איז דער רצון העליון, דער מקור פון חסדים). דארף זיך יעדער מענטש איינגעוואוינען אין אָט־דער כוונה, ווארום כאָטש אַפילו זי איז ניט גאָר מיט אַ ריכטיגן אמת ביי איהם אין הארצן, אַז ער זאָל דאָס טאַקי ווען מיט זיין גאַנצן האַרץ, פונדעסטוועגן אָבער, אַ קליין ביסל וויל דאָך דאָס זיין האַרץ מיט אַן אמת טאָן, צוליב דער נאַטירליכער אהבה וואָס איז אין דעם הארצן פון יעדן אידן, צו טאָן אלץ וואָס דאָס איז דער רצון העליון ב״ה, און אָט די פאַראייניגונג דאָס איז זיין אמת׳ער רצון, דאָס הייסט דער יחוד העליון וואָס אין אצילות, וואָס ווערט געמאַכט דורך (כ) התעוררות פון למטה, דורך דעם יחוד פון דעם נפש האלקית און איהר אריינגענומען ווערן אין דעם אור פון ג־ט, וואָס איז אָנגעטאָן אין תורה און מצוות אין וועלכע זי איז זיך עוסק, אַז זיי זאָלן ווערן איינס ממש, אזוי ווי ס׳ווערט אויבן ערקלערט, וואָרום דורך דעם, פאראייניגן זיך אויך דער מקור פון

יט) פרק י׳, ע׳ ל׳ [30].

כ) אתערותא דלתתא.

תורה און מצוות, וואָס דאָס איז הקדוש ברוך הוא, מיט'ן מקור פון זיין נפש האלקית וואָס ווערט אָנגערופן מיט'ן נאָמען „שכינה", וואָס דאָס איז די בחינה פון „ממלא כל עלמין" (כא) און די בחינה פון „סובב כל עלמין" (כב) אַזוי ווי ס'ווערט אויספיהרליך ערקלערט אויף אַן אַנדער אָרט. אָבער די פאַראייניציגונג פון זיין נפש און דאָס וואָס זי ווערט ארייננגענומען אין דעם אור פון ג־ט אויף צו ווערן איינס — אָט דאָס וויל איטליכער מענטש פון אידן מיט אַ ריכטיגן אמת אינגאנצן, מיט'ן גאַנצן האַרצן און מיטן גאַנצן נפש, צוליב דער נאַטירליכער אהבה וואָס איז באַהאַלטן אין יעדער אידישער האַרץ, זיך צו באַהעפטן אין ג־ט און בשום אופן זיך פון איהם ניט אָפּשיידן און זיין חס ושלום אָפּגעריסן און אָפּגעזונדערט פון זיין פאַראייניציגונג און זיין איינציגקייט יתברך, אפילו מיט אַוועקגעבן דעם לעבן ממש. און דער עסק פון תורה און מצוות און תפלה איז אויך אַן ענין פון מסירת נפש ממש, אַזוי ווי ווען זי פאַרלאָזט דעם גוף נאָך דעם ווי עס ווערן פול די זיבעציג יאָהר, וואָס זי טראַכט ניט וועגן די באַדערפעננישן פון דעם גוף, נאָר איהר מחשבה איז פאַר־איינציגט און אָנגעטאָן אין די אותיות פון תורה און פון תפלה, וואָס זיי זיינען די רייד פון ג־ט און זיין מחשבה יתברך, און זיי ווערן איינס ממש, וואָס דאָס איז דער גאַנצער עסק פון די נשמות אין גן עדן, אַזוי ווי ס'איז פאַראַן אין

כא) וואָס פילט אָן אַלע וועלטן.
כב) וואָס רינגלט ארום אַלע וועלטן.

גמרא און אין זוהר, נאָר דאָרט האָבן זיי פאַרגעניגן מיט זייער באַגרייפן און מיט דעם וואָס זיי ווערן אַריינגענומען אין דעם אור פון ג־ט. און דאָס איז וואָס מ׳האָט געהייסן זאָגן אין אָנהויב פון די ברכות השחר פאַר׳ן דאַווענען „אלקי נשמה" וכו׳ „ואתה נפחתה" וכו׳ „ואתה עתיד ליטלה ממני" כו׳ (כג), וואָס דאָס מיינט אַז וויבאַלד דו האָסט זי אין מיר אַריינגעבלאָזן, און דו וועסט זי פון מיר אַוועקנעמען — דערפאַר גיב איך זי דיר שוין איבער פון איצט אָן, און איך קעהר זי אום צו דיר, צו פאַראייניגן איהר מיט דיין איינציגקייט, און אַזוי ווי ס׳שטייט (כד): „אליך ה׳ נפשי אשא", און דאָס איז דורך דער פאַרבינדונג פון מיין מחשבה מיט דיין מחשבה, און מיין דיבור מיט דיין דיבור, דורך די אותיות פון דער תורה און פון דער תפלה, און איבערהויפט ווען מען רעדט גלייך צום אויבערשטן, אַזוי ווי „ברוך אתה" א. דגל. והנה, אָט מיט דער הכנה פון מסירת נפש צו ג־ט זאָל ער אָנהויבן די ברכות השחר „ברוך אתה" כו׳ און אַזוי מיט דער הכנה זאָל ער אויך אָנהויבן לערנען אַ באַשטימטן שיעור באַלד נאָכ׳ן דאַווענען, און אַזוי אויך אינמיטן טאָג איידער ער הויבט אָן לערנען, דאַרף מען לכל הפחות אַזאַ הכנה, אַזוי ווי ס׳איז באַוואוסט אַז דער עיקר הכנה אַז עס זאָל זיין לשמה, וואָס איז מעכב (כה)

כג) דו האָסט די נשמה אריינגעבלאָזן אין מיר, און דו וועסט זי פון מיר וכו׳.

כד) תהלים כ״ה, א׳ — צו דיר, ג־ט — דערהויב איך מיין נפש,

כה) וואָס אָהן דעם איז מען ניט יוצא.

דאָס איז ביים אָנהויב לערנען ביי די בינונים, און אַזוי ווי ביי אַ גט און אַ ספר תורה וואָס דאַרפן זיין לשמה, און ס'איז מעכב, און ס'איז גענוג אַז ער זאָל זאָגן ביים אָנהויב שרייבן: „איך שרייב לשם קדו־שת ספר תורה", אָדער (כו) צוליב איהם און צוליב איהר כו' און אַז ער לערנט אַ סך שעות נאָכאַנאַנד, דאַרף ער זיך באטראכטן אין דער הכנה וואָס איז אויבן דערמאָנט געוואָרן יעדע שעה על כל פנים, ווארום איטליכע שעה איז אַן אַנדער המשכה פון די העכערע וועלטן אויף צו־באַלעבן די וואָס זיינען דאָ למטה, און די המשכה פון דעם חיות וואָס אין דער פריערדיקער שעה, קעהרט זיך אום צו איהר מקור [לויט דעם סוד פון „רצוא ושוב" (כז) וואָס אין ספר יצירה] מיט דער גאַנצער תורה און מעשים טובים פון די וואָס זיינען דאָ למטה, ווארום יעדע שעה געוועלטיגט איין צירוף(*) פון די צוועלף צירופים פון דעם שם הוי' ברוך הוא, אין די צוועלף שעה פון טאָג, און ביינאַכט געוועלטיגן די צירופים פון דעם שם אדנ־י, ווי ס'איז באַוואוסט. והנה, אַט־די גאַנצע כוונה זיינע אין זיין מסירת נפש צו ג־ט דורך תורה און תפלה, מעלה צו זיין דעם ניצוץ ג־טליכקייט וואָס אין איהר (כח) צו זיין מקור — זאָל דאָס זיין נאָר כדי צו טאָן אַ נחת רוח פאַר איהם יתברך, ווי דער משל פון דער שמחה פון אַ מלך בעת זיין איינציגער זוהן קומט צו איהם, ווען ער גייט אַרויס פון גע־

כו) ביי אַ גט — פאַר דעם מאַן און פאַר די פרוי.
*) צוזאמענשטעלונג.
כז) לויפן אַהין און צוריק.
כח) אין זיין נפש.

פענגעניש און פון תפיסה, ווי אויבן דערמאָנט(כט). והנה, אָט־די כוונה איז אַן אמת׳ע אינגאַנצן, מיט אַ ריכטיגן אמת ביי איטליכן אידישן נפש אין יעדער צייט און אין יעדער שעה, פון דער נאַטירליכער אהבה וואָס זי איז ביי אונז אַ ירושה פון אונזערע אָבות. נאָר מען דאַרף באַשטימען צייטן אויף צו באַטראַכטן זיך אין דער גרויסקייט פון ג־ט כדי צו דער־גרייכן שכל׳דיקע דחילו ורחימו, און נאָך דעם אַלעמען איז אפשר (ל) וכו׳ ווי אויבן דערמאָנט.

פרק מב והנה, מיט דעם וואָס עס איז פריער ערקלערט געוואָרען אין דעם ענין פון דער נידעריגער סאָרט יראה, וועט זיין גוט פאַרשטאַנדיג דאָס וואָס שטייט אין גמרא (א) אויפ׳ן פסוק (ב) „ועתה ישראל מה ה׳ אלקיך שואל מעמך כי אם ליראה את ה׳ אלקיך" (ג) — „צי איז דען יראה אַ קליינע זאַך? (ד) „יאָ, לגבי משה׳ן הייסט דאָס אַ קליינע זאַך" וכו׳ וואָס אין פלוג איז דער תירוץ ניט פאַרשטאַנדיג. עס שטייט דאָך „שואל מעמך", נאָר דער ענין איז, אַז יעדער נפש פון בית ישראל האָט אין זיך פון דער בחינה פון משה רבינו עליו השלום וואָרום ער איז פון די „שבעה רועים" (ה)

כט) פרק ל״א, ע׳ 156 [מ].

ל) וועט מען דאָס פארט דערגרייכן.

א) ברכות ל״ג, ע״ב.

ב) דברים י׳, י״ב: און איצט, ישראל, וואָס בעט ג־ט, דיין ג־ט פון דיר — מעהר ניט ווי מורא האָבן פאַר ג־ט, דיין ג־ט.

ג) און די גמרא פרעגט.

ד) ענטפערט די גמרא.

ה) די זיבן פאַסטוכער נעמליך: אברהם, יצחק, יעקב, משה, אהרן, יוסף, דוד.

וועלכע זענען ממשיך חיות און ג־טליכקייט צו אַלע אידישע נשמות, וואָס דעריבער ווערן זיי גערופען מיט'ן נאָמען „פאַס־טוכער" און משה רבנו עליו השלום איז די כללות פון זיי אַלעמען, און ער ווערט אָנגערופן „דער געטרייער פאַס־טוך" (ו) דאָס מיינט אַז ער איז ממשיך די בחינה פון דעת צו אַלע אידן צו דערקענען ג־ט ברוך הוא, איטליכער לויט דער השגה פון זיין נשמה און לויט איהר שורש למעלה, און איהר יניקה פון דעם שורש פון דער נשמה פון משה רבנו עליו השלום וועלכע איז מושרש אין דעת העליון וואָס אין די צעהן ספירות פון אצילות, וועלכע זיינען פאַראייניציגט מיט זייער מאציל ברוך הוא, וואָס ער און זיין דעת איז איינס, און ער איז דער וואָס ווייסט כו' און נאָך מעהר ווי דאָס: אין איטליכן דור קומען אַראָפּ ניצוצין(*) פון דער נשמה פון משה רבנו עליו השלום און זיי טוען זיך אָן אין דעם גוף און נפש פון די חכמים פון דעם דור, די אויגן פון דער געמיינדע, אויף צו לערנען דאָס פאָלק דעת און דערקענען ג־ט'ס גרויסקייט, און איהם צו דינען מיט'ן האַרץ און נפש, וואָרום די עבודה וואָס מיט'ן האַרץ איז לויט דעם דעת, אַזוי ווי עס שטייט (ז) „דע את אלקי אביך ועבדהו בלב שלם ונפש חפצה". און וועגן די צוקונפטיגע צייטן זאָגט ער (ח): „ולא ילמדו איש את רעהו לאמר דעו את ה' כי כולם ידעו אותי" וגו'. אָבער

ו) רעיא מהימנא.

*) פונקען.

ז) דברי הימים א', כ"ח, ט': וויס דיין פאָטער'ס ג־ט און דיען איהם מיט'ן גאַנצן האַרצן און מיט אַ וויליגן נפש.

ח) ירמי' ל"א, ל"ג: און זיי וועלן שוין ניט לערנען איינער דעם צווייטן צו זאָגן „דערקענט ג־ט", וואָרום זיי אַלע וועלן מיר קענען.

דער עיקר פון דעת איז ניט דער וויסן אַליין, אַז מ׳זאָל וויסן די גרויסקייט פון ג־ט פון שרייבער און פון ספרים, נאָר דער עיקר איז צו פאַרטיפן זיין געדאַנק אין דער גרויסקייט פון ג־ט און צוטראָגן זיין מחשבה צו ג־ט מיט שטאַרקייט און פעסטקייט פון דעם האַרצן און דעם מוח, ביז וואַנען זיין מחשבה וועט זיין פאַר־בונדן צו ג־ט מיט אַ שטאַרקער און פעסטער פאַר־בינדונג, אַזוי ווי עס איז צוגעבונדן צו אַ גשמיות׳דיקער זאַך וואָס ער זעהט מיט די קערפּערליכע אויגן און פאַרטיפט אין דעם זיין מחשבה, אַזוי ווי ס׳איז באַוואוסט אַז „דעת" איז אַ לשון פון צובינדן זיך, אַזוי ווי „והאדם ידע" וגו׳ (ט), און אַט דער כח און אַט־די מדה פון צובינדן זיין דעת צו ג־ט, איז פאַראַן ביי איטליכן נפש פון אידן מיט דעם וואָס זי האָט אַ יניקה פון דער נשמה פון משה רבנו עליו השלום, נאָר וויבאַלד דער נפש האָט זיך אָנגעטאָן אין גוף, דאַרף זי האָבן גרויסע און שטאַרקע האַרעוואַניע, טאָפּעלע און פילפאַכיגע. די ערשטע זאַך איז, די קערפּערליכע מיה, צו צור־שטויסן דעם גוף און מאַכן איהם אונטערטעניג אַז ער זאָל ניט פאַרטונקלען דעם אור פון דעם נפש, אַזוי ווי עס איז אויבן ערקלערט געוואָרן (י) אין נאָמען פון דעם זהר, אַז אַ גוף אין וועלכן ס׳גייט ניט אַריין די ליכטיגקייט פון דער נשמה — צוקלאַפּט מען איהם, און דאָס איז דורך הרהורי תשובה פון די טיפעניש פון האַרצן, ווי ס׳איז דאָרט ערקלערט געוואָרן; און די צווייטע זאַך איז די מיה פון דעם נפש, עס זאָל איהר

ט) זע אויבן פרק ג׳ עמוד יד [14].

י) אָנהויב פרק כ״ט, ע׳ [לו] 140.

ניט זיין צו שווער די עבודה, צו באַמיהען איהר מחשבה צו פארטיפן זיך און אריינצוטראַכטן אין דער גרויסקייט פון ג-ט אַ גרויסע צייט נאָכאנאנד, וואָס דער שיעור פון דער צייט איז ניט גלייך ביי יעדן נפש. פאַראַן אַ נפש וואָס איז אַ לויטערע פון איהר נאַטור, וואָס גלייך ווי זי באַטראַכט זיך אין דער גרויסקייט פון ג-ט, קומט צו צו איהר יראה און פחד פאַר ג-ט, אַזוי ווי ס'שטייט אין שלחן ערוך אורח חיים סימן א', אַז ווען דער מענטש וועט זיך באַטראַכטן אַז דער גרויסער מלך, דער מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא וואָס די גאַנצע וועלט איז פול מיט זיין כבוד, שטייט איבער איהם און זעהט זיינע מעשים — וועט איהם תיכף אָנפאַלן די מורא וכו'; און פאַראַן אַ נפש וואָס זי איז נידעריג לויט איהר נאַטור און לויט איהר געבורט פון דעם מקור וואָס זי איז גענומען געוואָרן פון די נידעריגע מדרגות פון די צעהן ספירות פון עשיה, און זי קען אין איהר מחשבה ניט אויסגעפינען ג-טליכקייט, נאָר מיט שווערינקייט און מיט שטארקייט, און בפרט אויב זי איז טמא געוואָרן מיט זינד פון די יונגע יאָהרן, וואָס די זינד שיידן אָפּ כו' [אַזוי ווי ס'וועט ערקלערט אין ספר חסידים סימן ל"ה]. און פונדעסטוועגן אָבער, מיט שווערינקייט און מיט שטאַרקייט, אַז זיין מחשבה וועט זיך זייער שטאַרקן מיט פיל מיה און האָרעוואַניע און גרויס פאַרטיפונג, צו פאַרטיפן זיך אין דער גרויסקייט פון ג-ט אַ לאנגע צייט — וועט ביי איהם געוויס קומען על כל פנים די נידעריגע יראה, וואָס עס איז אויבן דערמאָנט געוואָרן, און אַזוי ווי די רז"ל

האבן געזאָגט (יא) „איך האָב געזוכט און איך האָב געפונען — זאָלסטו איהם גלויבן". און אַזוי ווי ס'שטייט (יב) „אם תבקשנה ככסף וכמטמונים תחפשנה אז תבין יראת ה'". דאָס מיינט אַזוי ווי אַ מענטש וואָס ער זוכט אַ באַהאַלטענע זאַך אָדער אַן אוצר וואָס איז באַהאַלטן אין די טיפענישן פון דער ערד, וואָס ער גראָבט נאָך דעם מיט גרויס האָראָוואַניע, אַזוי דאַרף ער גראָבן מיט גרויס האָרעוואַניע כדי צו אַנט־פּלעקן דעם אוצר פון יראת שמים וועלכער ליגט פאַר־באָרגן און באַהאַלטן אין דעם פאַרשטאַנד פון דעם האַרץ פון יעדן אידישן מענטש, וואָס דאָס איז אַ בחינה און אַ מדרגה וואָס איז העכער פון דער צייט, און דאָס איז די נאַ־טירליכע, באַהאַלטענע יראה וואָס ווערט אויבן דערמאָנט, נאָר אַז כדי זי זאָל קומען צו מעשה, אין דער בחי־נה פון מורא האָבן פאַר אַן עבירה, אַז מען זאָל זיך אָפּקעהרן פון שלעכטס אין מעשה, דיבור און מחשבה, דאַרף מען זי אַנטפּלעקן פון די באַהעלטענישן פון דעם פאַרשטאַנד פון האַרץ וואָס איז העכער פון צייט, אויף צוברענגען איהר צו דער בחינה פון מחשבה ממש וואָס אין מוח, צו פאַרטיפן אין איהר זיין מחשבה אַ געוויסע צייט ממש, ביז וואַנען אַז איהר פעולה וועט אַרויסקומען פון כח אין פועל ממש, וואָס דאָס מיינט אַז מען זאָל אָפּקעהרן פון שלעכטס און טאָן גוטס אין מחשבה, דיבור און מעשה, צוליב ג־ט, וועלכער

יא) מגילה ו', ע"ב — אויב איינער זאָגט, וכו'.

יב) משלי ב', ד'־ה': אויב דו וועסט איהר זוכן ווי זילבער און פאָרשן ווי נאָך אוצרות — וועסטו דאַן פאַרשטיין יראת ה'.

קוקט און זעהט און הערט און פאַרנעמט און פאַרשטייט אַלע זיינע מעשים, און פּרואווט זיינע נירן און זיין האַרץ, אַזוי ווי די רז״ל זאָגן (יג): באַטראַכט זיך אין דריי זאַכן כו׳ אַן אויג זעהט און אַן אויער הערט כו׳ און כאָטש ער האָט דאָך ניט קיין קערפּער־געשטאַלט, איז דאָך, אדרבא, פאר איהם איז אַלץ מעהר אַנטפּלעקט און באַוואוסט פיל העכער אָהן אַ ברעג ווי על דרך משל, דאָס זעהן פון דעם אויג אָדער דאָס הערן פון דעם אויער, נאָר עס איז על דרך משל, ווי אַ מענטש וואָס ווייסט און פיהלט ביי זיך אַלץ וואָס ווערט געטאָן און געמאַכט אין איינעם פון זיינע אַלע רמ״ח איברים, אַזוי ווי קעלט אָדער וואַרימקייט, און אפילו אַ וואַרימקייט וואָס אין די נעגל פון זיינע פיס — על דרך משל, אויב ער ברענט זיך אָפּ מיט פייער, און אויך זייער מהות און זייער עצמות, און אַלץ וואָס טוט זיך מיט זיי, ווייס ער און פיהלט אין זיין מוח, און ענליך צו אַזאַ ידיעה על דרך משל — ווייסט דער אויבערשטער אַלץ וואָס טוט זיך ביי אַלע באַשעפענישן, די הויכע און די נידעריגע, ווייל זיי אלע ווערן מושפע פון איהם יתברך, אַזוי ווי ס׳שטייט „כי ממך הכל״ (יד), און דאָס איז וואָס מיר זאָגן „וגם כל היצור לא נכחד ממך״ (טו), און אַזוי

יג) אבות פרק ב׳ משנה א׳.

יד) דברי הימים א׳, כ״ט, י״ד: ווייל פון דיר איז אלץ.

טו) אין תפלת מוסף פון ראש השנה: און אויך אלע באַשעפענישן זיינען ניט באַהאַלטן פאַר דיר.

ווי דער רמב"ם האָט געזאָגט [און ס'האָבן דערצו מסכים געווען די חכמי הקבלה אַזוי ווי הר"ר משה קורדובירו שרייבט אין פרדס] אַז ווינסדיג זיך אַליין כביכול, ווייסט ער אַלע באַשעפענישן וואָס זיינען פאַראַן, דורך דעם אמת פון זיין עקזיסטענץ וכו' מעהר ניט אַז דער משל איז נאָר אויף צו באַרוהיגן דעם אויער, אָבער אין דער אמת'ן איז דער משל גאָרניט ענליך צום נמשל, ווארום דעם מענטשנ'ס נפש, אפילו די שכל'דיקע און די ג־טליכע, ווערט דאָך נתפעל פון די זאַכן וואָס טרעפן דעם גוף און פון זיין צער, וואָרום זי איז דאָך ממש אָנגעטאָן אין נפש החיונית וועלכע איז אָנגעטאָן אין גוף ממש. אָבער דער אויבערשטער ווערט ניט נתפעל חס ושלום פון די געשעענישן פון דער וועלט און פון איהרע ענ־דערונגען, און ניט פון דער וועלט אַליין, וואָרום זיי אַלע באַווירקן ניט אויף איהם קיין שום ענדערונג חס ושלום. והנה, כדי דאָס אַלץ גוט צו פאַרנעמען מיט אונזער שכל, האָבן שוין די חכמי האמת מאַריך געווען אין זייערע ספרים. אָבער אַלע אידן זיינען מאמינים בני מאמינים אָהן שום נאָכ־פאָרשונג פון דעם מענטשליכן שכל, און זיי זאָגן: „אתה הוא עד שלא נברא העולם" (טז) וכו', אַזוי ווי ס'איז ערקלערט געוואָרן אויבן, אין פרק כ'. והנה, יעדער אידי־שער מענטש, זאָל זיין ווער עס איז, ווען ער וועט זיך דעריין באַטראַכטן אַ לענגערע צייט יעדן טאָג ווי אַזוי דער אויבערשטער איז ממש פול אין די אויבערשטע און

טז) אין תפלת שחרית: דו ביזט דער (זעלבער) איידער די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן.

אונטערשטע, און די הימל און די ערד ממש, און די גאנצע וועלט איז ממש פול פון זיין כבוד, און ער זעהט און באַטראַכט און פּרואווט זיינע נירן און זיין האַרץ און אַלע זיינע מעשים און זיינע רייד און ציילט אַלע זיינע טריט — וועט יעמאָלט איינגעפעסטיגט ווערן די יראה אין זיין האַרץ אויף אַ גאַנצן טאָג, ווען ער וועט זיך ווידער באַטראַכטן אין דעם — אַפילו אַ קליינע באַטראַכטונג — יעדן מאָל און יעדע שעה, וועט ער אָוועקגיין פון שלעכטס און טאָן גוטס אין מחשבה, דיבור און מעשה, ער זאָל ניט ווידערשפּעניגן חס ושלום פאַר די אויגן פון זיין כבוד וואָס איז פול די גאַנצע וועלט, און אַזוי ווי רבן יוחנן בן זכאי האָט געזאָגט צו זיינע תלמידים, ווי עס איז פריער ער־קלערט געוואָרן(יז). און דאָס איז וואָס דער פסוק זאָגט(יח) „כי אם ליראה את ה׳ אלקיך, ללכת בכל דרכיו״, וואָס דאָס איז אַ יראה וואָס ברענגט צו מקיים זיין זיינע מצוות יתברך דורך אָוועקגיין פון שלעכטס און טאָן גוטס. און דאָס איז די נידעריגע יראה וואָס איז אויבן דערמאָנט געוואָרן, און אַנטקעגן משה׳ן וואָס דאָס מיינט אַנטקעגן דער בחינה פון דעת וואָס אין יעדער נפש האלקית פון איטליכן אידן, איז דאָס אַ קליינע זאַך, ווי אויבן דערמאָנט. [וואָרום דעת איז דאָס וואָס בינדט צו די באַהעלטענישן פון דעם פאַרשטאַנד פון דעם האַרצן, צו דער בחינה פון אַנטפּלעקונג אין מחשבה

יז) פרק מ״א ע׳ 226 [נז].

יח) דברים י׳, י״ב: נאָר מורא צו האָבן פאַר ג־ט, דיין ג־ט, צו גיין אין אַלע זיינע וועגן.

ממש, ווי ס'איז באַקאַנט צו די יודעי חן]. און נאָך דאָס זאָל ער געדענקען, אַז אַזוי ווי ביי אַ מלך פון פלייש און בלוט איז דער עיקר יראה — פון זיין אינערליכקייט און זיין חיות, און ניט פאַר זיין קערפּער, וואָרום בעת ער שלאָפט איז דאָך קיין מורא פאַר איהם ניטאָ. והנה, אָט־די אינערליכקייט זיינע און די חיות זיינע, ווערט ניט געזעהן מיט קערפּערליכע אויגן, נאָר מיט די אויגן פון דעם שכל, דורך דעם וואָס די קערפּערליכע אויגן זעהן זיין קערפּער און זיינע לבושים, וואָס ער ווייסט אז זיין חיות איז אָנגעטאָן אין זיי, און אויב אַזוי, דאַרף ער דאָך אזוי ממש מורא האָבן פאַר ג־ט דורך דעם וואָס ער זעהט מיט די קערפּערליכע אויגן דעם הימל און די ערד און זייער גאַנצע הערשאַפט וואָס אין זיי איז אָנגעטאָן דער אור אין סוף ברוך הוא אויף זיי צו באַלעבן *, און כאָטש ס'איז דאָך דורך אַ התלבשות אין אַ סך לבושים, איז דאָך גאָר ניטאָ קיין חילוק און קיין אונטערשייד אין דער מורא פאַר אַ מלך פון פלייש און בלוט, צי ער איז נאַקעט, צי ער איז אָנגעטאָן אין איין לבוש

הגהה

*(און ס'ווערט אויך געזעהן מיט דעם קוק פון דעם אויג אַז זיי זייגען בטל צו זיין אור יתברך, דורך דעם וואָס זיי בוקן זיך אַלע טאָג צו־מערב־צו, בעת זייער פאַרגאַנג, אַזוי ווי די רז"ל זאָגען (יט) אויפ'ן פסוק(כ) „וצבא השמים לך משתחוים" — אַז די שכינה איז

יט) סנהדרין צ"א, ע"ב, בבא בתרא כ"ה, ע"א.

כ) נחמי' ט', ו': און די הערשאַפטן פון הימל בוקן זיך צו דיר.

אָדער ער איז אָנגעטאָן אין א סך לבושים. נאָר דער עיקר און די געוואוינהייט — איינגעוואוינען אלעמאָל זיין דעת און זיין מחשבה אַז עס זאָל אַלעמאָל זיין פעסט אין זיין האַרצן און אין זיין מוח, אַז אלץ וואָס ער זעהט מיט זיינע אויגן, דעם הימל און די ערד און אַלץ וואָס פילט איהר אָן, זיינען דאָס אַלץ די דרויסענדיגע לבושים פון דעם מלך, הקדוש ברוך הוא, און דורך דעם וועט ער זיך תמיד דערמאָנען אין זייער אינערליכקייט און זייער חיות. און דאָס איז אויך פאַראַן אין דעם וואָרט „אמונה״, וואָס איז אַ לשון פון געוואוינהייט, וואָס אַ מענטש געוואוינט זיך איין, אַזוי ווי אַן „אומן״ (כא), וואָס געוואוינט איין, זיינע הענט וכו׳. אויך זאָל זיין אַלעמאָל אין זכרון דעם לשון פון די חכמים ז״ל „קבלת עול מלכות שמים״ (כב), וואָס דאָס איז אַזוי ווי דער ענין פון (כג) „שום תשים עליך מלך״. אַזוי ווי ס׳איז ערקלערט געוואָרן אין אַן אַנדער אָרט וכו׳ וואָרום דער אויבערשטער לאָזט אַוועק די העכערע און די נידעריגערע און פאַראיינציגט זיין מלוכה אויף

אין מערב־זייט. קומט אויס אַז דאָס וואָס זיי גייען אַ גאַנצן טאָג צו־מערב־צו, דאָס איז אַ דרך פון בוקן זיך און פון ביטול, והנה אויך אַזאַ וואָס האָט דעם מלך קיינ־מאָל ניט געזעהן און קען איהם גאָרניט, איז פונדעסטוועגן, בשעת ער גייט אַריין אין דעם קעניגליכן הויף און זעהט פיל און בכבוד׳יגע האַרן בוקן זיך פאַר איין מענטש פאַלט אויף איהם אַ מורא און אַ פחד).

כא) אַ בעל מלאכה.

כב) נעמען אויף זיך דער יאָך פון מלכות שמים.

כג) דברים י״ז, ט״ו : דו זאָלסט מאַכן אויף דיר אַ מלך.

אונז וכו׳ און מיר נעמען אָן וכו׳, און דאָס איז דער ענין פון די השתחואות (כד) וואָס אין דער תפלה פון שמונה עשרה, נאָך דעם וואָס מען איז מקבל „עול מלכות שמים״ מיט דיבור אין קריאת־שמע, זאָל מען עס ווידער נעמען אויף זיך אין מעשה בפועל ממש וכו׳ אַזוי ווי ס׳ווערט ערקלערט אויף אַן אַנדער אָרט.

פרק מג והנה, אויף אָט דער נידעריגער יראה, וואָס זי איז אויף מקיים זיין זיינע מצוות יתברך, אין דער בחינה פון „אָוועקגיין פון שלעכטס״ און „טאָן גוטס״ — האָט מען געזאָגט (א) אַז „אויב ס׳איז ניטאָ קיין יראה, איז ניטאָ קיין חכמה״, און אין איהר איז פאַראַן אַ בחינה פון „קליינקייט״ און אַ בחינה פון „גרויסקייט״. דאָס הייסט אַז אויב די בחינה פון אָט דער יראה נעמט זיך פון דעם אַריינטראַכטן־זיך אין דער גרויסקייט פון ג־ט, וואָס ער פילט אָן אַלע וועלטן, און פון ערד ביז הימל איז אַ גאַנג פון פינף הונדערט יאָהר וכו׳, און פון איין הימל ביז דעם צווייטן כו׳ און די „פיס פון די חיות״ זיינען קעגן אַלע וכו׳ און אַזוי די השתלשלות פון אַלע וועלטן, העכער און העכער ביז צו די העכסטע מעלות — פונדעסטוועגן ווערט אַזאַ יראה אָנגערופן אַ „דרויסענדיגע״ יראה און אַ „נידע־ריגע״, וואָרום זי נעמט זיך פון די וועלטן וועלכע זיינען קליידער פון דעם מלך, דעם אויבערשטן, וואָס ער באַהאַלט זיך און פאַרבאָרגט זיך און טוט זיך אָן אין זיי צו באַלעבן זיי און מאכן זיי עקזיסטירן, זיי זאָלן זיין אַ „יש״

כד) בוקן זיך.

א) אבות פרק ג׳ משנה י״ז.

פון גאָרניט וכו׳ מעהר ניט וואָס זי (ב) איז דער טויער און די טיר אויף צו מקיים זיין תורה און מצוות. אָבער די העכערע יראה (ג) אַ „יראה פון בושה״, און אַ אינערליכע יראה וואָס זי נעמט זיך פון דער אינערליכקייט פון ג־טליכקייט וואָס איז פאַראַן אין די וועלטן — אויף איהר האָט מען געזאָגט אַז „אויב ס׳איז ניטאָ קיין חכמה איז ניטאָ קיין יראה״, וואָרום חכמה איז (ד) כ״ח מ״ה (ה) און (ו) „החכמה מאַין תמצא״, און (ז) „ווער איז אַ קלוגער? — דער וואָס זעהט דאָס וואָס ווערט געבאָרן״, וואָס דאָס מיינט אַז ער זעהט יעדער זאַך ווי אַזוי דאָס ווערט געבוירן, און דאָס ווערט פון גאָר־ניט אַ „יש״, דורך די רייד פון ג־ט און רוח פון זיין מויל יתברך, אַזוי ווי׳ ס׳שטייט (ח) „וברוח פיו כל צבאם״, און אויב אַזוי, זיינען דאָך דער הימל און די ערד און אַלע זייערע הערשאַפטן בטל במציאות ממש אין די רייד פון ג־ט און דעם רוח פון זיין מויל, און ווערן גע־רעכענט ווי גאָרניט ממש, און נישט און גאָרניט ממש, אזוי ווי ס׳איז בטל די ליכט און די שיין פון דער זון אין דער עצם זון אַליין. און זאָל דער מענטש זיך ניט אַרויסנעמען פון דעם כלל, וואָרום אויך זיין גוף און זיין נפש און זיין רוח און

ב) די יראה.
ג) יראה עילאה — ירא בשת.
ד) די אותיות.
ה) כח פון ביטול.
ו) איוב כ״ח, י״ב: חכמה נעמט זיך פון אין.
ז) תמיד ל״ב, ע״א.
ח) תהלים ל״ג, ו׳: און מיט דעם גייסט פון זיין מויל (זיינען געוואָרן) אַלע זייערע הערשאַפטן.

זיין נשמה זיינען בטל במציאות אין דעם דיבור פון ג־ט, און זיין דיבור יתברך איז פאַראייניציגט מיט זיין מחשבה כו׳ און ווי עס איז אויבן [פרק כ׳ און כ״א] אויספיהרליך ערקלערט געוואָרן, דורך אַ משל פון דעם מענטשליכן נפש, וואָס איין דיבור פון זיינע רייד און זיין מחשבה זיינען ממש ווי גאָרניט כו׳, און דאָס איז וואָס דער פסוק זאָגט (ט) „הן יראת ה׳ היא חכמה״. מ׳קען אָבער ניט צוקומען צו דער יראה און חכמה סיידן דורך מקיים זיין תורה און מצוות, דורך די נידעריגערע, דרויסענדיגע יראה, און דאָס איז וואָס שטייט(א) אַז אויב ס׳איז ניט פאַראַן קיין יראה, איז קיין חכמה ניטאָ. והנה, אין אהבה זיינען אויך פאַראַן צוויי מדרגות: „אהבה רבה״ און „אהבת עולם״ (י). אהבה רבה איז אַ ליבשאַפט פון פאַרגעניגנס און דאָס איז אַ פלאַם־פייער וואָס שטייגט אויף פון זיך אַליין, און זי קומט פון אויבן, אין אַ בחינה פון אַ מתנה צו דעם וואָס איז גאַנץ אין יראה, אַזוי ווי ס׳איז באַוואוסט וועגן דעם מאמר רז״ל (יא) „דער דרך פון אַ מאַן איז נאָכצוזוכן נאָך אַ פרוי״ — וואָרום אהבה ווערט אָנגערופן אַ מאַנסביל, און זכר, אַזוי ווי ס׳שטייט (יב) „זכר חסדו״, און אַ פרוי, איז יראת ה׳, אַזוי ווי ס׳איז באַוואוסט. און אויב עס קומט ניט פריער קיין יראה, קען מען ניט צוקומען צו דער אהבה רבה, וואָרום די אהבה איז פון דער בחינה

ט) איוב כ״ח, כ״ח: ריכטיג, מורא פאַר דעם אויבערשטן דאָס איז קלוגשאַפט.

י) גרויס אהבה און אייביגע אהבה.

יא) קידושין ב׳ ע״ב.

יב) תהלים צ״ח, ג׳.

פון אצילות, וואָס דאָרט איז ניטאָ קיין אָפּשיידנוג און קיין פאַנאַנדערטיילונג חס ושלום. אָבער „אהבת עולם" איז אַזאַ וואָס קומט פון דעם פאַרשטאַנד און פון דעם וויסן אין די גרויסקייט פון ג־ט אין סוף ברוך הוא וואָס ער פילט אָן אַלע וועלטן און רינגלט אַרום אַלע וועלטן, און אַלץ איז פאַר איהם גערעכענט ווי גאָרניט ממש, אָט אזוי ווי ס'איז בטל אַיין דיבור פון דעם פאַרשטאַנדיגן נפש ווען ער איז נאָך אין איהר מחשבה אָדער אין באַגעהר פון האַרצן, ווי אויבן דערמאָנט. וואָס דורך אַזאַ אַריינטראַכטן וועט זיך ממילא אויסטאָן די מדה פון אהבה וואָס איז פאַראַן אין נפש — פון איהרע לבושים, דאָס מיינט אַז זי זאָל זיך ניט אָנטאָן אין קיין שום זאַך פון הנאה, אָדער אַ קערפּער־ליכן אָדער אַ גייסטיגן פאַרגעניגן, דאָס האַלט צו האָבן, און ניט וועלען קיין זאַך אויף דער וועלט אויסער ג־ט אַליין, דעם מקור פון דעם לעבן פון אַלע פאַרגעניגנס, וואָרום זיי זיינען אַלע בטל במציאות און ווי גאָרניט ממש באַטרעפן זיי אַנטקעגן איהם, און ס'איז גאָר קיין שום צושטעל און קיין שום פאַרגלייך ניטאָ צווישן זיי חס ושלום, אַזוי ווי עס איז ניטאָ קיין צושטעל פאַר דעם וואָס איז געוויס גאָר־גאָרניט אַנטקעגן אַן אייביגן לעבן, און אַזוי ווי ס'שטייט(יג) „מי לי בשמים ועמך לא חפצתי בארץ. כלה שארי ולבבי צור לבבי" וגו'. און אַזוי ווי ס'וועט ווייטער ערקלערט ווערן. און אויך דער וואָס די מדה פון אהבה וואָס אין זיין נפש

יג) תהלים ע"ג, כ"ה, כ"ו: ווער איז צו מיר אין הימל — און מיט דיר וויל איך גאָרניט אין דער וועלט. מיין פלייש און מיין האַרץ גלוסט צו ג־ט, באַשעפער פון מיין האַרץ!

איז גאַרניט אָנגעטאָן אין קיין שום גשמיות׳דיקן אָדער רוח־ניות׳דיקן פאַרגעניגן, קען ער אויך מאַכן פייערן זיין נפש ווי פייערדיקע קוילן און אַ שטאַרקער פלאַם־פייער און אַ פלאַקער וואָס גייט אַרויף צום הימל, דורך אַזאַ אריינטראַכטונג וואָס איז אויבן דערמאָנט געוואָרן, אַזוי ווי ס׳וועט שפּעטער ערקלערט ווערן. והנה, אָט־די בחינה פון אהבה קומט צייטנווייז פאַר יראה, לויט דער בחינה פון דעם דעת וואָס מאַכט איהר געבוירן ווערן, ווי ס׳איז באַוואוסט [וואָרום דעת נעמט אריין אין זיך חסדים און גבורות, וואָס דאָס זיינען אהבה און יראה, און פאַראַן אַמאָל וואָס די חסדים זיינען פריער אַראָפּ־צוקומען און אַנטפּלעקט צו ווערן] און דעריבער איז מעגליך פאַר אַ רשע און בעל עבירות אַז ער זאָל טאָן תשובה פון אהבה וועלכע ווערט געבוירן אין זיין האַרץ בעת ער דער־מאָנט זיך אין ג־ט זיין ג־ט, און פונדעסטוועגן איז ממילא אויך פאַראַן אין איהר יראה, נאָר וואָס זי איז אין אַ בחינה פון „קליינקייט” און פאַרבאָרגענקייט וואָס דאָס איז די מורא פאַר זינד, צו זיין ווידערשפּעניג קעגן איהם חס ושלום, און די אהבה איז אין דער אַנטפּלעקונג פון זיין האַרץ און זיין מוח. נאָר דאָס איז נאָר אַ זאַך פון אַ צופאַל און אַ צייטווייליגע דערשיינונג דורך דער השגחה פּרטית פון דעם אויבערשטן, פאַר דער נויטווענדיגקייט פון דער שעה, אַזוי ווי די מעשה מיט ר׳ אליעזר בן דורדייא (יד). אָבער דער סדר פון דער עבודה וואָס איז אָפּגעשטעלט געוואָרן און ווענדט זיך אין דעם מענטשנ׳ס בחירה איז, אַז פריער דאַרף קומען דעם קיום פון תורה און מצוות דורך דער נידע־

יד) זע עבודה זרה י״ז, ע״ב.

ריגערער יראה אין דער בחינה פון „קליינקייט" על כל פנים, דורך אַוועקגיין פון שלעכטס און טאָן גוטס, צו באַלייכטן זיין נפש האלקית מיט דער ליכטיגקייט פון דער תורה און אירע מצוות, און דערנאָך וועט לייכטן אויף איהר די ליכטיגקייט פון דער אהבה [וואָרום „ואהבת" באַטרעפט בגימטריא צוויי מאָל „אור", ווי ס'איז באַוואוסט צו די יודעי חן].

פרק מד והנה, איטליכע מדרגה פון אהבה פון די דאָזיגע צווייערליי מדרגות, „אהבה רבה" און „אהבת עולם" ווערט איינגעטיילט אויף פילערליי בחינות און מדרגות אָהן אַ ברעג, איטליכער לויט זיין מאָס, אַזוי ווי ס'שטייט אין זוהר הקדוש אויפ'ן פסוק „נודע בשערים בעלה" (א), דאָס איז הקדוש ברוך הוא וואָס ער מאַכט זיך באַקאַנט און באַהעפט זיך צו איטליכן לויט דעם ווי ער באַנעמט אין זיין האַרצן וכו' און דעריבער ווערן יראה און אהבה, אָנגערופן „הנסתרות לה' אלקינו" (ב). און תורה און מצוות זיי זיינען אַנטפּלעקט פאַר אונז און פאַר אונזערע קינדער, צו טאָן כו' וואָרום מיר האָבן אַלע איין תורה און איין דין אין דעם מקיים זיין פון דער גאַנצער תורה און מצוות אין דער בחינה פון מעשה. אנדערש איז אָבער ביי יראה און אהבה, וואָס זיי זיינען לויט'ן וויסן ג־ט וואָס אין מוח און אין האַרצן, ווי אויבן דערמאָנט. נאָר עס איז פאַראַן איין אהבה וואָס האָט אין זיך פון די אַלע בחינות און מדרגות

א) משלי ל"א, כ"ג: באַקאַנט אין די טויערן איז איהר מאַן.
ב) די באַהאַלטענע זאַכן וואָס זיינען צו ג־ט, (דברים כ"ט, כ"ח).

פון אהבה רבה און אהבת עולם, און זי איז גלייך פאַר יעדן אידישן נפש, און עס איז ביי אונז אַ ירושה פון אונזערע אבות, און דאָס איז דאָס וואָס דער זוהר זאָגט אויפ׳ן פסוק (ג) „נפשי אויתיך בלילה״ וגו׳, אַז מ׳דאַרף ליב האָבן דעם אויבערשטן מיט אַ ליבשאַפט פון דעם נפש און פון דעם רוח, אַזוי ווי זיי (ד) באַהעפטן זיך אין גוף און דער גוף האָט זיי ליב וכו׳ און דאָס איז וואָס שטייט „נפשי אויתיך״, וואָס דער טייטש איז ווייל דו, ג־ט, ביזט מיין נפש און מיין אמת׳ער לעבן, דעריבער גלוסט איך צו דיר, דאָס הייסט, אַז איך באַגעהר און איך וויל דיר ווי אַ מענטש וואָס באַגעהרט דעם לעבן פון זיין נפש, און ווען ער איז שוואך און פארמאַטערט, באַגעהרט ער און ער וויל אַז זיין נפש זאָל צו איהם צוריקקומען, און אויך ווען ער גייט שלאָפן באַגעהרט ער און ער וויל אַז זיין נפש זאָל צו איהם צוריקקומען ווען ער וועט אויפוואַכן פון זיין שלאָף. אָט אזוי באַגעהר איך און וויל צו דעם אור אין סוף ברוך הוא, דעם לעבנס קוואַל פון דעם אמת׳ן לעבן (ה) איהם ממשיך צו זיין אין מיר דורך דעם עסק פון תורה, בעת איך וואַך אויף ביי נאַכט פון מיין שלאָף. וואָרום, תורה און הקדוש ברוך הוא זיינען אַלץ איינס. אַזוי ווי דער זוהר זאָגט דאָרט, אַז פון ליבשאַפט צו הקדוש

ג) ישעי׳ כ״ו, ט׳: מיין נפש גלוסט צו דיר ביי נאכט.
ד) נפש און רוח.
ה) חיי החיים האמתיים.

ברוך הוא דאַרף אַ מענטש אויפשטיין אַלע נאַכט און זיך אָנשטרענגען מיט זיין עבודה ביז אין דער פריה כו׳ און אַ גרויסע אהבה, נאָך אַ גרעסערע פון די, —און זי איז אויך באַהאַלטן אין איטליכן אידישן נפש בירושה פון אונזערע אבות, איז דאָס וואָס שטייט אין רעיא מהימנא „ווי אַ זוהן וואָס ער שטרענגט זיך אָן צוליב זיין פאָטער און מוטער, וואָס ער האָט זיי נאָך ליבער, מעהר ווי זיין אייגן לייב און זיין נפש און זיין רוח כו׳״ וואָרום מיר האָבן דאָך אַלע איין פאָטער. און כאָטש, ווער איז דאָס דער און וועלכער איז ער וואָס זיין האַרץ דערוואַגט זיך צוצוקומען צו משיג זיין אפילו אַ טויזענטסטל חלק פון דער מדרגה פון דער אהבה פון דעם רעיא מהימנא (ו) פונדעסטוועגן אָבער איז דאָך אַ קליין ברעקעלע און עטוואָס דערפון, פון זיין גרויס גוטסקייט און זיין ליכטיגקייט, לייכט צו דעם כלל ישראל אין יעדן דור אַזוי ווי ס׳שטייט אין תיקונים אַז זיין צושפרייטונג איז אין יעדן דור אויף צו מאַכן ליכטיג פאַר זיי וכו׳ נאָר אָט־די הארה איז אין אַ בחינה פון גרויס באַהאַלטנקייט און פאַרבאָרגענקייט אין די נפשות פון אַלע אידן. און כדי אַרויס־צוברענגען די דאָזיגע אהבה, די באַהאַלטענע פון דער באַהאַלטנ־קייט און דער פאַרבאָרגנקייט אין דער אַנטפלעקונג, זי זאָל זיין אין דער אַנטפלעקונג פון זיין האַרץ און זיין מוח — איז דאָס ניט וואונדערליך און ניט ווייט, נאָר עס איז „גאָר אַ נאָענטע זאַך אין דיין מויל און אין דיין האַרץ״, דאָס הייסט עס זאָל זיין איינגע־וואוינט אין זיין שפראַך און זיין קול, אויף צו דערוועקן די כוונה

ו) משה רבנו, דער „געטרייער פאַסטוך״.

פון זיין הארץ און זיין מוח, צו פארטיפן זיין מחשבה אין דעם חיי החיים דעם אין סוף ברוך הוא, וואָרום ער איז ממש אונזער אמת'ער פאָטער, און דער מקור פון אונזער לעבן, און צו דערוועקן די אהבה צו איהם ווי די אהבה פון אַ קינד צום פאָטער. און אז ער וועט זיך שטענדיג אַזוי איינגעוואוינען, ווערט דאָך די געוואוינהייט אַ נאַטור. און אפילו אויב עס ווייזט זיך איהם אין פלוג אַז דאָס איז מעהר ניט ווי אַן איינגערעדטער כח, זאָל ער קיין מורא ניט האָבן, וויבאַלד דאָס איז אַ ריכטיגער אמת פאַר זיך אַליין, אין דער בחינה פון דער באַהאַלטענער אהבה, נאָר דער נוצן פון איהר אַרויסקומען אין דער אַנטפּלעקונג איז, כדי איהר צוצוברענגען צו מעשה, וואָס דאָס איז דער עסק פון תורה און מצוות וואָס ער לערנט און איז מקיים דורך דעם, כדי צו טאָן אַ נחת רוח פאַר איהם יתברך, אַזוי ווי אַ זוהן וואָס באַדינט זיין פאָטער. און אויף דעם האָט מען געזאָגט (ז) אַז אַ גוטע מחשבה שטעלט איהר דער אויבערשטער צונויף צו מעשה, ס'זאָל ווערן פליגל אויף צו פליען, ווי אויבן דערמאָנט (ח). און דער נחת רוח איז ווי דער משל פון דער שמחה פון דעם מלך פון זיין זוהן וועלכער קומט צו איהם אַרויסגייענדיג פון תפיסה, ווי אויבן דערמאָנט, אָדער כדי ער זאָל האָבן אַ דירה דאַ־אונטן, ווי אויבן דערמאָנט. והנה, אויך ביי דער אויבן־דערמאָנטער בחינה פון „נפשי אויתיך" איז די זאַך זייער נאָענט אַרויסצונעמען איהר פון

ז) קידושין מ', ע"א.
ח) פרק ט"ז, ע' 84 [כב].

דער באַהאַלטנקייט אין אַנטפּלעקטקייט, דורך דער שטענדיגער געוואוינהייט מיט זיין מויל און מיט זיין האַרצן גלייך; אָבער אויב ער קען איהר ניט ארויסברענגען אין אַנטפּלעקטקייט אין זיין האַרץ, קען ער זיך פונדעסטוועגן עוסק זיין אין תורה און מצות לשמן, דורך פאַרשטעלן זיך דעם ענין פון אָט־דער אהבה אין דער מחשבה וואָס אין זיין מוח, און אַ גוטע מחשבה שטעלט איהר דער אויבערשטער צונויף כו׳. והנה, אָט־די צווי בחינות פון אהבה, כאָטש זיי זיינען ביי אונז אַ ירושה פון אונזערע אבות, און אזוי ווי אַ נאַטור אין אונזערע נפשות, און אַזוי אויך די יראה וואָס איז פאַראַן אין זיי, וואָס דאָס איז, מורא צו האָבן פון אָפּגעשיידט ווערן חס ושלום פון דעם מקור פון אונזער לעבן, און אונזער אמת׳ן פאָטער ב״ה — פונדעסטוועגן ווערן זיי ניט אָנגערופן מיט׳ן נאָמען „נאַטירליכע יראה און אהבה״, סיידן אויב זיי זיינען נאָר אין זיין מוח און אין זיין מחשבה, און אין די פאַרבאָרגנקייט פון זיין האַרץ, און יעמאָלט איז זייער אָרט אין די צעהן ספירות פון יצירה, און אַהין־צו ברענגען זיי אַרויף מיט זיך די תורה און מצוות וועלכע קומען דורך זיי און צוליב זיי. אָבער ווען זיי זיינען אין דער אַנטפּלעקונג פון זיין האַרץ, ווערן זיי אין זוהר אָנגערופן „ווילן פון האַרצן״ (ט) און זייער אָרט איז אין די צעהן ספירות פון בריאה, און אַהין־צו ברענגען זיי

ט) רעותא דלבא.

אַרויף מיט זיך די תורה און מצוות וועלכע קומען צוליב זיי. וואָרום זייער אַרויסגיין פון די פאַרבאָרגנקייט און די באַהעלטעניש פון האַרץ אין דער בחינה פון אַנטפּלעקטקייט, איז דאָס דורך דעת און דורך דעם אריינטאָן די מחשבה מיט שטאַרקקייט, און אַ שטאַרקע אריינטראַכטונג פון די טיפעניש פון האַרצן, מעהרער און אָפּטער אין אין סוף ב"ה, ווי ער איז ממש אונזער לעבן און אונזער אמת'ער פאָטער ב"ה. און דאָס איז באַוואוסט וואָס שטייט אין תיקונים אַז אין עולם הבריאה, דאָרט געפינט זיך „אימא עילאה" (י) וואָס דאָס איז די אַריינטראַכטונג אין אור אין סוף, דעם חיי החיים ב"ה, און אַזוי ווי אליהו האָט געזאָגט (יא): „בינה — דאָס האַרץ, און מיט איהר פאַרשטייט דאָס האַרץ". און נאָך מעהר: אז אָט־די אויבן־דערמאָנטע צוויי בחינות פון אהבה זיינען צונויפגעשטעלט פון אַ בחינה פון אַ גרויסער אהבה, און זי איז גרעסער און העכער פון די שכלי־דיקע יראה און אהבה, וואָס די אהבה איז פריער אָנגערופען געוואָרען מיט'ן נאָמען „אהבת עולם", אָבער פונדעסטוועגען דאַרף ער האָרעווען מיט זיין שכל אויף צוצוקומען און צו דערגרייכן אויך צו דער אויבן־דערמאָנטער בחינה פון אהבת עולם, וועלכע קומט פון דער פארשטאַנד און וויסן אין דער גרויסקייט פון ג־ט כדי צו פארגרעסערן דעם פלאַם־פייער פון דער אהבה מיט פייערדיקע קוילין און אַ שטאַרקער פלאַקער און אַ פלאַם

י) בינה פון אצילות וואָס זי איז די מוטער פון די מדות.

יא) אין „פתח אליהו" — בינה ליבא ובה הלב מבין.

וואָס שטייגט אַרויף ביז דעם הימל, ביז וואַנען אַז פיל וואַסערן זאָלן ניט קענען פאַרלעשן וגו׳ און טייכן זאָלן איהר ניט אָפּשווענקען וגו׳ וואָרום ס׳איז פאַראַן אַ יתרון און אַ מעלה צו דער בחינה פון דער אהבה וואָס איז ווי פייערדיקע קוילין און אַ שטאַרקער פלאַקער וכו׳ וועלכע קומט פון פאַרשטאַנד און וויסן אין דער גרויסקייט פון אין סוף ב״ה, איבער די צוויי אויבן־דערמאָנטע בחינות פון אהבה, ווען זיי זיינען ניט ווי פייערדיקע קוילין און אַ פלאַם כו׳ — ווי דער יתרון און מעלה פון גאָלד אויף זילבער כו׳ אַזוי ווי ס׳וועט שפּעטער ערקלערט ווערן. און אויך ווייל דאָס איז דער גאַנצער מענטש און זיין תכלית אַז מען זאָל וויסן דעם כבוד פון ג־ט און די טייערקייט פון דער שיינקייט פון זיין גרויסקייט, יעדער איינער לויט וויפיל ער קען פאַרטראָגן, אַזוי ווי ס׳שטייט אין רעיא מהימנא פרשת בא: „כדי אַז זיי זאָלן איהם דערקענען״ וכו׳, און ווי ס׳איז באַוואוסט.

פרק מה **נאָך** איז פאַראַן אַ גלייכער וועג פאַר דעם מענטשן, זיך עוסק צו זיין אין תורה און מצוות לשמן, דורך דער מדה פון יעקב אבינו עליו השלום, וואָס דאָס איז די מדה פון רחמים, צו דערוועקן פריער אין זיין מחשבה רחמים רבים פאַר ג־ט אויף דעם ג־טליכן פונק וואָס באַלעבט זיין נפש וואָס האָט אַראָפּ־גענידערט פון זיין מקור, דעם חיי החיים אין סוף ב״ה, וועלכער פילט אָן אַלע וועלטן און רינגלט אַרום אַלע וועלטן, און אַלץ אַנטקעגן איהם באַטרעפט ווי גאָרניט, און ער (א) איז אָנגע־

א) דער ג־טליכער פונק וואָס איז אָנגעטאָן אין דעם נפש פון מענטשן.

טאָן געוואָרן אין אַ שלאַנגען־פעל, וואָס איז ווייט פון דעם אור פון דעם מלך׳ס פנים, גאָר שטאַרק ווייט, וואָרום דער עולם הזה איז די ענדע פון די גראָבע קליפות כו׳ און איבערהויפט ווען ער וועט זיך דערמאָנען אין אַלע זיינע מעשים, און זיינע רייד און זיינע מחשבות, זינט דעם טאָג וואָס ער איז פאַראַן, וואָס זיי זיינען ניט קיין גוטע, און ס׳איז „מלך אסור ברהטים" (ב) אין די געאיילטע געדאַנקען וואָס אין מוח, וואָרום (ג) „יעקב חבל נחלתו", און ס׳איז אַזוי ווי דער משל פון דעם וואָס ציהט די שטריק וכו׳ און דאָס איז דער סוד פון גלות השכינה. און אויף דעם שטייט (ד) „וישוב אל ה׳ וירחמהו" — צו דערוועקן גרויס רחמנות אויף דעם אויבערשטנ׳ס נאָמען, וועלכער רוהט ביי אונז, אַזוי ווי ס׳שטייט (ה) „השוכן אתם בתוך טומאתם". — און דאָס איז וואָס דער פסוק זאָגט (ו) „וישק יעקב לרחל וישא את קולו ויבך". וואָרום רחל איז כנסת ישראל, דער מקור פון אַלע נשמות. און יעקב, מיט זיין הויכער מדה, וואָס דאָס איז די מדה פון רחמים, וואָס אין אצילות, — ער איז דער וואָס דערוועקט גרויס רחמים אויף איהר. — „און ער האָט אויפגעהויבן זיין קול" אַרויף־צו, צו דעם מקור

ב) שיר השירים ז׳, ו׳: דער מלך וואָס איז פאַרבונדן אין די איילעניש.

ג) דברים ל״ב, ט׳: יעקב איז דער טייל (חבל) פון זיין ירושה.

ד) ישעי׳ נ״ה, ז׳: און ער זאָל צוריקקומען צום אויבערשטן און ער וועט רחמנות האָבן אויף איהם.

ה) ויקרא ט״ז, ט״ז: וועלכער רוהט ביי זיי אין זייער אומריינקייט.

ו) בראשית כ״ט, י״א: און יעקב האָט געקושט רחל׳ן און האָט אויפגעהויבן זיין קול און האָט געוויינט.

פון די רחמים עליונים, וואָס ווערט אָנגערופן „אב הרחמים" און זייער מקור, „און ער האָט געוויינט" — צו דערוועקן און ממשיך צו זיין פון דאָרט גרויס רחמים אויף אַלע נשמות און אויף דעם מקור פון כנסת ישראל, אויפהויבען זיי פון זייער גלות, און צו פאַראייניציגן זיי אין יחוד פון למעלה פון אור אין סוף ב"ה, אין אַ בחינה פון נשיקין, וואָס דאָס איז „אתדבקות רוחא ברוחא" (ז), — אַזוי ווי ס'שטייט (ח) „ישקני מנשיקות פיהו", וואָס דאָס מיינט די פאַרבינדונג פון דעם דיבור פון דעם מענטשן מיט דעם וואָרט פון ג־ט, וואָס דאָס איז הלכה, און אזוי אויך מחשבה מיט מחשבה און מעשה מיט מעשה, וואָס דאָס איז די מעשה פון מצוות, און איבערהויפּט די מעשה פון צדקה און חסד. וואָס חסד איז „דער רעכטער אָרים", און דאָס איז אַ בחינה פון חיבוק (ט) — ממש, אַזוי ווי ס'שטייט „וימינו תחבקני" (י). און דער עסק אין תורה מיט דיבור און מחשבה פון פאַרטיפונג, זיינען אַ בחינה פון נשיקין ממש. והנה, דורך דעם קען ער צוקומען צו דער בחינה פון „אהבה רבה" אין דער אַנטפּלעקונג פון זיין האַרצן אַזוי ווי ס'שטייט (יא) „ליעקב אשר פדה את אברהם", אַזוי ווי עס ווערט ערקלערט אין אַן אנדער אָרט.

ז) באַהעפטונג פון רוח מיט רוח.

ח) שיר השירים א׳, ב׳: זאָל ער מיר קושן פון די קושן פון זיין מויל.

ט) ארומנעמען.

י) שיר השירים ב׳, ו׳: און זיין רעכטע האַנד נעמט מיר ארום.

יא) ישעי׳ כ"ט, כ"ב: צו יעקב'ן וואָס ער האָט אויסגעלייזט אברהם'ן.

פרק מו און עס איז פאַראַן אַ גלייכער וועג פאַרן מענטשן, וואָס איז גלייך פאַר יעדער נפש, און די זאַך איז זייער זייער נאָענט אויף צו מעורר זיין און צו מאַכן לייכטן דעם אור פון דער אהבה וואָס איז ארייננגעטאָן און באַהאַלטן אין זיין האַרצן, אַז זי זאָל לייכטן מיט דער שטאַרקקייט פון איהר ליכטיגקייט ווי אַ ברענענדיגער פייער אין די אַנטפּלעקונג פון זיין האַרץ און זיין מוח, אַוועקצוגעבן זיין נפש צו ג־ט, און זיין גוף און זיין פאַרמעגן, מיט׳ן גאַנצן האַרץ און מיט׳ן גאַנצן נפש און זייער, פון דער טיפעניש פון הארצן, מיט אַ ריכטיגן אמת, און איבערהויפּט בשעת קריאת־שמע און איהרע ברכות, אזוי ווי ס׳וועט ערקלערט ווערן. און דאָס איז אויב ער וועט נעמען צום האַרצן דאָס וואָס דער פסוק זאָגט (א) „כמים הפנים לפנים כן לב האדם אל האדם״ — דאָס מיינט אַז אַזוי ווי די זעלבע געשטאַלט און די צורה פון דעם פּנים וואָס דער מענטש ווייזט אין וואַסער, אַזוי ווייזט זיך איהם דאָרט, אין וואַסער, אַט יענע זעלבע צורה, אַט אַזוי ממש איז דאָס האַרץ פון אַ מענטשן וואָס ער איז געטריי מיט זיין ליבשאַפט צו אַן אַנדער מענטש, דערוועקט דאָך די ליבשאַפט אַ ליבשאַפט אין האַרצן פון זיין חבר צו איהם אויך, צו זיין געטרייע ליבהאָבער איינער צום צווייטן, איבערהויפּט ווען ער זעהט זיין חבר׳ס ליבשאפט צו איהם. והנה, דאָס איז אַ געוועהנליכע נאַטור אין דער מידה פון יעדן מענטשן,

---

א) משלי כ״ז, י״ט: אַזוי ווי וואַסער שפּיגלט אָפּ אַ פּנים צו אַ פּנים, אַזוי איז דאָס האַרץ פון אַ מענטשן צו אַ מענטשן.

אפילו ווען זיי זיינען ביידע גלייך אין שטאַנד, און נאָך אַסאַך מער, ווען אַ גרויסער און מעכטיגער מלך באַוויזט זיין גרויסע און שטאַרקע ליבשאַפט צו אַ פּראָסטן, פּאַרמיאוס׳טן מענטש, אַ פאַראַכטעטער צווישן מענטשן, אַ מנוול, וואָס ליגט אין בלאָטע, און ער נידערט אַראָפּ צו איהם פון דעם. אָרט פון זיין כבוד, צוזאַמען מיט אלע זיינע שרים, און שטעלט איהם אויף און הויבט איהם אויף פון זיין בלאָטע און ברענגט איהם אַריין אין זיין פּאַלאַץ, דעם קעניגליכן פּאַלאַץ, אין אַ גאָר אינווייניגסטן צימער, אַזאַ אָרט וואָס קיין שום קנעכט און האַר קומט אַהין ניט אריין, און פאַראייניגט זיך מיט איהם דאָרט מיט אַ פאַראייניגונג און מיט אַן אמת׳ער נאָענטקייט און מיט ארומנעמען און קושן און אַ באַהעפטונג פון אַ רוח מיט אַ רוח מיט׳ן גאַנצן האַרץ און נפש — איז כל שכן אז ס׳וועט ממילא דערוועקט ווערן אַ טאָפּעלע און פילפאַכיגע ליבשאַפט אין דעם האַרץ פון אָט דעם פּראָסטן און נידעריגן מענטשן, צו דעם נפש פון דעם מלך, מיט אַ צובינדונג פון נפש ממש, פון האַרץ און פון נפש, פון דער טיפעניש פון האַרצן, אָהן אַ ברעג. און אפילו אויב זיין האַרץ איז אַזוי ווי אַ שטיינערנע האַרץ — וועט עס צושמאָלצן ווערן און ווערן וואַסער, און זיין נפש וועט זיך אויסגיסן ווי וואַסער מיטן אויסגיין פון דעם נפש ממש, ליב האָבנדיג דעם מלך. והנה, אַזוי ווי דאָס אַלץ, און ווי אַלץ וואָס איז דאָ פאַרגעשטעלט געוואָרן, און פיל מעהר, גרעסער, טאָפּל און פילפאַכיג אָהן אַ ברעג — האָט אונזער ג־ט אונז געטאָן, ווארום צו זיין גרויסקייט איז קיין פארשונג ניטאָ און ער פילט אָן אלע וועלטן און נעמט אַרום אַלע וועלטן און ס׳איז באַקאַנט פון זוהר

הקדוש און פון דעם אר"י ז"ל די פילקייט פון די היכלות און די וועלטן ביז אָהן אַ צאָהל, און אין איטליכער וועלט און היכל זיינען פאַראַן צעהנדליגער טויזענטער רבבות מלאכים אָהן אַ שיעור און אָהן אַ ברעג. און אזוי ווי ס'שטייט אין גמרא(ב) אז עס שטייט(ג) „היש מספר לגדודיו", און עס שטייט(ד) „אלף אלפין ישמשוני' וריבו רבבן קדמוהי" כו', און מ'פאַר־ענטפערט(ה), אַז טויזענט מאָל טויזענט וכו' איז די צאָהל פון איין גדוד, אָבער צו זיינע גדודים איז ניטאָ קיין צאָהל און זיי אַלע באַטרעפין אַנטקעגן איהם ממש ווי גאָרניט און זיינען בטל במציאות ממש, אזוי ווי איין דיבור ממש איז בטל לגבי דעם מהות פון דעם ריידענדיגן נפש און איר עצמות בעת דער דיבור איז נאָך געווען ביי איהם אין מחשבה אָדער אין דעם רצון און אין דעם באַגעהר פון האַרצן, אַזוי ווי ס'איז אויבן אויספיהרליך ערקלערט געוואָרן. און זיי אַלע פרעגן „אי' מקום כבודו" (ו) — און זיי ענטפערן „מלא כל הארץ כבודו"(ז), דאָס איז זיין פאָלק ישראל, וואָרום דער אויבערשטער האָט אַוועקגעלאָזן די העכערע און ני־דעריגערע און ער האָט זיי אלע ניט אויסגעקליבן, נאָר זיין פאָלק ישראל, און ער האָט זיי אַרויסגענומען פון

ב) חגיגה י"ג, ע"ב.

ג) איוב כ"ה, ג': צו איז דען פאַראַן אַ צאָהל צו זיינע גדודים?

ד) דניאל ז', י': טויזנט טויזענטער באַדינען איהם און צעהנדליגער טויזענטער רבבות שטייען פאַר איהם.

ה) די קשיא פאַרוואָס פריער שטייט אַז עס איז קיין צאָהל ניטאָ, און אין דעם אנדרן פסוק ווערן יאָ דערמאָנט צאָהלן.

ו) וואו איז דער אָרט פון זיין כבוד?

ז) ישעי' ו', ג': די גאַנצע וועלט איז פול מיט זיין כבוד.

מצרים, די „שאַנד פון דער וועלט" (ח), דער אָרט פון שמוץ און פון טומאה, ניט דורך אַ מלאך און ניט דורך כו׳ נאָר דער אויבערשטער בכבודו ובעצמו איז אַהין אַראָפּגעקומען, אַזוי ווי ס׳שטייט (ט) „וארד להצילו" וגו׳, כדי צו דערנעהנ־טערן זיי צו איהם מיט אַן אמת׳ער דערנעהנטערונג און פאַראייניגונג מיט אַ פאַרבינדונג פון דעם נפש ממש, אין אַ בחינה פון נשיקין, מויל צו מויל, צו רעדן די רייד פון ג־ט וואָס דאָס איז הלכה, און אַ באַהעפטונג פון רוח מיט רוח, וואָס דאָס איז די השגה פון תורה און דער וויסן פון זיין רצון און זיין חכמה, וואָס דאָס אַלעס איז איינס ממש. און אויך אין דער בחינה פון חיבוק וואָס דאָס איז דער קיום פון די מצוות מעשיות מיט די רמ"ח איברים, וואָרום די רמ"ח מצוות זיינען דאָך די רמ"ח איברים פון דעם מלך, ווי אויבן דערמאָנט (י). און אין אַלגעמיין ווערן זיי צוטיילט אויף דריי בחינות — רעכטס און לינקס און אין דער מיטן, וואָס דאָס זיינען חסד, דין, רחמים — די צוויי אָרימס און דער קערפּער וכו׳ און דאָס איז דער טייטש „אשר קדשנו במצותיו" (יא), אַזוי ווי איינער וואָס איז מקדש אַ פרוי אַז זי זאָל זיין פאַראייניגט מיט איהם מיט אַ פולער פאַראייניגונג, אַזוי ווי ס׳שטייט (יב): „ודבק באשתו

ח) ערות הארץ.
ט) שמות ג׳, ח׳: און איך האָב אראָפּגענידערט צו ראטעווען איהם.
י) פרק כ"ג ע׳ [כח] נה.
יא) וואָס ער האָט אונז געהייליגט דורך זיינע מצוות.
יב) בראשית ב׳, כ"ד: און ער באַהעפט זיך מיט זיין פרוי און זיי ווערן איין לייב.

והיו לבשר אחד". אַט אזוי ממש און נאָך מעהר ווי דאָס אָהן אַ ברעג איז די פאַראייניציגונג פון ג־טליכן נפש וואָס זי איז זיך עוסק אין תורה און מצוות, און פון דעם נפש החיונית און זייערע לבושים, וואָס זיינען אויבן דערמאָנט געוואָרן, מיט דעם אור אין סוף ב"ה. און דעריבער האָט שלמה עליו השלום צוגעגליכן אין שיר השירים אַט די פאַראייניציגונג צו דער פאַראייניציגונג פון חתן און כלה מיט באַהעפטונג, חשק און באַגעהר מיט חיבוק און נישוק. און דאָס איז דער טייטש „אשר קדשנו במצוותיו", וואָס ער האָט אונז דערהויבן צו דער הויך פון קודש העליון ב"ה וואָס דאָס איז די קדושה פון דעם אויבערשטן בכבודו ובעצמו. און קדושה איז אַ לשון פון אָפּשיידונג, וואָס דער אויבערשטער איז אָפּגעשיידט פון די וועלטן און דאָס איז די בחינה פון „ארומנעמען אלע וועלטן" וואָס קען זיך ניט אָנטאָן אין זיי. וואָרום דורך דעם יחוד פון דעם נפש און דאָס וואָס זי ווערט אריינגענומען אין דעם אור אין סוף ב"ה, ווערט זי דאָך אין דער מעלה און מדרגה פון דער קדושה פון אין סוף ב"ה ממש, וויבאַלד זי פאַראייניציגט זיך און ווערט אריינגענומען אין איהם יתברך, און זיי ווערן ממש איינס. און דאָס איז וואָס עס שטייט (יג) „והייתם לי קדושים כי קדוש אני ה' ואבדיל אתכם מן העמים להיות לי". און עס שטייט (יד): „ועשיתם

יג) ויקרא כ׳, כ״ו: און איהר זאָלט זיין הייליג צו מיר, וואָרום הייליג בין איך, ג־ט, און איך האָב אייך אָפּגעשיידט פון די פעלקער איהר זאָלט זיין פאַר מיר.

יד) במדבר ט״ו, מ״־מ״א: און איהר זאָלט טאָן אַלע מיינע מצוות און איהר וועט זיין הייליג צו אייער ג־ט, איך בין ג־ט, אייער ג־ט.

את כל מצוותי והייתם קדושים לאלקיכם — אני ה' אלקיכם", וגו' וואָס דער טייטש דערפון איז, ווייל דורך מקיים זיין די מצוות בין איך אייער ג־ט, אַזוי ווי „אלקי אברהם, אלקי יצחק" וכו', וואָס ער ווערט אַזוי אָנגערופן ווייל די אבות זיינען געווען אַ בחינה פון מרכבה צו איהם יתברך, און זיי זיינען געווען בטל און אַריינגענומען אין זיין אור, און אַזוי איז ביי איטליכן אידישן נפש בעת ער איז זיך עוסק אין תורה און מצוות, און דעריבער האָבן די רז"ל (טו) געהייסן אויפשטיין און שטעלן זיך פאַר יעדערן וואָס איז זיך עוסק אין אַ מצוה, אפילו אויב ער איז אַן אומוויסענדער און אַן עם־הארץ, און דאָס איז פאַר דעם אויבערשטן וואָס רוהט און טוט זיך אָן אין זיין נפש אין אָט דער צייט, מעהר ניט וואָס זיין נפש פילט ניט, צוליב דעם פאַרהאַנג פון קערפּער־ליכן חומר וואָס איז ניט אויסגעלייטערט, און ער פאַרטונקלט די אויגן פון דעם נפש פון צו זעהן ג־טליכע אָנבליקן אַזוי ווי די אבות און עהנליכע צו זיי, וואָס זיי האָבן זייער וועלט געזעהן אין זייער לעבן. און דאָס איז וואָס אסף האָט געזאָגט מיט רוח הקודש פאַר דער גאַנצער כנסת ישראל וואָס אין גלות (טז): „ואני בער ולא אדע בהמות הייתי עמך, ואני תמיד עמך", וואָס דאָס מיינט אַז כאָטש איך בין ווי אַ בהמה בעת איך בין מיט דיר, און איך דערקען ניט און איך פיל ניט אין מיין נפש אָט דעם יחוד, אַז ס'זאָל פריער פאַלן אויף איהר

טו) זע קידושין ל"ג ע"א.

טז) תהלים ע"ג, כ"ב־כ"ג: און איך בין אַן אומוויסענדער און איך ווייס ניט, ווי בהמות בין איך געווען מיט דיר — און איך בין תמיד מיט דיר.

אַ מורא און אַ פחד, און נאָכדעם אַ גרויסע אהבה מיט תענוגים אָדער ווי פייערדיקע קוילין, לויט דער מדה פון צדיקים וואָס זייער חומר איז אויסגעלייטערט געוואָרן, און אַזוי ווי ס'איז באַוואוסט אז דעת איז דער לשון פון דערפיהלן אין נפש, וואָס דאָס ענטהאַלט חסד מיט גבורה, — איז פונ־דעסטוועגן בין איך תמיד מיט דיר, וואָרום דער חומר האַלט ניט אָפּ די פאַראייניגונג פון דעם נפש מיט אור אין סוף ב"ה וואָס פילט אָן אַלע וועלטן, און אַזוי ווי ס'שטייט (יז) „גם חושך לא יחשיך ממך". און דערמיט וועט זיין פאַרשטאַנדיג די האַרב־קייט פון דער שטראָף פאַר דעם איסור פון טאָן אַ מלאכה שבת און חמץ אין פסח, וואָס איז ביי אַלעמען גלייך, וואָרום אויך אין דעם נפש פון אַן אומוויסענדן און אַ פולשטענדיגן עם הארץ לייכט די ליכטיגקייט פון דער קדושה פון שבת און פון יום טוב, און ער ווערט גע'משפט מיט זיין נפש מיט כרת אָדער סקילה פאַר דער פאַרשוועכונג פון אָט־דער קדושה און אויך עטוואָס חמץ, אָדער טראָגן מוקצה איז פוגם אין דער קדושה וואָס אויף זיין נפש, גלייך ווי אין דער קדושה פון דעם נפש פון אַ צדיק, וואָרום מיר האָבן אַלע איין תורה [און דאָס וואָס שטייט בהמות לשון רבים, דאָס איז אַ רמז, אַז פאַר איהם יתברך איז אויך די בחינה פון דעת עליון, וואָס איז כולל חסד און גבורה, גלייך ווי בהמות און אַ קערפּערליכע עשי' לגבי דעם אור אין סוף, אַזוי ווי ס'שטייט (יח) „כלם בחכמה עשית" און דאָס ווערט אָנגערופן „בהמה רבה", אַזוי ווי ס'ווערט

יז) תהלים קל"ט, י"ב: אויך פינסטערניש פאַרטונקלט ניט פאַר דיר.
יח) תהלים ק"ד, כ"ד: דו האָסט זיי אלעמען געמאַכט מיט חכמה.

ערקלערט אויף אַן אַנדער אָרט. און דאָס איז דער שם פון ב״ן, בגימטריא בהמ״ה, וואָס פאר אצילות].

פרק מז והנה אין איטליכן דור און יעדער טאָג איז אַ מענטש מחויב זעהן זיך אליין גלייך ווי ער איז היינט ארויס־געגאַנגען פון מצרים. און דאָס איז דער אַרויסגאַנג פון נפש האלקית פון דער תפיסה פון דעם קערפּער, די „פּעל פון דעם שלאַנג״, אַריינגענומען ווערן אין דעם יחוד פון אור אין סוף ב״ה, דורך דעם עסק פון תורה און מצוות בכלל, און בפרט דורך נעמען אויף זיך מלכות שמים אין קריאת־שמע, וואָס אין איהר נעמט ער אָן און איז ממשיך אויף זיך זיין פאַראייניציגונג יתברך בפירוש, בעת ער זאָגט (א) „ה׳ אלקינו ה׳ אחד״. און אזוי ווי ס׳איז פריער ערקלערט געוואָרען אַז אלקינו איז דער טייטש אַזוי ווי אלקי אברהם וכו׳, ווארום ער איז גע־ווען בטל און אַריינגענומען געוואָרן אין דער פאַראיינציגונג פון אור אין סוף ב״ה, מעהר ניט וואָס אברהם האָט זוכה געווען צו דעם מיט זיינע מעשים און מיט זיין גאַנג אין קדושה פון מדרגה צו מדרגה. — אַזוי ווי ס׳שטייט (ב) „ויסע אברם הלוך ונסוע וגו׳, אָבער ביי אונז איז עס אַ ירושה און אַ מתנה וואָס ער האָט אונז געגעבן זיין תורה און האָט אין איהר אָנגעטאָן זיין רצון און זיין חכמה יתברך, וואָס זיי זיינען פאַראייניציגט מיט זיין מהות און זיין עצמות יתברך מיט אַ פולער פאַראייניציגונג. און דאָס איז גלייך ווי ער וואָלט אונז כביכול זיך אליין אוועק געגעבן. אזוי

א) דברים ו׳, ד׳: ג־ט אונזער ג־ט, ג־ט איז איינער.

ב) בראשית י״ב, ט׳: און אברם איז געפאָהרן און האָט געהאַלטן אין איין גיין און פאָהרן ווייטער.

ווי ס׳שטייט אין זוהר, אויפ׳ן פסוק (ג) „ויקחו לי תרומה״ [וואָס „לי״ איז דער טייטש אַזוי ווי „אותי״ (ד), און עס וואָלט דאָך געדאַרפט שטיין „ותרומה״, נאָר ווייל דאָס איז אַלץ איינס, זע דאָרט געזנוי]. און דאָס איז דער טייטש „ותתן לנו ה׳ אלקינו באהבה״ (ה) כו׳, „כי באור פניך נתת לנו ה׳ אלקינו״ (ו) כו׳, און דעריבער האָלט אונז ניט אָפּ פון דער באַהעפטונג פון דעם נפש אין זיין פאַראייניגונג און זיין אור יתברך, מער ניט ווי דער רצון, וואָס אויב דער מענטש וויל חס ושלום גאָר אין גאַנצן ניט באַהעפטן זיך אין איהם כו׳, אָבער גלייך ווי ער וויל און נעמט אויף זיך און איז ממשיך אויף זיך זיין ג־טליכ־קייט יתברך, און זאָגט ה׳ אלקינו ה׳ אחד, ווערט דאָך ממילא זיין נפש אַריינגענומען אין זיין פאַראייניגונג יתברך, וואָרום אַ רוח (ז) ברענגט אַ רוח (ח) און איז ממשיך אַ רוח (ט), און דאָס איז די בחינה פון יציאת מצרים, און דעריבער האָט מען מתקן געווען צו לייענען די פרשה פון יציאת מצרים בעת קריאת־שמע דוקא, כאָטש ס׳איז דאָך אַ מצוה פאַר זיך און ניט פון דער מצוה פון קריאת־שמע, אַזוי ווי ס׳איז פאַראַן

ג) שמות כ״ה, ב׳: און זיי זאָלן צו מיר נעמען אַ תרומה.

ד) מיך, און אויב אַזוי וואָלט דאָך געדאַרפט שטיין „מיך און תרומה״.

ה) און דו האָסט אונז געגעבן, ג־ט אונזער ג־ט, מיט ליבשאפט.

ו) וואָרום מיט דער ליכטיגקייט פון דיין פנים האָסטו אונז געגעבן, ג־ט, אונזער ג־ט.

ז) גייסט, — ד. ה. אַ דערוועקונג פון אויבן (דער אויבערשטער).

ח) — ד. ה. אַ דערוועקונג פון אונטן (דער מענטש).

ט) — ד. ה. אַ דערוועקונג פון אויבן (וועלכע איז נאָך העכער ווי דער פריערדיגער).

אין גמרא און פוסקים, נאָר ווייל זיי זיינען איין זאך ממש. און אַזוי ווערט אויך אויסגעפיהרט צום סוף פון דער פרשה פון יציאת מצרים „אני ה' אלקיכם" (י), און דאָס מיינט אויך ווי עס איז אויבן ערקלערט.

פרק מח והנה

אַז דער פאַרשטאַנדיגער וועט זיך באַטראַכטן אין דער גרויסקייט פון אין סוף ב"ה, אז אזוי ווי ער הייסט אַזוי איז ער: עס איז ניטאָ קיין סוף און עס איז ניטאָ קיין ברעג און גאָר קיין ענדע צו דעם אור און צו דעם חיות וואָס פארשפרייט זיך פון איהם יתברך מיט זיין רצון הפ־שוט, און ער איז פאראייניגט מיט זיין מהות און זיין עצמות יתברך מיט אַ פולשטענדיגער פאַראייניגונג. און אויב עס וואָלט געווען די אַראָפּנידערונג פון די וועלטן פון דעם אור אין סוף ב"ה אָהן צמצומים, נאָר לויט דעם סדר פון די מדרגות, פון מדרגה צו מדרגה מיט אַ סדר פון עילה ועלול (א), וואָלט יעמאָלט די וועלט גאָרניט באַשאַפן געוואָרן אזוי ווי זי איז איצט, אין אַ בחינה פון אַ גרעניץ און פון אַ ברעג, פון דער ערד ביז דעם הימל איז אַ מהלך פון פינף הונדערט יאָהר, און אַזוי אויך פון איין הימל ביז צום צווייטן, און אַזוי אויך די דיקקייט פון יעדן הימל, און אפילו עולם הבא און

י) במדבר ט"ו, לד': איך בין ג־ט אייער ג־ט.

א) ווען די נידעריגערע מדרגה האָט אַ ערך צו דער העכערער מדרגה פון וועלכער זי קומט.

גן עדן העליון, די וואוינונג פון די נשמות פון די גרויסע צדיקים, און די נשמות אַליין, און ווער רעדט די מלאכים, — זיינען זיי אין דער בחינה פון אַ גרעניץ און אַ ברעג, וואָרום ס׳איז פאַראַן אַ גרעניץ צו זייער השגה אין דעם אור אין סוף ב״ה וואָס לייכט אויף זיי דורך אָנטאָן זיך אין חב״ד כו׳ און דעריבער האָט אויך אַ ברעג זייער הנאה וואָס זיי האָבן הנאה פון דעם אָפּשיין פון דער שכינה און זיי האָבן פאַרגעניגן אין דעם אור פון ג־ט, וואָרום זיי קענען ניט באַקומען קיין הנאה און קיין תענוג אין אַ בחינה פון אין סוף ממש, אום זיי זאָלן ניט בטל ווערן פון זייער מציאות און צוריקגיין צו זייער מקור. והנה, די איינצלהייטן פון די צמצומים, ווי אַזוי און וואָס, איז ניט דאָ דער אָרט צו ערקלערן זיי, אָבער אין אַל־געמיין זיינען זיי די בחינה פון באַהאַלטנקייט און פאַרבאָר־גענקייט פון דער המשכה פון דעם אור און פון דעם חיות, אַז עס זאָל ניט לייכטן און נמשך ווערן צו די אונטערשטע אין אַ בחינה פון אַנטפּלעקונג, אָנצוטאָן זיך און משפּיע זיין אין זיי, און צו באַלעבן זיי, זיי זאָלן זיין אַ זאַך פון גאָרניט. מעהר ניט ווי גאָר אַ ביסעלע אור און חיות, כדי אַז זיי זאָלן זיין אין אַ בחינה פון אַ ברעג און פון אַ גרעניץ, וואָס דאָס איז גאָר אַ קליינע הארה, און עס רעכנט זיך ממש ווי גאָרניט לגבי דער בחינה פון הארה אָהן אַ גרעניץ און אַ ברעג, און צווישן זיי איז גאָר קיין ערך און קיין צושטעל ניטאָ, אזוי ווי ס׳איז באַוואוסט דער טייטש פון וואָרט „ערך״ (ב) ביי ציפערן, וואָס

ב) באַטרעף.

דער ציפער „איינס" האָט ער אַן ערך לגבי דעם ציפער פון „אַ מיליאָן", ווייל ער איז אַ מיליאָן־חלק דערפון, אָבער אַנטקעגן אַזאַ זאַך וואָס איז אין אַ בחינה פון גאָר אָן אַ גרעניץ און צאָהל, איז אנטקעגען אַזאַ זאַך גאָר קיין ערך ניטאָ אין ציפערן, וואָס אפילו טויזנט מאָל טויזנט מאָל טויזנט אָדער צעהן טויזנט מאָל צעהן טויזנט, זיינען אפילו ניט ווי דער ערך פון דעם ציפער „איינס" אַנטקעגן טויזנט מיליאָן אָדער צעהן טויזנט מאָל צעהן טויזנט, נאָר פאַררעכנט זיך ממש ווי גאָרניט. און אַט אַזוי ממש איז די בחינה פון דער קליינער הארה וואָס טוט זיך אָן אין די העכערע און נידריגערע וועלטן כדי משפיע זיין אין זיי צו באלעבן זיי — אַנטקעגן דעם באטרעף פון דעם אור וואָס איז באַהאַלטן און פאַרבאָרגען, וואָס ער איז אין אַ בחינה פון אין סוף, און ער טוט זיך ניט אָן און איז ניט משפיע אין די וועלטן אין אַ בחינה פון אַנטפלעקונג אויף צו באלעבען זיי, נאָר ער נעמט זיי אַרום פון אויבן און ווערט אָנגערופן „סובב כל עלמין". און מען מיינט ניט אַז ער נעמט אַרום און רינגלט אַרום פון אויבן אין אַ בחינה פון אָרט חס ושלום, וואָרום ביי רוחניות איז גאָרניט שייך די בחינה פון אָרט, נאָר מען מיינט זאָגן אַז ער נעמט אַרום און רינגלט אַרום פון אויבן — אַנטקעגן דעם ענין פון דער אַנט־פלעקונג פון דער השפעה, וואָרום די השפעה, וואָס זי איז אין אַ בחינה פון אַנטפלעקונג אין די עולמות, ווערט אָנגערופן מיט'ן נאָמען „הלבשה" (ג), וואָס זי טוט זיך אָן אין די וועלטן, וואָרום

ג) אָנטאָן.

זיי מאכן אָנטאָן און באַגרייפן די השפעה וואָס זיי באַקומען, אַנ־דערש אָבער די השפעה וואָס זי איז ניט אין אַ בחינה פון אַנט־פּלעקונג, נאָר פאַרבאַהאַלטן און פאַרבאָרגן, און די וועלטן באַ־גרייפן איהר ניט, — ווערט זי ניט אָנגערופן אַז זי „טוט זיך אָן"(ד) — נאָר אַז זי נעמט ארום און רינגלט ארום"(ה). דעריבער, וויבאלד די וועלטן זיינען אין אַ בחינה פון אַ גרעניץ און פון אַ ברעג, קומט דאָך אויס אַז די השפעה פון דעם אור אין סוף ב"ה טוט זיך ניט אָן און אַנטפּלעקט זיך ניט אין זיי אין אַ בחינה פון אַנטפּלעקונג, מעהר ניט ווי גאָר אַ קליין ביסל, גאָר גאָר אַ ווינציגע און אַ פאַרקלענערטע הארה, און זי איז נאָר כדי צו באַלעבן זיי אין אַ בחינה פון אַ גרעניץ און פון אַ ברעג. אָבער דער עיקר אור, אָהן אזוי פיל פארקלענערונג ווערט אָנגערופן „מקיף" און „סובב", וויבאַלד זיין השפעה אַנטפּלעקט זיך ניט אין זיי, וויבאַלד זיי זיינען אין אַ בחינה פון גרעניץ און ברעג. און דער משל אויף דעם, אָט די דאָזיגע גשמיות'דיקע וועלט, כאָטש די גאַנצע וועלט איז דאָך פול מיט זיין כבוד, און דאָס מיינט דער אור אין סוף ברוך הוא, אַזוי ווי ס'שטייט (ו) „הלא את השמים ואת הארץ אני מלא נאם ה'" —— פונדעסטוועגן טוט זיך אין איהר ניט אָן אין אַ בחינה פון אַנטפּלעקונג פון דער השפעה, נאָר גאָר ווינציג חיות, די בחינה פון דומם(ז)

ד) מתלבשת.

ה) מקפת וסובבת.

ו) ירמי' כ"ג, כ"ד : די הימל און די ערד פיל איך דאָך אָן — זאָגט ג־ט.

ז) אומבאַוועגליכע זאַכן — ווי שטיינער, ערד וכו'.

און צומח (ח) אַליין, און דער גאַנצער אור אין סוף ב"ה ווערט אָנגערופען „סובב עלי"(ט), כאָטש ער איז דאָך פאַראַן אין איהר ממש, ווייבאַלד זיין השפעה ווערט אין איהר מעהר ניט אַנטפּלעקט, נאָר ער איז משפיע אין איהר אין אַ בחינה פון באַהעלטעניש און פאַרבארגנקייט, און יעדע השפעה וואָס איז אין אַ בחינה פון באַהאַלטנקייט ווערט אָנגערופן „מקיף מלמעלה"(י), וואָרום „עלמא דאתכסיא"(יא), איז העכער אין מדרגה ווי „עלמא דאתגליא"(יב). און כדי דערנעהנטערן מעהר צום שכל, איז דאָס בדרך משל: אַזוי ווי אַ מענטש וואָס שטעלט זיך פאָר אין זיין געדאַנק עפּעס אַ זאַך וואָס ער האָט געזעהן אָדער ער זעהט, איז דאָך כאָטש אפילו אַז די גאַנצע גוף און עצם פון יענע זאַך, און זיין דרויסן און זיין אינווענינ און זיין גאָר אינוועניג, איז אינגאַנצן פאַרגעשטעלט אין זיין געדאַנק און זיין מחשבה, וואָרום ער האָט עס געזעהן איגאַנצן אָדער ער זעהט דאָס, ווערט דאָס אָנגערופן אַז זיין געדאַנק נעמט אַרום יענע זאַך אינגאַנצן, און יענע זאַך ווערט אַרומגענומען איז זיין געדאַנק און אין זיין מחשבה, נאָר זי איז ניט ארומגענומען בפועל ממש. נאָר אין דער איינבילדונג פון מענטשליכער מחשבה און זיין וויסען, אָבער דער אויבערשטער, וואָס וועגן איהם שטייט(יג): „כי לא

ח) געוואוקסן.
ט) ער רינגלט איהר ארום.
י) וואָס נעמט אַרום פון אויבן.
יא) די פאַרבאָרגענע וועלט.
יב) די אַנטפּלעקטע וועלט.
יג) ישעי' נ"ה, ח': וואָרום מיינע מחשבות זיינען ניט אייערע מחשבות.

מחשבותי מחשבותיכם" גו' איז זיין מחשבה און זיין דעת וואָס ער ווייסט אַלע באַשעפענישן, נעמט ער אַרום איטליכען באַשעפעניש פון זיין אָנהויב ביז זיין אונטן און זיין אינווענדיג און זיין גאָר אינווענינ, אַלץ בפועל ממש. למשל, אָט־די ערד־קוגל: איז דאָך זיין ווִיסן יתברך נעמט אַרום די גאַנצע גרעב פון דער ערד־קוגעל און אַלץ וואָס אין איהר אינווענדיג און גאָר אינווענינ, ביז אונטן, אַלץ בפועל ממש, וואָרום אָט־דער וויסן איז דער חיות פון דער גאַנצער גרעב פון דעם ערד־קוגל און זיין ווערן פון „אין" צו „יש", נאָר, אַז ער וואָלט ניט געוואָרן אַזוי ווי ער איז איצט, מיט אַ גרעניץ און מיט אַ ברעג און גאָר אַ קליינעם חיות וואָס איז גענוג פאַר די בחינה פון דומם(ז) און צומח(ח), אויב ניט דורך גרויסע און שטאַרקע צמצומים(יד) וואָס האָבן פאַרקלענערט דעם אור און דעם חיות וואָס איז אָנגעטאָן געוואָרן אין דעם ערד־קוגל, צו באַלעבן איהם און מאַכן איהם עקזיסטירן אין אַ בחינה פון גרעניץ און ברעג, און אין אַ בחינה פון אומבאַוועגליכע זאַכן און געוואוקסן אַליין. אָבער זיין ידיעה יתברך וואָס איז פאַראייניגט מיט זיין מהות און זיין עצמות, — וואָרום ער איז דאָס וויסן און ער איז דער וואָס ווייסט און ער איז דער וואָס ווערט געוואוסט, און וויסענדיג זיך אליין כביכול ווייסט ער אלע באַשעפענישן, און ניט מיט אַ ידיעה וואָס איז אויסער איהם, אַזוי ווי די ידיעה פון דעם מענטש, וואָרום אלע זיינען פאַראַן פון זיין אמת'קייט יתברך, און מענטש, וואָרום אַלע זיינען פאַראַן פון זיין אמת'קייט יתברך, און די דאָזיגע זאַך איז ניט אין די מעגליכקייטן פון

יד) פאַרקלענערונגען.

דעם מענטש צו באַגרייפן אים צו זיין גרונטיקייט וכו׳.* — איז אָט דער וויסן, וויבאַלד אַז עס איז אין אַ בחינה פון אין סוף, ווערט עס ניט אָנגערופן מיט׳ן נאָמען אַז עס טוט זיך אָן אין דעם ערדקוגל, ווײַלכער האָט אַ גרעניץ און אַ ברעג, נאָר עס(טז) נעמט אַרום און רינגלט ארום(ה). כאָטש אַז דער דאָזי־גער וויסן נעמט אריין זיין גאַנצע דיקקייט און זיין אינ־ווייניג בפועל ממש און מאכט איהם דורך דעם פון גאַרניט צו אַ „יש״, און אַזוי ווי עס ווערט ערקלערט אין אַ אַנדער אָרט.

הגהה

(אַזוי ווי עס שרייבט דער רמב״ם ז״ל, און ס׳האָבן מיט איהם מסכים געווען די חכמי הקבלה, אזוי ווי ס׳שטייט אין „פרדס״ פון הרב ר׳ משה קורדובירו ז״ל, און אַזוי אויך לויט דער קבלה פון דעם אר״י ז״ל אין דעם סוד פון דעם צמצום און דעם אָנטאָן־זיך פון די אורות אין כלים, אזוי ווי ס׳איז פריער ערקלערט געוואָרן, פרק ב׳). (ט״ו)).

פרק מט והנה, כאָטש אפילו די איינצעלהייטן פון דער בחינה פון דער באַהעלטעניש און פאַרבאָרגנ־

קייט פון דעם אור אין סוף ב״ה אין דעם אַראָפּ־גאַנג פון די וועלטן, ביז וואַנען עס איז באַשאַפן געוואָרן די דאָזיגע גשמיות׳דיקע וועלט — זיינען צופיל אויסצורעכענען און זיינען פון אַלערליי מינים, אַזוי ווי ס׳איז באַוואוסט צו די וואָס פאַרזוכען דעם טעם פון דעם „עץ החיים״: — אָבער אין אַלגעמיין זיינען זיי דרייערליי אַלגעמיינע, שטאַרקע

טו) ע׳ 22 [ו].
טז) דאָס וויסן.

צמצומים, פאַר די דרייערליי אַלגעמיינע וועלטן, און אין איטליכן כלל איז פאַראַן צעהנדליגער טויזנט רבבות איינצעלהייטן. און דאָס זיינען די דריי וועלטן: בריאה, יצירה, עשיה (א) וואָרום דער עולם האצילות איז ג־טליכקייט ממש, און כדי צו באַשאַפן דעם עולם הבריאה, וואָס דאָס זיינען העכערע נשמות און מלאכים, וואָס זייער עבודה צו ג־ט איז אין דער בחינה פון חב״ד וועלכע טוען זיך אָן אין זיי, און זיי באַגרייפן און זיינען מקבל פון זיי, איז (ב) פריער געווען אַ שטאַרקער צמצום ווי אויבן ערקלערט. און אַזוי אויך פון בריאה ביז יצירה. וואָרום דאָס קליין ביסל אור וואָס טוט זיך אָן אין דעם עולם הבריאה איז נאָך אַלץ אין אַ בחינה פון אין סוף אנטקעגן דעם עולם היצירה, און ער קען זיך אין איהם ניט אָנטאָן, סיידן דורך אַ פאַרקלענערונג און אַ פאַרבאָרגנקייט, און אַזוי אויך פון יצירה ביז עשיה [און אזוי ווי ס'ווערט אויספיהרליך ערקלערט אויף אַן אַנדער אָרט די ערקלערונג פון די דאָזיגע דריי צמצומים, כדי צו דער־נעהנטערן צו אונזער אָרימען שכל] און דער תכלית פון אַלע צמצומים איז כדי צו באַשאַפן דעם חומריות'דיקן קער־פער פון דעם מענטשן און איינצוביגן די סטרא אחרא. און עס זאָל זיין די מעלה פון ליכט (ג) פון פינסטערניש,

---

א) ראשי תיבות: בי״ע.
ב) כדי צו באַשאַפן דעם עולם.
ג) קומענדיג.

בעת דער מענטש דערהויבט זיין נפש האלקית און זיין נפש החיונית און זייערע לבושים און אַלע כחות פון קערפּער — אלע נאָר צו ג־ט אליין, אזוי ווי ס׳איז אויבן אויספיהרליך ערקלערט געוואָרן. וואָרום דאָס איז דער תכלית פון דעם אַראָפּקומען פון די וועלטן. והנה, אַזוי ווי וואַסער וואָס שפּיגלט אָפּ אַ פּנים צו אַ פּנים, אזוי ווי דער אויבערשטער כביכול האָט אוועקגעלייגט און האָט אָפּגעקעהרט אויף אַ זייט זיין גרויסן, אומענדליכן אור דרך משל, און האָט עס באַהאַלטן מיט דרייערליי מינים פאַרשיידענע צמצומים, און דאָס אלץ צוליב דער ליבשאפט צו דעם אונטערשטן מענטש, כדי איהם צו דערהויבן צו ג־ט, וואָרום ליבשאַפט שטופּט דאָס פלייש, איז דאָך אַ כל־שכן, אַ טאָפּעלער, אַ פילפאַכיגער, גאָר אָהן אַ ברעג, אַז אַ מענטש דאַרף אויך אַוועקלייגן און לאָזן אַלץ וואָס ער פאַרמאָגט פון דעם נפש ביז דעם גוף, און אַלץ מפקיר זיין כדי זיך צו באַהעפטן אין איהם יתברך מיט באַהעפטונג, גלוסטונג און באַגעהר, און עס זאָל ניט זיין קיין שום אָפּהאַלט פון אינווענינ און פון דרויסן, ניט קיין גוף און ניט קיין נפש און ניט קיין געלט און ניט קיין פרוי און קינדער. און דערמיט וועט זיין פאַרשטאנדיג דער ריכטיגער טעם און ערקלערונג אויף דער תקנה פון די חכמים, וואָס זיי האָבן געהייסן זאָגן די ברכות פון קריאת שמע, צוויי פאַר איהר כו׳ וואָרום אין פלוג האָבן זיי דאָך גאָר קיין שייכות ניט צו קריאת־שמע, אַזוי ווי עס שרייבט דער רשב״א און אַנדערע פוסקים. און פאַרוואָס האָט מען זיי אָנגערופן ברכות פון, קריאת־שמע, און פאַרוואָס האָט

מען זיי געהייסן זאָגן פאַר איהר דוקא? נאָר ווייל דער עיקר קריאת־שמע איז דאָך מקיים צו זיין „בכל לבבך" (ד) כו׳, — מיט דיינע ביידע יצרים (ה) כו׳, וואָס דאָס מיינט זיך אַנטקעגען שטעלן אַלץ וואָס האַלט אָפּ פון ליבשאַפט צו ג־ט, וואָס „דיין הארץ" מיינט די פרוי און קינדער וואָס דער מענטשנס הארץ איז פון נאַטור צוגעבונדען צו זיי, אזוי ווי די רז"ל האָבען געזאָגט (ו) אויפ׳ן פסוק „הוא אמר ויהי" (ז) דאָס מיינט די פרוי, „הוא צוה ויעמוד" דאָס מיינט די קינדער, און „נפשך ומאודך" (ח) מיינט לויט דעם טייטש לעבן און פרנסה, צו מפקיר זיין אַלץ צוליב די ליבשאַפט צו ג־ט. און ווי אזוי קען אַ חומריות׳דיקער מענטש צוקומען צו דער מידה? — האָט מען דעריבער מסדר געווען פריער די ברכות פון „יוצר אור", וואָס דאָרט ווערט געזאָגט און איבערגעג׳חזר׳ט אויספיהרליך דער ענין און דער סדר פון די מלאכים וואָס שטייען אין דער הויך פון דער וועלט, אויף צו מאכן וויסן דעם אויבערשטנס גרויסקייט, ווי זיי זיינען אַלע בטל צו זיין אור יתברך, און זיי זיינען „משמיעים ביראה" (ט) כו׳ און הייליגן כו׳ און זאָגען מיט מורא קדוש כו׳ וואָס דאָס מיינט אז ער איז אפגעשיידט פון זיי, און ער טוט זיך ניט אָן אין זיי אין אַ בחינה פון אַנטפלעקונג, נאָר

ד) ליב האָבן ג־ט מיט׳ן גאַנצן האַרץ.

ה) ברכות נ"ד, ע"א.

ו) שבת קנ"ב, ע"א.

ז) תהלים ל"ג, ט׳: ער האָט געהייסן און עס איז געוואָרן, ער האָט באפוילן און עס איז אויפגעשטאַנען.

ח) דיין נפש און דיין פאַרמעגען.

ט) זיי מאַכן הערן מיט מורא.

„מלא כל הארץ כבודו״ (י), וואָס דאָס מיינט די כנסת ישראל אויבן און אידן דאָ־אונטן, אַזוי ווי ס'איז אויבן ערקלערט געוואָרן, און אַזוי אויך די אופנים וחיות הקודש מיט אַ גרויס ליאַרעם וכו׳ (יא) „ברוך כבוד ה׳ ממקומו״, וואָרום זיי ווייסן ניט און באַגרייפן ניט זיין אָרט און אַזוי ווי מ'זאָגט „כי הוא לבדו מרום וקדוש״ (יב). און דערנאָך די צווייטע ברכה (יג), אהבת עולם אהבתנו ה׳ אלקינו״, וואָס דאָס מיינט אַז ער האָט געלאָזן די אַלע הייליגע הערשאַפטן פון למעלה, און האָט געמאַכט רוען זיין שכינה אויף אונז, אַז ער זאָל אָנגערופן ווערן אונזער ג־ט, אַזוי ווי „אלקי אברהם״ כו׳, ווי אויבן ערקלערט. און דאָס איז וויל ליבשאַפט שטופט דאָס פלייש, און דעריבער ווערט עס אָנגערופן „אהבת עולם״ וואָס דאָס איז די בחינה פון דעם צמצום פון זיין גרויסן, אומענדליכן אור, אויף אָנצוטאָן זיך אין אַ בחינה פון גרעניץ, וועלכע ווערט אָנגערופן „עולם״. (יד) צוליב די ליבשאַפט צו זיין פאָלק ישראל, כדי זיי צו דערנעהנטערן צו איהם, זיי זאָלן אַריינגע־נומען ווערן אין זיין פאַראייניגונג און זיין איינציגקייט יתברך, און דאָס איז וואָס מ'זאָגט „חמלה גדולה ויתירה״ (טו), וואָס דאָס מיינט מעהר ווי די נאָענטקייט פון ג־ט וואָס אין דער גאַנצער הערשאַפט פון למעלה. און „בנו בחרת מכל עם

י) די גאנצע וועלט איז פול מיט זיין כבוד.

יא) יחזקאל ג׳, י״ב: זאָגען זיי: געלויבט זאָל זיין ג־ט ברוך הוא׳ס כבוד פון זיין אָרט.

יב) וואָרום נאָר ער אליין איז הויך און הייליג (תפלת שחרית).

יג) אן אייביגע ליבשאפט האָסטו אונז ליב, ג־ט אונזער ג־ט.

יד) און דאָס אלץ. טו) אַ גרויסע, מעהרפאַכיגע דערבאַרימונג.

ולשון״ (טז) דאָס איז דער חומריות׳דיקער קערפּער וואָס אין זיין חומריות איז ער עהנליך צו די קערפּערס פון די אומות העולם, ״וקרבתנו״ וכו׳ (יז). ״להודות״ וכו׳ און דער טייטש פון הודאה וועט ערקלערט ווערן אין אַן אַנדער אָרט, ״וליחדך״ כו׳ (יח) — אַריינגענומען צו ווערן אין זיין פאַראייניגונג יתברך, אַזוי ווי ס׳איז אויבן ערקלערט גע־וואָרן. והנה, אַז דער פאַרשטאַנדיגער וועט די דאָזיגע זאַכן נעמען אין באַטראַכט אין די טיפענישען פון האַרצן און פון מוח, יעמאָלט וועט ממילא — אָט אַזוי ווי וואַסער שפּיגלט אָפּ אַ פּנים צו אַ פּנים — זיין נפש זיך צופלאַקערן און וועט זיך אָנטאָן אין אַ רוח פון גוטוויליגקייט צו באַוויליגן אַוועקצולייגן און אַוועקלאָזן ווייט פון זיך אַלץ וואָס ער פאַרמאָגט — און נאָר צו באַהעפטן זיך אין איהם יתברך און אַריינגענומען ווערן אין זיין אור מיט באַהעפטונג, באַגעהר וכו׳ אין אַ בחינה פון ״נשיקין״ און באַהעפטונג פון דעם רוח מיט׳ן רוח, ווי אויבן ערקלערט. ווי אַזוי איז אָבער די בחינה פון באַהעפטונג פון רוח מיט רוח? דעריבער זאָגט ער (יט) ״והיו הדברים האלה גו׳ על לבבך ודברת בם״ גו׳, און אַזוי ווי ס׳ווערט ערקלערט אין עץ חיים אַז דער יחוד פון נשיקין איז דער עיקר דערפון די פאַראייניגונג פון חב״ד מיט חב״ד, וואָס דאָס איז דאָס פאַרטיפן זיך אין תורה.

טז) און אונז האָסטו אויסגעקליבן פון אַלע פעלקער און שפּראַכן.

יז) און דו האָסט אונז דערנעהנטערט וכו׳ צו דאַנקען.

יח) און צו פאַראייניגן דיר.

יט) אין קריאת שמע: און די דאזיגע ווערטער גו׳ זאָלן זיין אויף דיין האַרץ און דו זאָלסט ריידן אין זיי.

און דאָס מויל איז דער אויסגאַנג פון דעם רוח און זיין אַנטפּלעקונג, אין אַ בחינה פון אָפנקייט, וואָס דאָס איז די בחינה פון ריידן אין דברי תורה. וואָרום (כ) „על כל מוצא פי ה׳ יחי׳ האדם״ פונדעסטוועגן אָבער איז ער ניט יוצא דעם חוב זיינעם מיט טראַכטן און פאַרטיפן זיך אַליין, ביז וואַנען אַז ער רעדט אַרויס מיט זיינע ליפּן, כדי ממשיך צו זיין דאַ־אונטן דעם אור פון אין סוף ב״ה ביז דעם נפש החיונית וואָס זי רוהט אין דעם מענטשנס בלוט, וואָס ווערט פון די אומבאַוועגליכע זאַכן, געוואוקסן און לעבעדיקע באַשעפע־נישן, כדי זיי אַלעמען מעלה זיין צו ג־ט צוזאַמען מיט דער גאַנצער וועלט, און זיי אריינגעמען אין זיין פאראייניגונג און זיין אור יתברך וואָס ער וועט לייכטן צו דער וועלט און איהרע איינוואוינערס אין אַ בחינה פון אַנטפּלעקונג, „ונגלה כבוד ה׳ וראו כל בשר״(כא) וגו׳, וואָס דאָס איז דער תכלית פון דער השתלשלות פון אַלע וועלטן, אַז דער כבוד פון ג־ט זאָל אָנפילן אָט די גאַנצע וועלט דוקא, אין אַ בחינה פון אַנטפּלע־קונג, איבערצוקעהרן די פינסטערניש אויף ליכטיגקייט און די ביטערקייט אויף זיסקייט, ווי ס׳איז אויבן אויספירליך ערקלערט געוואָרן. און דאָס איז דער תכלית פון דעם מענטשנס כוונה ביי זיין עבודה, ממשיך צו זיין דעם אור אין סוף ב״ה דאַ־אונטן, מער ניט, וואָס פריער דאַרף מען דערהויבן די „מיין נוקבין״, ער זאָל איהם יתברך אָוועקגעבן זיין נפש און פארמעגנס, ווי אויבן ערקלערט.

כ) דברים ח׳, ג׳: אויף אלץ וואָס גייט ארויס פון ג־ט׳ס מויל לעבט דער מענטש.

כא) ישעי׳ מ׳ ה׳: און עס וועט אַנטפּלעקט ווערן ג־ט׳ס כבוד און אַלע לעבעדיגע וועלן זעהן.

פרק נ והנה, אַט די אַלע אויבענדערמאָנטע בחינות און מד־ריגות פון אהבה זיינען פון דער „רעכטער זייט", און זיינען די בחינה פון „כהן איש חסד" און ווערן אָנגערופן „כסף הקדשים", פון דעם לשון „נכסוף נכספת לבית אביך"(א). פאַראַן אָבער נאָך אַ בחינה פון אהבה וואָס שטייגט איבער זיי אַלע, אַזוי ווי גאָלד שטייגט איבער זילבער, און דאָס איז אַן אהבה ווי פייערדיקע קוילן פון דער בחינה פון די גבורות עליונות(ב) פון בינה עילאה(ג) דאָס הייסט אַז דורך אַריינ־טראַכטן אין דער גרויסקייט פון אין סוף ב"ה וואָס פאַר איהם רעכנט זיך אַלץ ממש ווי גאָרניט — צופלאַקערט זיך און צינדט זיך אָן דער נפש צו דער טייערקייט פון דער שיינקייט פון זיין גרויסקייט, און כדי איינקוקען זיך אין דער כבוד פון דעם מלך, אַזוי ווי פייערדיקע קוילן פון אַ שטאַרקער פלאַם וואָס הויבט זיך אויף אין דער הויך, און אָפּצושיידן זיך פון דעם קנויט און דעם האָלץ אין וועלכע זי האַלט זיך אָן, און דאָס קומט דורך דעם וואָס ס'שטאַרקט זיך דער יסוד פון דעם ג־טליכן פייער וואָס איז פאַראַן אין דעם נפש האלקית, און דערפון קומט זי צו דאַרשט, און אזוי ווי ס'שטייט(ד) „צמאה לך נפשי", און דערנאָך צו דער בחינה פון „חולת אהבה"(ה) און דערנאָך קומט זי צו אז די נשמה גייט אויס ממש, אזוי ווי

א) בראשית ל"א, ל' : דו האָסט פאַרגלוסט צו דיין פאָטער'ס הויז (דאָס מיינט „כסף הקדשים" — גלוסטן צו קדושה).
ב) הויכע מדרגות פון גבורה.
ג) די העכערע בינה.
ד) תהלים ס"ג, ב' : מיין נפש דאַרשט צו דיר.
ה) שיר השירים ב', ה' : קראַנק פון ליבשאפט.

ס׳שטייט „גם כלתה נפשי״(ו), און אַט פון דאַנען איז ארויסגע־קומען דער שורש פון די לויים דאָ למטה [און לעתיד, ווען די וועלט וועט דערהויבן ווערן, וועלן זיי זיין די כהנים, און אַזוי ווי דער אר״י ז״ל שרייבט אויפ׳ן פסוק(ז) „והכהנים הלויים״, אַז די היינטיגע לויים וועלן לעתיד זיין כהנים], און די עבודה פון די לויים איז געווען אויפצוהויבן אַ קול פון געזאַנג און דאַנק מיט אַ שירה און מיט זמרה מיט אַ ניגון און מיט אַ זיסקייט, אין דער בחינה פון „רצוא ושוב״, וואָס דאָס איז די בחינה פון אַט־דער שטאַרקער ליבשאַפט, אַזוי ווי אַ פלאַם וואָס גייט אַרויס פון אַ בליץ אַזוי ווי ס׳איז פאַראַן אין גמרא [חגיגה פרק ב׳]. און עס ניט מעגליך גוט צו ערקלערן דעם דאָזיגן עניין שריפטליך, נאָר איטליכער האַרצי־גער און פארשטאנדיגער מענטש וואָס פארשטייט אַ זאַך און וועט זיך פארטיפן אויף צו פארבינדן זיין דעת און זיין פארשטאנד אין ג־ט, וועט ער געפינען דאָס גוטס און דעם באַ־האַלטענעם ליכטיגקייט אין זיין פאַרשטאַנדיקער נפש, איטליכער לויט זיין מאָס [פאַראַן איינער וואָס ווערט נתפעל כו׳ און פאַראַן איינער וואָס ווערט נתפעל כו׳] נאָך דעם וואָס פריער וועט קומען די מורא פאר זינד, ער זאָל גאָר אינגאַנצן אַוועקגיין פון שלעכטס, די זינד זאָלן ניט אָפשיידן כו׳ חס ושלום. והנה, דער סדר העבודה אין דעם עסק פון תורה און מצוות, וואָס נעמט זיך פון דער בחינה פון אַט דער שטאַרקער ליבשאַפט, איז נאָר אין דער בחינה פון „שוב״ (ח) אַליין, אַזוי ווי ס׳שטייט אין ספר יצירה, און „אויב

ו) תהלים פ״ד, ג׳: אויך גייט אויס מיין נפש.
ז) יחזקאל מ״ד, ט״ו.
ח) צוריק קומען.

דייך הארץ לויפט — קום צוריק צו אחד״. דער טייטש פון „און אויב דיין האַרץ לויפט״ — דאָס איז דער באַגעהר פון דעם נפש וואָס איז אין האַרצן אין דעם רעכטן טייל, ווען עס שטאַרקט זיך און ברענט זיך פאַנאַנדער און צופלאַקערט זיך גאָר שטאַרק, ביז וואַנען דער נפש גייט אויס ממש אויף אריינצוגיסן זיך אין איהר פאָטער׳ס שויס, דעם חיי החיים ברוך הוא און אַרויסצוגיין פון איהר תפיסה — אין דעם קערפּער־ליכן, גשמיות׳דיקן גוף, אויף צו באהעפטן זיך אין איהם יתברך — זאָל ער זיך דאַן באַטראַכטן דעם מאמר רז״ל (ט) אז „ניט ווילנדיגערהייט לעבסטו״ אין דעם דאָזיגן גוף, צו באלעבן איהם כדי ממשיך צו זיין חיים עליונים פון דעם חיי החיים ב״ה דאָ למטה, דורך דעם תורת חיים, עס זאָל זיין אַ דירה ביי די וואָס זיינען דאָ אונטן פאַר זיין אייני־גקייט יתברך אין אַ בחינה פון אַנטפּלעקונג, אַזוי ווי ס׳איז אויבן ערקלערט געוואָרן און אַזוי ווי ס׳ווערט ערקלערט און זוהר הקדוש „למהוי אחד באחד״, איז דער טייטש אַז דער יחוד וואָס איז פאַרבאָרגן — זאָל ער ווערן אין דער בחינה פון דער וועלט וואָס איז אַנטפּלעקט, און דאָס איז וואָס ס׳שטייט „לכה דודי״ (י) וכו׳ און דערמיט וועט זיין פארשטאנדיג דער מאמר רז״ל „ניט ווילענדיגערהייט לעבסטו, און ניט־ווילענדיגערהייט״ וכו׳, און נאָר, ווי אַזוי זאָל זיין זיין ווילען? און אזוי ווי ס׳וועט ערקלערט אויספיהרליך אויף אַן אַנדער אָרט, אויף אט־דער משנה „ניט־ווילענדיגערהייט לעבסטו״, מיט דער הילף פון דעם חיי החיים ב״ה.

ט) אבות פרק ד׳, מכ״ב.
י) שה״ש : גיי, מיין פריינד.

פרק נא והנה, כדי מעהר צו ערקלערן דעם לשון פון דעם ינוקא וואָס פריער (א), דאַרף מען פריער ערקלערן, מען זאָל אַביסל פאַרשטיין דעם ענין פון דעם רוהען פון דער שכינה וואָס זי האָט גערוהט אין דעם בית קדשי הקדשים, און אזוי יעדער אָרט וואו די שכינה רוהט. וואָס איז דער ענין פון דעם? די גאַנצע וועלט איז דאָך פול מיט זיין כבוד און ס'איז דאָך ניטאָ קיין פלאַץ וואָס איז ליידיג פון איהם? נאָר דער ענין איז אַזוי ווי ס'שטייט (ב) ומבשרי אחזה אלו־ה, וואָס אַזוי ווי די נשמה פון דעם מענטשן פילט דאָך אָן אַלע רמ"ח איברים פון דעם גוף פון זיין קאָפּ ביז זיינע פיס, און פונדעסטוועגן איז איהר עיקר וואוין־פלאַץ און איהר רוה־אָרט אין זיין מוח און פון דעם מוח פאַרשפּרייט זי זיך אין אלע אברים, און איט־ליכער אבר באַקומט פון איהר דעם חיות און דעם כוח וואָס איז פאַסיג פאר איהם לויט זיין צונויפשטעל און זיין אייגנשאפט: דאָס אויג—צו זעהן, און דאָס אויער—צו הערן, און דאָס מויל—צו ריידן, און די פיס — צו גיין, אַזוי ווי מ'זעהט בחוש אַז אין מוח פיהלט מען אַלץ וואָס ווערט געטאָן אין רמ"ח איברים, און אַלץ וואָס טרעפט זיך מיט זיי. והנה, די פאַרשידנקייט פון דעם באַקומען די כוחות און דעם חיות וואָס איז אין די אברים פון דעם גוף איז ניט מצד דער נשמה, מצד איהר אַליין און איהר מהות, אַז איהר מהות און איהר עצמות זאָל זיך טיילן אויף רמ"ח פאַרשיידענע טיילן וואָס זיי טוען זיך אָן אין צוויי הונדערט אכט און פערציג

א) געבראַכט געוואָרן אין פרק ל"ה.
ב) איוב י"ט, כ"ו: און פון מיין פלייש זע איך ג־טליכקייט.

ערטער לויט דעם אויסזעהן פון די טיילן פון די ערטער פון די איברים פון דעם קערפּער, וואָס לויט דעם וואָלט דאָך אויסגעקומען אַז איהר עצמות און איהר מהות וואָלט אויס־געזעהן אין אַ גשמיות׳דיקן אויסזעהן און אין אַ געשטאַלט און אַ פאָרים ווי די פאָרים פון דעם קערפּער חס־ושלום, — נאָר זי איז אינגאַנצן איין רוחניות׳דיקער עצם, אַ פּשוט׳־ער, און אויסגעטאָן פון יעדער קערפּערליכער פאָרים און פון דער בחינה און פון דעם גדר פון אָרט און פון מאָס און פון גשמיות׳דיקן גרעניץ, מצד איהר מהות און איהר עצמות, און עס איז ניט שייך אין איהר מהות און איהר עצמות צו זאָגן אַז זי איז אין מוחין וואָס אין קאָפּ מעהר ווי אין די פיס, וויבאַלד איהר מהות און איהר עצמות איז ניט אין אַ גדר און אַ בחינה פון אָרט און גשמיות׳־דיקן גרעניץ, נאָר זעקס הונדערט און דרייצן מינים כוחות און חיות זיינען אַנטהאַלטן אין איהר, אין איהר מהות און אין איהר עצמות, אַרויסצוגיין אין פועל און אין אַנטפּלעקונג פון דער פאַרבאָרגנקייט אויף צו באַלעבן די רמ״ח איברים און שס״ה אָדערן וואָס אין דעם גוף, דורך זייער אָנטאָן־זיך אין דעם נפש החיונית וואָס זי האָט אויך די דאָזיגען צוויי הונדערט אַכט און פערציק און דריי הונדערט פינף און זעכציק כוחות און חיות. והנה, וועגן דער המשכה פון די אַלע זעקס הונ־דערט און דרייצן מינים כוחות און חיות פון דער פאַבראָרגנ־קייט פון דער נשמה אין דעם גוף אַריין, אויף צו באַלעבן איהם — וועגן דעם האָט מען געזאָגט אַז דער עיקר וואוין־אָרט און רוה־פּלאַץ פון אָט־דער המשכה און פון דער אַנט־פּלעקונג איז אינגאַנצן אין די מוחין וואָס אין קאָפּ, און

דעריבער באַקומען זיי פריער דעם כוח און דעם חיות וואָס איז צוגעפּאַסט פאַר זיי לויט זייער צוזאַמענשטעל און זייער אייגענשאַפט, וואָס דאָס איז חב״ד און דער כוח פון מחשבה און אַלץ וואָס געהערט צו די מוחין, און ניט נאָר דאָס אליין, נאָר אויך די אלגעמיינקייט פון אלע המשכות פון דעם חיות צו די אנדערע איברים, איז אויך ענטהאַלטן און טוט זיך אָן אין די מוחין וואָס אין קאָפּ, און דאָרט איז דער עיקר און דער שורש פון דער המשכה, אין דער בחינה פון אַנטפלעקונג פון דעם אור און דעם חיות פון דער גאַנצער נשמה אינגאַנצן, און פון דאָרט פאַרשפּרייט זיך אַ הארה צו אַלע אַנדערע איברים, און איטליכער באַקומט דעם כח און דעם חיות וואָס איז פּאַסיג פאַר איהם לויט זיין צוזאַמענשטעל און זיין אייגנשאַפט: דער כח פון זעהן אַנטפלעקט זיך אין אויג, און דער כח פון הערן — אין אויער וכו׳ און די אַלע כחות פאַרשפּרייטן זיך פון דעם מוח, אַזוי ווי ס׳איז באַוואוסט, וואָרום דאָרט איז דער עיקר וואוין־אָרט פון דער גאַנצער נשמה, אין דער בחינה פון אַנטפּלע־קונג, וואָס דאָרט ווערט אַנטפּלעקט די אלגעמיינקייט פון דעם חיות וואָס פאַרשפּרייט זיך פון איהר. נאָר די כוחות פון דעם כללות פון דעם חיות לייכטן און פאַרשפּרייטן זיך דאָרט צו אלע איברים פון דעם קערפּער, ענהליך צו דער ליכטיגקייט וואָס פאַרשפּרייט זיך און לייכט פון דער זון אין אַלע צימערן אַריין [און אפילו דאָס האַרץ איז מקבל פון דעם מוח, און דעריבער געוועלטיגט דער מוח איבער איהם, לויט זיין געבורט, ווי ס׳ווערט אויבן ערקלערט (ג)].

ג) פרק י״ב, ע׳ [32] לב.

און אָט אזוי ממש — על דרך משל — פילט אין סוף ב״ה אָן אלע וועלטן זיי צו באלעבן, און אין איטליכער וועלט זיינען פאַראַן באַשעפענישן אָהן אַ ברעג און אָהן אן ענדע, צעהנדליגער טויזנטער רבבות מינים מדריגות מלאכים און נשמות כו׳, און אַזוי אויך די פילקייט פון די וועלטן האָט גאָר קיין ברעג און קיין גרעניץ ניט, העכער און העכער כו׳ והנה, דער מהות און עצמות פון אין סוף ברוך הוא איז גלייך אין די העכערע און נידעריגע, לויט דעם אויבן־דערמאָנטן משל פון דער נשמה, און אַזוי ווי ס׳שטייט אין תיקונים אַז „ער איז די פאַרבאָרגנקייט פון אַלע פאַרבאָרגנקייטן״, דאָס מיינט אַז אפילו אין די העכערע, פאַרבאָרגענע וועלטן איז ער אין זיי פאַרבאָרגן און באַהאַלטן, אַזוי ווי ער איז פאַרבאָרגן און באַהאַלטן אין די נידעריגע, וואָרום קיין מחשבה קען איהם גאָרניט באַגרייפן אפילו אין די העכערע וועלטן. קומט דאָך אויס אַז אַזוי ווי ער איז פאַראַן דאָרט, אָט אַזוי ממש איז ער פאַראַן אין די נידעריגע. און דער אונטערשייד צווישן די העכערע און די נידעריגע וועלטן, איז מצד דער המשכה פון דעם חיות וואָס אין סוף ב״ה איז ממשיך און באַלייכט אין אַ בחינה פון אַנטפּלעקונג פון דער פאַרבאָרגנקייט [וואָס דאָס איז איינער פון די טעמים פאַרוואָס די השפעה און די המשכה פון חיות ווערט אָנגערופן על דרך משל מיט׳ן נאָמען פון „אור״] אויף צו באַלעבן די

וועלטן און די באַשעפענישן וואָס אין זיי, וואָס די העכערע וועלטן באַקומען אין דער בחינה פון אַנטפּלעקונג אַביסל מעהר ווי די נידעריגע, און אַלע באַשעפענישן וואָס אין זיי באַקומען איטליכער לויט זיין כוח און זיין אייגענשאַפט, וואָס דאָס איז די אייגענשאַפט און די בחינה פון דער באַזונדערער המשכה וואָס אין סוף ב״ה איז ממשיך און לייכט צו איהם. און די נידעריגע, אפילו די רוחניות׳דיקע, באַקומען ניט אין אַ בחינה פון אַזאַ אַנטפּלעקונג, נאָר מיט אַ סך לבושים וואָס אין סוף ב״ה טוט אין זיי אָן דעם חיות און דעם אור וואָס ער איז ממשיך און לייכט צו זיי אויף צו באַלעבן זיי. און אַזוי שטאַרק און פיל זיינען די לבושים, וואָס אין סוף ב״ה טוט אָן און באַהאַלט אין זיי דעם אור און דעם חיות, ביז וואַנען ער האָט דערמיט באַשאַפן דעם עולם־הזה, וועל־כער איז אַ חומריות׳דיקער און אַ גשמיות׳דיקער ממש, און ער מאַכט איהם עקזיסטירן און באַלעבט איהם מיט חיות און מיט אור וואָס ער איז ממשיך, און באַלייכט איהם מיט אַן אור וואָס איז אָנגעטאָן און פאַרדעקט און באַהאַלטן אין די פילע און שטאַרקע לבושים, וואָס זיי פאַרבאַרגן און פאַר־באַהאַלטן דעם אור און דעם חיות, ביז וואַנען עס זעהט זיך ניט אָן און עס איז ניט קענטיג קיין שום אור און קיין שום חיות, מעהר ניט ווי חומריות׳דיקע און גשמיות׳דיקע זאַכן וואָס זיי קוקן אויס ווי טויטע, אָבער אין זיי איז פאַראַן אור און חיות וואָס מאַכט זיי תמיד עקזיסטירן פון גאָרניט צו אַ יש, זיי זאָלן זיך ניט אומקעהרן צו ווערן גאָר גאָרניט, ווי זיי זיינען פריער געווען. און דער אור איז פון אין סוף

ב״ה, מעהר ניט וואָס ער איז אָנגעטאָן געוואָרן אין אַ סך לבושים, און אַזוי ווי עס ווערט ערקלערט אין עץ חיים אַז דער אור און דער חיות פון דעם חומריות׳דיקן ערד־קוגל וואָס ווערט געזעהן מיט קערפּערליכע אויגן, — איז פון מלכות דמלכות פון עשיה, און אין איהר איז אַנטהאַלטן מלכות דיצירה*) וכו׳ ביז וואַנען אַז אין זיי אַלע זיינען די צעהן ספירות פון אצילות, וועלכע זיינען פאַראייניציגט מיט זייער מאציל אין סוף ב״ה.

פרק נב און אזוי ווי אין דער נשמה פון דעם מענטשן איז דער עיקר אנטפּלעקונג פון דעם אלגעמיינעם חיות — אין די מוחין, און אלע איברים באַקומען בלויז דעם אור און דעם כוח וואָס לייכט צו זיי פון דעם מקור פון דעם אנטפּלעקונג פון דעם חיות וואָס אין די מוחין, אָט אַזוי ממש — על דרך משל — איז דער עיקר פון דער אַנטפּלעקונג פון דער אַלגעמיינער המשכה פון דעם חיות אויף צו באַלעבן די וועלטן און די באַשעפענישן וואָס אין זיי — איז אָנגעטאָן און אַריינגענומען אין זיין רצון און אין זיין חכמה, און זיין בינה און זיין דעת יתברך, וואָס ווערן אנגערופן מיט׳ן נאָמען „מוחין״, און זיי זיינען די וואָס זיי־

---

*) [אין די אלטע דרוקן איז געשטאַנען „מלכות דמלכות דעשיה״ און עס ווייזט אויס אַז עס דאַרף זיין „מלכות דיצירה״, און אַזוי איז אויך אין אגרת הקודש סימן כ״ה, וואָס הויבט זיך אָן „להבין אמרי בינה״ כו׳ — וואָס ביי אונז איז פאַראַן דער כתב יד קודש אליין].

נען אָנגעטאָן אין דער תורה און איהרע מצוות. און די אנטפּלע־קונג פון דער כללות פון אָט דער המשכה איז דער מקור פון דעם חיות וואָס די וועלטן באַקומען, איטליכע באַזונדער, נאָר אַ הארה פאַרשפּרייט זיך און לייכט פון אָט־דעם מקור, עהנליך צו דעם אור וואָס פאַרשפּרייט זיך פון דער זון על דרך משל, און די כוחות פון די איברים פון גוף — פון דעם מוח וואָס איז אויבן דערמאָנט געוואָרן. און אָט דער מקור איז דער וועלכער ווערט אָנגערופן „עלמא דאתגליא״(א) און „מטרוניתא״ און „אימא תתאה״ און „שכינה״, פון דעם לשון „ושכנתי בתוכם״(ב), ווייל דער דאָזיקער מקור איז דער אָנהויב פון דער אַנטפּלעקונג פון דעם אור אין סוף ב״ה וואָס ער איז ממשיך און לייכט צו די וועלטן אין אַ בחינה פון אַנטפּלעקונג, און פון אָט דעם מקור ווערט נמשך צו יעדן איינעם דער אור און חיות פּרטי (ג) וואָס איז פּאַסיג פאַר איהם, און ער רוהט און טוט זיך אָן אין זיי אויף צו באַלעבן זיי, און דעריבער ווערט עס אָנגערופן „אם הבנים״(ד) — על דרך משל — און „כנסת ישראל״, וואָרום פון אָט דעם מקור זיינען נאצל געווארען די נשמות פון אצילות און זיינען באַשאַפן געוואָרן די נשמות פון בריאה וכו׳ און זיי אַלע זיינען נאָר פון דער פאַר־

א) וועלט פון אַנטפּלעקונג.
ב) שמות כ״ה, ח׳: און איך וועל רוהען צווישן זיי.
ג) באַזונדערער חיות.
ד) מוטער פון די קינדער.

שפרייטונג פון דעם חיות און דעם אור פון אַט דעם מקור וועל-כער ווערט אָנגערופען „שכינה", אַזוי ווי די פאַרשפרייטונג פון דער ליכטיגקייט פון דער זון. אָבער די שכינה אַליין, וואָס זי איז דער אָנהויב און דער עיקר פון דער אַנטפלעקונג וואָס אין סוף ב"ה לייכט אין די וועלטן אין דער בחינה פון אַנטפלעקונג, און זי איז דער מקור פון אַלע המשכות פון דעם חיות וואָס אין אַלע וועלטן [וואָס דער גאַנצער חיות וואָס אין זיי איז מעהר ניט אַן אור וואָס פאַרשפרייט זיך פון איהר, אַזוי ווי דער אור וואָס פאַרשפרייט זיך פון דער זון] — קענען די וועלטן ניט פאַרטראָגן און ניט פאַרנעמען דעם אור פון איהר שכינה, אַז זי זאָל רוהען און זיך אָנטאָן אין זיי ממש, אָהן אַ לבוש וואָס פאַרבאָרגט און פאַרדעקט איהר ליכטיגקייט פון זיי, זיי זאָלן ניט אינגאַנצן בטל ווערן במציאות אין זייער מקור, אַזוי ווי די ליכטיגקייט פון דער זון ווערט בטל אין איהר מקור — אין דער זון אַליין, וואָס דאָרט זעהט זיך ניט אָן די ליכטיגקייט, נאָר דער עצם זון אַליין. און וואָס איז דער לבוש וואָס קען איר באַהאַלטן און אָנטאָן איהר און ער זאָל ניט בטל ווערן במציאות אין איהר אור? דאָס איז זיין רצון און זיין חכמה יתברך וכו' וואָס זיינען אָנגעטאָן אין דער תורה און איהרע מצוות, וואָס זי איז אַנטפלעקט פאַר אונז און פאַר אונזערע קינדער, וואָרום „אורייתא מחכמה נפקת" (ה), וואָס דאָס איז די חכמה

ה) די תורה קומט אַרויס פון (ג־טליכער) חכמה.

פון למעלה וואָס זי איז גאָר אַ סך העכער פון דער וועלט וואָס זי איז אנטפּלעקט, וואָס „ער איז אַ חכם, אָבער ניט מיט קיין חכמה וואָס מיר וויסן" וכו' און אַזוי ווי ס'איז פריער ערקלערט געוואָרן אַז דער אור אין סוף ב"ה איז אָנגעטאָן און פאַראייניגט מיט חכמה עילאה, און ער יתברך און זיין חכמה זיינען איינס, נאָר, אַז זי האָט אַראָפּגעד־נידערט אין די באַהאַלטונג פון די מדרגות, פון מדרגה צו מדרגה מיט דעם אַראָפּגאַנג פון די וועלטן, ביז וואַנען זי האָט זיך אָנגעטאָן אין גשמיות'דיקע זאַכן וואָס דאָס זיינען די תרי"ג מצוות פון דער תורה. און אַראָפּגייענדיג דורך דער השתלשלות פון וועלט צו וועלט, איז אויך די שכינה אַראָפּ און האָט זיך אָנגעטאָן אין איהר אין איטליכער וועלט, און דאָס איז דער היכל פון „קדשי קדשים", וואָס אין איטליכער וועלט, און אַזוי ווי ס'ווערט ערקלערט אין זוהר און אין עץ חיים, אַז די שכינה, וואָס דאָס איז מלכות פון אצילות [וואָס דאָס איז די בחינה פון דער אַנטפּלעקונג פון אור אין סוף ב"ה און דעם חיות וואָס לייכט צו די וועלטן, און דעריבער ווערט זי אָנגערופן „דבר ה'", און „רוח פיו"(ו) כביכול, על דרך משל אַזוי ווי ביי דעם מענטשן אַנטפּעלקט דאָך דער דיבור צו די וואָס הערן זיין באַהאַלטענע און פאַרבאָרגענע מחשבה] — טוט זי זיך אָן אין דעם היכל פון קדשי קדשים פון בריאה וואָס דאָס איז חב"ד פון בריאה,

---

ו) די גייסט פון זיין מויל.

און דורך זייער אַנטאָן זיך אין מלכות פון בריאה זיינען געשאַפן געוואָרן די נשמות און די מלאכים וואָס אין בריאה, און פון דאָרט ווערט אויך נמשך דער תלמוד וואָס מיר האָבן, און אַזוי ווי ס'איז פריער ערקלערט געוואָרן אין נאָמען פון תיקונים, אַז אין דעם עולם הבריאה, לייכטן און זיינען משפיע דאָרט אין סוף ב"ה'ס חכמה און בינה און דעת אין אַ בחינה פון אַ גרויסן צמצום, כדי די נשמות און די מלאכים וואָס זיי האָבן אַ גרעניץ און אַן ענדע זאָלן קענען פאַרנעמען די השפעה פון די דאָזיגע בחינות פון חב"ד, און דעריבער נעמט זיך פון דאָרט דער תלמוד וואָס ער איז אויך די בחינה פון חב"ד, וואָרום דער תלמוד איז דאָך די קלאָרע טעמים פון די הלכות און די טעמים זיינען די בחינה פון חב"ד, און די הלכות אַליין זיינען פון אין סוף ב"ה'ס מדות, וואָס דאָס זיינען חסד, דין און רחמים כו' וואָס פון זיי נעמט זיך דער היתר און דער איסור, און דער כשר און דער פסול און דער חייב און דער פטור, אַזוי ווי ס'ווערט ערקלערט אין תיקונים, און דורך דעם אַנטאָן זיך פון מלכות פון אצילות אין מלכות פון בריאה, טוט זי זיך אָן אין דעם היכל קדשי קדשים פון יצירה, וואָס דאָס איז חב"ד פון יצירה, און בעת זיי טוען זיך אָן אין מלכות פון יצירה, ווערן באַשאַפן די רוחות (ז) און די מלאכים וואָס אין יצירה, און פון

ז) די נשמות וואָס זיינען אין מדרגה פון רוח.

דאָרט איז אויך די משנה וואָס מיר האָבן, וואָס דאָס איז געפּסק׳נטע הלכות, וועלכע ווערן אויך נמשך פון חב״ד פון אין סוף ב״ה, נאָר די בחינה פון חב״ד, וואָס דאָס זיינען די טעמים פון די הלכות, זיינען זיי אַנגעטאָן און באַהאַלטן אין די הלכות אַליין, און ניט אין אַ בחינה פון אַנטפּלעקונג, און די הלכות אַליין, וואָס זיי זיינען יאָ אין דער בחינה פון אַנטפּלעקונג, זיינען זיי די הארה פון די מידות פון אין סוף ב״ה אין אַ בחינה פון אַנטפּלעקונג, אַזוי ווי ס׳ווערט אויבן ערקלערט אין נאָמען פון די תיקונים, אַז די זעקס ספירות האָבן זייער אָרט אין יצירה, וואָס אין אַלגעמיין זיינען זיי צוויי קוין, רעכטס און לינקס; מקיל זיין — פון דער זייט פון חסד, וואָס דאָס מיינט מתיר זיין עס זאָל קענען עולה זיין צו ג־ט, אָדער מחמיר זיין כו׳ און דאָס איז אַלץ לויט דער חכמה עילאה פון אצילות, און בינה און דעת זיינען כלול אין איהר, און זיי זיינען פאַראייני־ציגט מיט אין סוף ב״ה, וואָרום אין זיי אַלע אין אַנגעטאָן חב״ד פון אצילות, וואָס דער אור אין סוף ב״ה איז פאַר־איינציגט מיט זיי מיט אַ פולשטענדיגער פאַראיינציגונג, און אַזוי, אויף אַזאַ אופן, איז די שכינה אַראָפּגעקומען און האָט זיך אַנגעטאָן אין דעם היכל קדשי קדשים פון עשיה, און איטליכע וועלט פון די דאָזיגע דריי וועלטן צוטיילט זיך אויף צעהנדליגער טויזנטערליי מדרגות, וועלכע ווערן אויך אָנגערופן באַזונדערע וועלטן, און מלכות פון אצילות

וואָס איז אָנגעטאָן אין מלכות *) פון יעדער באַזונדערער וועלט — גייט זי אַראָפּ און טוט זיך אָן אין דעם היכל קדשי קדשים וואָס אין דער וועלט וואָס איז נידעריגער פון איהם אין מדרגה. והנה, פון דער שכינה וועלכע איז אָנגע־טאָן אין דעם היכל קדשי קדשים פון יעדער אַלגעמיינער אָדער באַזונדערער וועלט, ווערט נמשך און פארשפרייט זיך פון איהר אור און חיות צו דער גאַנצער וועלט, און צו די באַשעפענישן וואָס אין איהר, נשמות און מלאכים וכו׳, וואָרום זיי אַלע זיינען באַשאַפן געוואָרן מיט די צעהן מאמרות וואָס אין מעשה בראשית, וואָס זיי זיינען דער „דבר ה׳״ (ט) וואָס ווערט אָנגערופן מיט׳ן נאָמען „שכינה״.

הגהה

*(און דערמיט וועט זיין פאַרשטאַנ־דיג דער לשון פון דעם פסוק „מלכותך מלכות כל עולמים״ (ח)).

פרק נג והנה, ווען עס איז נאָך געשטאַנען דער ערשטער בית (א), וואָס אין איהם איז געווען דער ארון און די לוחות, אין דעם בית קדשי קדשים, פלעגט די שכינה — וואָס זי איז מלכות פון אצילות, וואָס דאָס איז די בחינה פון אַנטפּלעקונג, פון אור אין סוף ב״ה — דאָרט רוהען, און איז געווען אָנגעטאָן אין די עשרת הדברות, מעהר העכער און מעהר שטאַרקער, מיט א גרויסער און שטאַרקער

ח) תהלים קמ״ה, י״ג: דיין מלכות איז אַ מלכות פון אַלע וועלטן.
ט) וואָרט פון ג־ט.
א) בית המקדש.

אַנטפּלעקונג, מעהר ווי איהר אַנטפּלעקונג, אין די היכלות פון קדשי קדשים וואָס למעלה אין די העכערע וועלטן. וואָרום די עשרת הדברות זיינען די כללות פון דער גאנצער תורה, וואָס זי קומט פון חכמה עילאה, וואָס איז אַ סך העכער פון עלמא דאתגליא (ב), און כדי אויסקריצן זיי אין די שטיינערנע, גשמיות'דיקע לוחות, איז זי ניט אַראָפּגעגאַנגען פון מדרגה צו מדרגה, לויט ווי דער סדר פון דעם אַראָפּגאַנג פון די וועלטן ביז צו דעם גשמיות'דיקן עולם־הזה, וואָרום דער גשמיות'דיקער עולם הזה פיהרט זיך, אַז עס איז אָנגעטאָן אין דער גשמיות'דיקער טבע. און די לוחות אָבער זיינען אַ ג־טליכער ווערק, און די שריפט איז אַ ג־טליכע שריפט, איז העכער פון דער נאַטור פון דעם גשמיות'דיקן עולם הזה, וועלכער באַקומט די השפעה פון דער הארה פון דער שכינה וואָס אין היכל קדשי הקדשים פון עשיה, וואָס פון איהר ווערט נמשך אור און חיות צו דעם עולם העשיה, וואָס דער עולם הזה איז אויך אין זיין כלל. נאָר די בחינה פון חכמה עילאה פון אצילות, וואָס זי איז די כללות פון דער תורה וואָס אין עשרת הדברות, האָט זיך אָנגעטאָן נאָר אין מלכות פון אצילות און פון בריאה אַליין, און זיי אַליין, וואָס זיינען פאַראייניציגט מיט דעם אור אין סוף וואָס אין זיי, זיי ווערן אָנגערופן מיט'ן נאָמען „שכינה”, וועלכע רוהט אין דעם קדשי הקדשים פון דעם ער־שטן בית (א), דורך איר אָנטאָן זיך אין די עשרת הדברות וועלכע זיינען אויסגעקריצט אין די לוחות וואָס אין דעם ארון דורך

ב) וועלט פון אַנטפּלעקונג.

אַ נס און זיינען די ווערק פון אלקים חיים (ג) [וואָס דאָס איז „עלמא דאתכסיא״ (ד), וועלכע וואוינט אין דעם עולם הבריאה אַזוי ווי ס׳איז באַוואוסט צו די יודעי ח״ן]. און אין דעם צווייטן בית (א) וואָס אין איהם איז ניט געווען דער ארון און די לוחות, האָבן די רז״ל (ה) געזאָגט אַז די שכינה פלעגט דאָרט ניט רוהען, דאָס מיינט די מדרגה פון שכינה וואָס פלעגט רוהען אין דעם ערשטן בית ניט לויט דעם דרך פון די השתלשלות פון די וועלטן, נאָר אין דעם צווייטן בית פלעגט זי רוהען לויט דעם סדר פון השתלשלות און פון דעם אָנטאָן־זיך פון מלכות דאצילות אין מלכות דבריאה, און פון בריאה אין מלכות דיצירה, און פון יצירה אין דעם היכל קדשי קדשים פון עשיה, און דער קדשי קדשים פון עשיה פלעגט זיך אָנטאָן אין דעם קדשי קדשים וואָס אין דעם בית המקדש וואָס דאָ למטה, און ס׳פלעגט אין איהם רוהען די שכינה — מלכות פון יצירה וועלכע איז אָנגעטאָן אין דעם קדשי קדשים פון עשיה, און דעריי־בער פלעגט קיין מענטש ניט טאָרן אַריינגייען דאָרט, סיידן דער כהן גדול אום יום כיפור. און זינט ס׳איז חרוב געוואָרן דער בית המקדש, האָט ניט דער אויבערשטער אין זיין וועלט, נאָר די פיר איילן פון הלכה אליין, און אפילו איינער וואָס זיצט און איז עוסק אין תורה — איז די שכינה מיט איהם, ווי עס שטייט אין דעם ערשטן פרק פון ברכות (ו), און

ג) דעם ג־ט פון לעבן.
ד) וועלט פון פארבאָרגנקייט.
ה) יומא צ״א, ע״ב.
ו) דף ו׳ ע״א.

„די שכינה מיט איהם" מיינט לויט דעם דרך פון השתלשלות און דעם אַנטאָן־זיך פון מלכות דאצילות אין מלכות דבריאה און יצירה און עשיה. **וואָרום די תרי"ג מצוות פון דער** תורה מעהרסטייל, כמעט אינגאַנצן זיינען מצוות מעשיות, און אויך די וועלכע ווענדן זיך אין ריידן און טראַכטן, אַזוי ווי לערנען תורה און בענטשן נאָכ'ן עסן און קריאת־שמע און תפילה — האַלטן מיר דאָך אַז טראַכטן רעכענט זיך ניט ווי אויסריידן, און ער איז ניט יוצא דעם חוב זיינעם מיט טראַכטן און מיט כוונה אַליין, ביז וואַנען ער וועט ניט אַרויס־ריידן מיט זיינע ליפּן און מיר האַלטן דאָך אַז פאַרבויגן די ליפּן הייסט אַ מעשה. **און די תרי"ג מצוות פון דער** כת"ר (ז) וואָס דאָס איז דער רצון העליון ב"ה, וואָס איז אַנגעטאָן אין זיין חכמה יתברך וועלכע איז פאַראייניגט מיט דעם אור א"ס ב"ה, מיט אַ פולשטענדיגער פאַראייניגונג, און „ה' בחכמה יסד ארץ" (ח) — וואָס דאָס (ט) מיינט תורה שבעל פה, וועלכע קומט פון חכמה עילאה, אַזוי ווי ס'שטייט אין זוהר „אבא יסד ברתא" (י), און דאָס מיינט וואָס דער ינוקא האָט געזאָגט אַז דער אור פון למעלה וואָס איז אַנגעצונדן

ז) זעקס הונדערט און צוואַנציג — די גימטריא פון „כתר" — קרוין.
ח) משלי ג', י"ט: ג־ט ב"ה האָט מיט חכמה געגרינדעט די וועלט.
ט) דער וואָרט „ארץ".
י) דער פאָטער (חכמה) האָט געגרינדעט די טאָכטער (מלכות, תורה שבעל פה).

אויפ׳ן קאָפּ, וואָס דאָס איז די שכינה, דאַרף האָבן בוימל, וואָס דאָס מיינט אָנטאָן זיך אין חכמה וועלכע ווערט אָנגע־רופן „שמן משחת קודש" (יא), אַזוי ווי ס׳שטייט אין זוהר — און דאָס זיינען די גוטע מעשים, וואָס דאָס זיינען די תרי"ג מצוות וועלכע נעמען זיך פון זיין חכמה יתברך, כדי אָנצו־האַלטן דעם אור פון דער שכינה אין דעם קנויט וואָס דאָס איז דער נפש החיונית וואָס אין גוף וואָס זי ווערט אָנגע־רופן אַ קנויט על דרך משל. וואָרום אַזוי ווי אין דעם גשמיות׳דיקן ליכט לייכט דאָס ליכט דורך דער פאַרניכטונג און דעם פאַרברענען פון דעם קנויט וועלכער ווערט פאַר־וואַנדלט אין פייער. אַזוי אויך רוהט דאָס ליכט פון דער שכינה אויף דעם נפש האלקית דורך דעם וואָס דער נפש הבהמית ווערט פאַרלענד און ווערט איבערגעקעהרט פון פינסטערניש אויף ליכטיגקייט און פון ביטערקייט אויף זיס־קייט ביי די צדיקים, אָדער אָמווייניגסטן דורך דער פאַר־לענדונג פון איהרע לבושים וואָס דאָס זיינען מחשבה דיבור און מעשה, און זייער איבערקעהרונג פון דער פינסטערניש פון די קליפות צו דער ליכטיגקייט פון ג־ט, דער אין סוף ב"ה, וואָס איז אָנגעטאָן און פאַראייניגט אין מחשבה דיבור און מעשה פון די תרי"ג מצוות פון דער תורה ביי בינונים, וואָרום דורך דעם איבערקעהרן פון נפש הבהמית וואָס זי קומט פון קליפת נוגה, פון פינסטערניש אויף ליכטיגקייט

יא) בוימל פון הייליגע זאַלבונג.

וכו׳ ווערט די בחינה פון מעלה זיין מיין נוקבין (יב) אויף ממשיך זיין דעם אור פון דער שכינה, וואָס דאָס איז די בחינה פון דער אַנטפּלעקונג פון דעם אור אין סוף ב״ה אויף זיין נפש האלקית וואָס איז אין די מוחין וואָס אין זיין קאָפּ. און דורך דעם וועט זיין גוט פאַרשטאנדיג דאָס וואָס שטייט „כי ה׳ אלקיך אש אוכלה הוא״ (יג) און אַזוי ווי ס׳ווערט ערקלערט אויף אַן אַנדער אָרט.

נשלם חלק ראשון בעזרת ה׳ יתברך ויתעלה *)

יב) דאָס וואָס עס איז עולה למעלה די עבודה פון למטה.
יג) דברים ד׳, כ״ד: וואָרום ג־ט, דיין ג־ט, איז אַ ברענענדיגער פייער.
*) פאַרענדיקט דער ערשטער טייל מיט די הילף פון ג־ט יתברך ויתעלה.



פאַקסימיליא פון כתב יד פון תניא.

ספר

לקוטי אמרים

חלק ראשון הנקרא בשם ספר של בינונים

מלוקט מפי ספרים ומפי סופרים קדושי עליון נ"ע מיוסד על פסוק כי קרוב אליך הדבר מאוד בפיך ובלבבך לעשותו לבאר היטב איך הוא קרוב מאד בדרך ארוכה וקצרה בעזה"י:

נדפס

בסלאוויטא

תחת ממשלת אדונינו המיוחס הגדול החסיד הדוכס חרייאים סאנגושקי וואייוואדי וואלינסקי סטארסטי טשערקסקי אורדערא ציינעגא ארלא יר"ה:

בשנת כי קרוב אליך הדבר מאוד בפיך ובלבבך לעשותו לפ"ק

פאַקסימיליא פון דעם שער בלאַט פון דער ערשטער אויסגאַבע פון תניא

נסדר ונדפס בדפוס „עזרא"
ע"י הת' מרדכי בן רחל
והת' שלו' דובער בן אסתר הדסה

תקון טעות:

אין פרק מ״ב, ע׳ [נט] קיז, **הערה ה, די זיבן פּאַסטוכער:**
דאַרף זיין: אדם, שת, מתושלח, אברהם, יעקב, משה, דוד.
(זע סוכה נ״ב, ע״ב).